STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10472

VEN DI VISL HOT GEREDT YIDISH

Sh. L. Shnayderman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. שניידערמאַן

*

ווען די ווייסל האָט גערעדט יידיש

ביכער־סעריע פון „זרובבל—פועלי־ציון״־קרייז אין אַמעריקע

ש. ל. שניידערמאן

ווען די ווייסל האט גערעדט יידיש

אילוסטראַציעס פון חיים גאָלדבערג

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, תשל״א, 1970

S. L. SHNEIDERMAN
WHEN THE VISTULA
SPOKE YIDDISH

©
Copyright 1970
S. L. Shneiderman, New York, U.S.A.
I. L. Peretz Publ. House. 31, Allenby St., Tel Aviv

ש. ל. שניידערמאַן / ווען די ווייסל האָט גערעדט יידיש
פאַרלאַג י. ל. פרץ, אלנבי 31, תל־אביב

נדפס בישראל תשל״א
Printed in Israel, 1970

דפוס „אורלי״, תל־אביב

„ווען די וויסל האָט גערעדט יידיש" איז אַ דערפאַרונג, צו וועלכער מיין לעבנס־באַגלייטערין, האַלאַ, איז אַ גלייכער שותף. זי האָט מיט מיר מיטגעמאַכט די פיינלעכע נסיעות קיין קוזמיר און די אַנדערע טויטע יידישע שטעטלעך אין פוילן, מיך דערמוטיקט אין די גראַנגלעגישן ביים שרייבן דאָס בוך און אויך געהאָלפן צוגרייטן דעם מאַנו־סקריפט צום דרוק.

ש. ל. ש.

ביכער פון ש. ל. שניידערמאַן:

גילדערנע פייגל (לידער), וואַרשע, 1928

פייערן אין שטאָט (לידער), וואַרשע, 1934

צווישן נאַלעווקעס און אייפל־טורעם (רעפּאָרטאַזשן),
מיט אַן הקדמה פון עגאָן ערווין קיש, וואַרשע, 1935

Od Nalewek do Wieży Eifla, Warszawa, 1936

קריג אין שפּאַניע (רעפּאָרטאַזשן), וואַרשע, 1938

צווישן שרעק און האָפענונג (פּוילן נאָכן קריג),
בוענאָס־איירעס, 1947

Between Fear and Hope, New-York, 1947

The Warsaw Heresy, New-York, 1959

איליאַ ערענבורג, ניו־יאָרק, 1968.

אינהאַלט

I	די לעצטע יידישע אותיות	9
II	די רענעסאַנס־שטאָט	20
III	יידישע פּאַטריציער	29
IV	ר׳ יחזקאלע קוזמירער	36
V	יחזקאל האָגע — משומד און בעל־תשובה	44
VI	יידיש־פּוילישע אידיליע	72
VII	ווען די ווייסל האָט גערעדט יידיש	78
VIII	ז. סעגאַלאָוויטש — דער באַזינגער פון „קאַזשמעזש״	84
IX	שטורמישע יאָרן	88
X	געפּלאַצטע אילוזיעס	99
XI	די אסתרקע־לעגענדע	104
XII	„צוויי לבנות״ — צוויי וועלטן	113
XIII	חורבן קוזמיר	122
XIV	נאָכן מבול	131
XV	ושמה לא תעבור	142
XVI	קוזמיר — אָן יידן	147
XVII	די טויטע יידישע שטעטלעך	158
XVIII	„זיי און מיר״	221
XIX	אַ גוטע נאַכט, מיין שטעטל	226

I

די לעצטע יידישע אותיות

בלויז עטלעכע יידישע אותיות זענען פֿאַרבליבן ווי אַ זכר פֿון דער 700־יאָריקער ק״ק קוזמיר ביים ברעג פֿון דער ווייסל, אין מדינת פּוילן. דאָס זענען די אותיות פֿון „שיויתי״, וואָס קוקן אַראָפּ פֿון דעם הויכן, דעמבענעם באַלקן אין אַ געמויערט הויז אויפֿן מאַרק־פּלאַץ פֿון שטעטל, ווו ס׳איז מער נישטאָ אַפֿילו קיין איינציקער ייד.

די גאָטיש־געפֿאַרמטע אותיות מרובעות, וואָס הויערן איבער די באַ־קרוינטע קעפּ פֿון צוויי לייבעלעך מיט מענטשלעכע פּנימער; די רויזעלעך און אַנדערע סינאַגאָגאַלע אָרנאַמענטן, אַלץ געשניצט אין רעליעף, זאָגן עדות, אַז זיי שטאַמען פֿון פֿריען רענעסאַנס און אַז אין אָט דעם פֿעסטונג־אַרטיקן הויז האָט אַמאָל זיך געפֿונען אַ שול.

אין די דברי־הימים וועגן קוזמיר, וואָס גרייכן ביז די צייטן פֿון ערשטן פּוילישן כראָניקער יאַן דלוגאָש, ווערט נישט דערמאָנט, אַז אויפֿן מאַרק־פּלאַץ פֿון שטעטל, דערצו נאָך אין שכנות פֿון די צווילינג־הייזער פֿון די פּשיבילאָ־ברידער מיט די באַרעליעפֿן פֿון קריסטלעכע הייליקע, זאָל זיך האָבן געפֿונען אַ שול. עס האָבן אויך וועגן דעם נישט געוווּסט די יידן פֿון קוזמיר, וועלכע האָבן זינט דורות פֿאַרנומען אַלע הייזער און קראָמען אויפֿן מאַרק־פּלאַץ. עס האָט וועגן דעם אַפֿילו נישט געאָנט דער לעצטער באַלעבאָס פֿון דעם הויז, דער שטעטלדיקער גביר ר׳ אהרן לוס־טיק — אַ מיטל־וווּקסיקער, ברייט־פּלייציקער ייִד מיט אַ קוטשעראַוווער שוואַרצער באָרד און פֿריילעכע אויגן, וואָס האָבן אַזוי האַרמאָניזירט מיט זיין נאָמען.

ערשט נאָכן היטלער־חורבן, ווען דאָס הויז פֿון ר׳ אהרן לוסטיק איז

געירשנט געוואָרן דורך אַ פֿויער פֿון אַ שכנותדיקן דאָרף, האָבן אויפֿן דעמבענעם באַלקן, פֿון אונטער דעם זיך־קרישלענדיקן קאַלך, זיך גענומען אַנטפּלעקן די יידישע אותיות און די סיגאַגאַנאַלע אָרנאַמענטן, ווי אַ דער־מאָנונג וועגן דער אָפּגעווישטער יידישער קהילה.

די גרויסע קוזמירער שול, וואָס איז לויט דער פֿאָלקס־לעגענדע געבויט געוואָרן דורך דעם מלך חסד, קאַזשימיעזש דעם גרויסן, ווי אַ מתנה פֿאַר זיין יידישער געליבטער, אסתרקע, איז געוואָרן אויסגעפּלינדערט ערשט נאָך דער באַפֿרייונג. ווי נאָר די לעצטע דייטשע סאָלדאַטן זענען אין פֿרילינג פֿון יאָר 1945 אַוועק פֿון שטעטל, האָבן די נייע פּוילישע איינוווינער, וועלכע האָבן אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע פֿאַרנומען די יידישע הייזער אויפֿן מאַרק־פּלאַץ, ווי היישעריקן זיך געוואָרפֿן אויף דער שול, וואָס איז ניצול געוואָרן פֿון די באָמבאַרדירונגען און נאַצישן וואַנדאַליזם. זיי האָבן זיך צעטיילט מיט דעם געהילץ פֿון געשניצטן מאָנומענטאַלן באַלעמער; מיט די דעמבענע שטענדערס און בענק, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן די שפּורן פֿון דורות מתפּללים: אויסגעקריצטע נעמען, דאַטעס און אין אייניקע פֿאַלן אויך אָרנאַמענטן. פֿאַרשוווּנדן איז אויך די ביז גאָר אָריגינעלע אַכטקאַנטיקע, הילצערנע געוועלבונג, וואָס איז געווען באַדעקט מיט מאָלערייען פֿון סימבאָלישע חיות, פֿייגל, פֿיש און לאַנדשאַפֿטן פֿון ארץ־ישראל מיט דער מערת המכפּלה, רחלס קבר און די כותל המערבי. געבליבן זענען בלויז די נאַקעטע דיקע מויערן, וואָס די נייע קאָמוניסטישע שטאַט־פֿאַרוואַלטונג האָט גענוצט פֿאַר דעם ערשטן קינאָ־זאַל אין שטעטל.

עס איז אויך אָפּגעווישט געוואָרן דער אַלטער בית־עלמין, ביים סוף פֿון דער לובלינער גאַס, וווּ עס האָט זיך געפֿונען דער אוהל פֿון גרינדער פֿון דער קוזמירער חסידישער דינאַסטיע, ר׳ יחזקאל קוזמירער (טאַוב), ווי אויך די זעלטענע פֿאַליכראָמירטע מצבות און סאַרקאָפֿאַגן אויף די קברים פֿון די יידישע פּאַטריציער, די גרויסע תבואה־ און וואַלד־סוחרים, וועלכע האָבן דאָס שטעטל ביי דער ווייסל פֿאַרוואַנדלט אין אַ „קליין דאַנציק״. מיט די דאָזיקע מצבות איז געוואָרן אויסגעפּלאַסטערט דער הויף אין אָרטיקן קלויסטער פֿון רעפֿאָרמאַטאָרן־אָרדער.

אַזוי אַרום זענען די לעצטע באַמערקבאַרע שפּורן פון יידישן קוזמיר געוואָרן אָפּגעווישט ביים סאַמע אָנהייב פון דער פּוילישער פאָלקס־רעפּו־בליק. די אַנטפּלעקטע יידישע אותיות אין דעם הויז אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען דעריבער געווען ווי אַ מין „מנא מנא תקל ופרסין”, וואָס עפּעס אַן אומזעבאַרע האַנט האָט אָפּגעהילט, ווי אַ וואָרענונג צו די בייזוויליקע פאַרלייקענער און פאַרלענדער פון יידישן עבר אין דעם אוראַלטן ישוב.

צי דאָס הויז איז טאַקע אורשפּרינגלעך געווען אַ שול, אָדער דער באַלקן איז בלויז אַן איבערבלייבעניש פון אַ חרוב־געוואָרענעם שול־בנין — וועט מען שוין קיינמאָל נישט דערגיין. איינס איז אָבער זיכער, אַז די שניצערייען און די אותיות אויף דעם באַלקן זענען פיל עלטער און נעענטער צו דער אסתרקע־לעגענדע, ווי די לעצטע קוזמירער שול.

די מייסטער־שניצערייען אינעם הויז אויפן מאַרק־פּלאַץ האָב איך געזען, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין קוזמיר אין יאָר 1955 — צען יאָר נאָך דער באַפרייונג פון פּוילן. בעת אַ פריערדיקער נסיעה, גלייך נאָך דער באַפרייונג, האָב איך נישט באַוויזן צו דערפאָרן צו מיין היים־שטעטל, ווו עס האָבן נאָך געוועלטיקט די אַזוי־גערופענע „מענטשן פון וואַלד” — די פּוילישע אַנטיסעמיטיש־נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, וועלכע האָבן פאַרגעזעצט דעם נאַצישן יאָגד אויף די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן.

מיין וועגווייזער צו דער „אַרכעאָלאָגישער אויסגראָבונג”, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נישט אין די טיפענישן פון דער ערד, נאָר אויפן באַלקן פון אַ נישט־צעשטערט הויז, איז געווען דער פּוילישער אַרכיטעקט און היסטאָריקער קאַראָל סיטשינסקי, וועלכער האָט במשך פון יאָרן געפירט זיין פּריוואַטע מלחמה קעגן דעם וואַנדאַליזם פון אָפּווישן די היסטאָרישע יידישע איבערבלייבענישן אין קוזמיר און אין די אַרומיקע טויטע יידישע שטעטלעך אויףביידע ברעגן פון דער ווייסל.

דער אַרכיטעקט סיטשינסקי, וועלכער האָט מיט גרויס פּיעטעט גע־פאָרשט די געשיכטע פון קוזמיר און אָפּגעראַטעוועט פון פאַרניכטונג צאָל־רייכע אַרכיטעקטאָנישע מאָנומענטן אין שטעטל, האָט דאָס פאַר מיר אַרויסגערוקט די השערה, אַז אין דעם הויז, ווו ער האָט אַנטדעקט דעם

געשניצטן באַלקן, האָט זיך געפונען איינע פון די עלטסטע, אויב נישט די סאַמע ערשטע שול אין שטעטל, וואָס איז געבויט געוואָרן ביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט. קוזמיר האָט שוין דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאָר וויכטיקן האַנדלס־צענטער אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט — אויפן וועג צווישן קראָקע און דאַנציג. הגם עס זענען שוין געהאַט נאָטירט געוואָרן פאַלן פון דיסקרימינאַציעס לגבי יידן, נאָך אַ פעריאָד פון טאָ־לעראַנץ, האָבן אָבער די קוזמירער יידן פאַרנומען גאָר אַן אָנגעזעען אָרט אין דעם פאַרצווייגטן מסחר פון דער קעניגלעכער שטאָט.

די גרויסע שול, וואָס די קוזמירער יידן האָבן אַזוי עקשנותדיק צו־נויפגעוועבט מיט דער אסתרקע־לעגענדע, איז געבויט געוואָרן פיל שפּע־טער און דאָס שוין נישט אויפן מאַרק־פּלאַץ, נאָר אין אַ הינטער־געסל — דער ערשטער סימפּטאָם פון צוימען די פּריווילעגיעס פון יידן אין די פּוילישע שטעט.

מיט אַ געפיל פון שטאָלץ האָט אַרכיטעקט סיטשינסקי מיר אָנגעוויזן אויף דעם באַלקן, וואָס איז אויף זיין איניציאַטיוו געוואָרן אָפּגערייניקט פון די דיקע שיכטן קאַלך און די אויפגעדעקטע שול־שניצערייען זענען אַרונטערגענומען געוואָרן אונטערן שוץ פון דער מלוכהשער קאָמיסיע פאַרן אָפּהיטן היסטאָרישע מאָנומענטן.

אַן אויסדרוק פון אויפריכטיקער פאַרלעגנהייט האָב איך באַמערקט אויפן געזיכט פון מיין באַגלייטער, ווען אַריינקומענדיק אין דער דירה, האָבן מיר דעם באַלעבאָס געטראָפן ביים שניידן די ריפּן פון אַ פריש־געקוילעטן חזיר, וואָס איז צעלייגט געווען אויף אַ לאַנגן טיש. צווישן די צווי געוועלבטע פענצטער, הויך אויף דער וואַנט, איז געהאָנגען אַן אָפּ־געבלאַקעוועטער אויל־דרוק פון אַ מאַדאָנע, וועמענס טרויעריקע בליקן זענען געווענדט געווען צו דעם „שויתי״ אויף דעם פריש־פּאַלירטן דעמ־בענעם באַלקן.

אַ צווייטע איבערבלייבעניש פון יידישן קוזמיר האָב איך דעם זעלבן טאָג געזען אין די אַרכיוון פון ראַטהויז. דאָס איז אַ דיק בוך פון גרויסן פאָרמאַט מיט אַש־גרויע דיקע בלעטער, געבונדן אין געלן, ממש־דורכ־זיכטיקן פּאַרמעט. זינט דער צעטיילונג פון פּוילן זענען אין דעם בוך

פֿאַרשריבן געוואָרן, אין רוסיש, די געבורטן ביי די שטעטלדיקע יידן. איך האָב דאָרט געפֿונען מיין אייגענעם נאָמען און אויך די נעמען פֿון עטלעכע דורות פֿון מיין משפחה — און דאָס אויף די סאַמע ערשטע זייטן, פֿון וועלכע די צייט האָט אויפֿגעגעסן די טינט־קאָנטורן פֿון די אותיות און איבערגעלאָזט פֿון זיי בלויז אַ ראָזעווען שאָטן.

*

אין קוזמיר, מער ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן יידישן שטעטל אין פּוילן, זענען די פּעדים פֿון לעגענדע און ווירקלעכקייט במשך פֿון יאָר־הונדערטער געוואָרן צונויפֿגעהאָפּטן אין אַ נאַטירלעך געוועב, וואָס די פֿאַרשער פֿון דער פּוילישער געשיכטע האָבן קוים געקענט פֿונאַנדערטיילן.

פּונקט אַזוי אומצעטיילבאַר איז דער אָנוווּקס פֿון פּוילישע און יידישע געשעענישן, וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט זינט דעם סאַמע באַגינען פֿון דעם ישוב, נאָך איידער קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט אין 14טן יאָרהונדערט דאָרט אויפֿגעשטעלט זיין זומער־פּאַלאַץ. די מאַיעס־טעטישע חורבות פֿון דעם פּאַלאַץ פֿון ווייסן קאַלך־שטיין הויבן זיך אַרויס איבער דעם העכסטן באַרג־פּלאַך פֿון שטעטל. זיי בלענדן גין־גאָלדיק אין דער זומערדיקער זון און גיסן זיך צונויף מיטן שניי אין ווינטער.

אין שכנות געפֿינט זיך דער קיילעכדיקער טורעם, די „באַשטע”, וואָס האָט געדינט ווי אַ לאָמטערן פֿאַר דעם לעבהאָפֿטן שיפֿן־פֿאַרקער אויף דער ווייסל, ווען קוזמיר איז געווען אַ וויכטיקער אָפּשטעל־פּונקט אויף פּוילנס וואַסער־וועג צווישן קראָקע און דאַנציק. לויט דער לעגענדע, האָט פֿון דעם טורעם אין קוזמיר געפֿירט אַן אונטערערדישער וועג צום שלאָס אין דערבייאיקן באָקאָטניצאַ, וואָס דער קיניג זאָל האָבן אויפֿגעבויט פֿאַר זיין יידישער געליבטער, אסתרקע.

אין די איינזאַמע טעג און נעכט, ווען איר האַר און געליבטער איז אין קראָקע, אויפֿן וואַוועל, געווען פֿאַרנומען מיט דרינגנדיקע מלוכהשע ענינים אָדער האָט זיינע חיילות געפֿירט אין די שלאַכטן מיט די שונאים פֿון פּוילן, האָט די טאָכטער פֿון יידישן שניידער פֿון אָפּאָטשנע געהאָפֿטן אַ פּרוכת פֿאַרן אָרון־קודש.

חוץ דער קוזמירער שול זענען אין פּוילן געווען נאָך דריי שולן, וואָס זענען פֿאַרוועבט געוואָרן אין דער אסתרקע־לעגענדע. דאָס זענען די שולן אין צויזמיר (סאַנדאָמיעזש), שידלאָווע און אָפּאָטשנע — דאָס שטעטל ווו אסתרקע זאָל האָבן געבוירן געוואָרן.

די דאָזיקע שולן זענען, אפֿנים, געבויט געוואָרן דורך דעם זעלבן אַרכיטעקט, וואָס האָט געבויט די שול אין קוזמיר. מען האָט עס געדרונגען פֿון דער ענלעכקייט פֿון סטיל און די אָרנאַמענטן אויף די ווענט — די קעניגלעכע קרוינען, אָדלערס און אַנדערע סימבאָלן פֿון דער צייט פֿון קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן.

לויט דער מסורה זאָלן אין די פֿונדאַמענטן פֿון די פֿיר שולן האָבן איינגעמויערט געוואָרן שטיינער פֿון דער כותל־המערבי, וואָס זענען פֿון ירושלים געבראַכט געוואָרן דורך סוחרים פֿון האַנדלס־קאַראַוואַנען אָדער פּוילישע אַנטיילנעמער אין די קרייצצוגן.

אַזוי איז די דאָזיקע אסתרקע־לעגענדע איבערגעגאַנגען פֿון דור צו דור און די קוזמירער יידן האָבן געגלויבט, אַז דאָס פּרוכת פֿון דער אַלטער שול, וועמענס צענטראַלער מאָטיוו איז געווען אַ פֿייער־שפּייענדיק מאָנסטער־באַשעפֿעניש, האָט איבערגעלעבט אַלע מלחמות און שריפֿות, וואָס האָבן אין פֿאַרלויף פֿון יאָרהונדערטער פֿאַרלענדט די הילצערנע און געמויערטע שולן, ביז דער לעצטער געמויערטער שול־בנין איז געוואָרן אויפֿגעשטעלט ביים אָנהייב פֿון 18טן יאָרהונדערט.

דאָס מאָנסטער־באַשעפֿעניש אויפֿן פּרוכת איז אינטערפּרעטירט געוואָרן ווי דער גן־עדנדיקער נחש, וואָס האָט חוהן צוגערעדט צו געניסן די פּרוכט פֿון פֿאַרבאָטענעם בוים. דאָס האָט זייער גוט האַרמאָניזירט מיט דער פֿאַרביקער אסתרקע־ראָמאַנטיק.

דער באַוווּסטער פּוילישער קונסט־היסטאָריקער, וואַצלאַוו הוסאַרסקי, מחבר פֿון דער גרינטלעכסטער מאָנאָגראַפֿיע וועגן קוזמיר, האָט אָבער באַהויפּטעט, אַז דאָס פּרוכת איז געווען פֿון „כינעזישער אויסאַרבעטונג". ער האָט אַרויסגערוקט די השערה, אַז דאָס פּרוכת איז געוואָרן איינגעקויפֿט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט, ווען אין גאַנץ אייראָפּע האָט געהערשט אַ מאָדע אויף כינעזישע זאַכן.

די שלאַנג אויפן פּרוכת האָט טאַקע געהאַט אַלע כאַראַקטעריסטיקס פון אַ כינעזישן דראַגאָן. דערביי זענען פון גאָר אַן אַנדער טאַנירונג געווען די גאָלד־פעדים, מיט וועלכע עס זענען אין ביידע עקן, פון אויבן, געווען אויסגעהאַפטן צוויי כתרים און פאַרשידענע אַראַבעסקן, און דאָס אין שאַרפן קאָנטראַסט צום סטיל פון דעם צענטראַלן מאָטיוו.

דאָס דאָזיקע פּרוכת איז אין דער אַלטער קוזמירער שול אויפגעהאַנגען געוואָרן בלויז אין די ימים־טובים און דאַן איז די שול פון מעת־לעת צו מעת־לעת באַוואַכט געוואָרן דורך דער חברה קדישא. דורך דער איבעריקער צייט פון יאָר האָט דאָס פּרוכת און די אַנדערע כלי־קודש פון דער שול זיך געפונען אין אַן אייזערנער קאַסע ביים „דאַנציקער סוחר" ר' וועווטשע בראַמבערג, וועלכער האָט איינגעהאַלטן דעם שם פון שטעטלדיקן גביר אַפילו נאָך דעם, ווי ער איז שוין געווען אַ יורד און די האָלץ־מסחרים מיט דאַנציק האָבן באַלאַנגט צו דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. ער איז אָבער נאָך געווען דער הויפּט־אייגנטימער פון דער „דאַנציקער מויער" — דאָס גרעסטע הויז אויפן מאַרק־פּלאַץ מיט אַ גרויסן הויף און טיפע קעלערן, וואָס האָבן אין צייטן פון מלחמות געדינט אַלס באַהעלטעניש. איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם דאָזיקן הויז און די דירה פון מיינע עלטערן האָט זיך געפונען אַ טיר אין אַ טיר מיט די בראַמבערגס.

אויף דער פאַסאַדע פון אָט־דעם איינציקן דריישטאָקיקן הויז אין שטעטל האָט זיך געפונען די דאַטע: 1554, אָן דעם געוויינלעכן לאַטייניש „אַננאָ דאָמינע" (דאָס יאָר פון האַר), וואָס האָט פיגורירט אויף אַלע אַנדערע הייזער פון די קריסטלעכע פּאַטריציער. דאָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַווייז, אַז דאָס דאָזיקע הויז איז אין בלי־פּעריאָד פון קוזמיר געבויט געוואָרן דורך אַ ייד, וועלכער האָט געפירט מסחרים מיט דאַנציק און האָט פון דאָרט טאַקע געבראַכט דעם מאָדעל פאַר דער „קאַמיעניצע" מיט די דיקע געוועלבונגען, מאַסיווע סקאַרפּעס און באַלקאָנען.

אין דער גרויסער דירה פון ר' וועווטשע בראַמבערג האָט זיך געפונען אַ פּערמאַנענטע סוכה מיט דאַך־פליגלען. זיי זענען געעפנט געוואָרן דורך אַ מעכאַניזם מיט אַ הילצערנעם ראָד, וואָס האָט זיך געפונען אויפן

בוידעם. אין די סאַלאָנען פון ר׳ וועוועשע בראַמבערג פלעגן פאַרקומען נישט נאָר די חתונות פון די וויכטיקסטע משפחות אין שטעטל, נאָר אויך אויפנאַמען פאַר פראָמינענטע נישט יידישע פערזענלעכקייטן, וועלכע פלעגן קומען צו גאַסט.

דער מיטלוווקסיקער, ברייטפּלייציקער וועוועשע בראַמבערג האָט זיך ווייטער אויפגעפירט ווי אַ גביר. אַפילו אין דער וואָכן האָט ער געטראָגן אַ זיידענע קאַפּאָטע, הגם שוין היבש אָפּגעבליאַקעוועט און דאָ און דאָרט צעדריוולט. אויפן סאַמעטענעם וועסט איז ביי אים צעשפּאַנט געווען די שווערע, גאָלדענע קייט פון זיין זייגער און ער פלעגט נאָך אויסטיילן שמעק־טאַבאַק פון זיין זילבערנעם טאַבאַק־פּושקעלע, געפּאַסט מיט רויטע רובינען.

ווי אַן איבערבלייבעניש פון דער גלאַנץ־עפּאָכע פון דער בראַמבערג־משפּחה איז געווען די קאַרעטע מיט די קאָלירפולע רעדער און די לע־דערנע געשפּאַנען פון די פערד, וואָס זענען געהאָנגען אין דער גרויסער שאָפּע אויפן הויף.

פאַר די צאָלרייכע טוריסטן, יידן און נישט־יידן, וועלכע האָבן אין די זומער־חדשים געשטראָמט קיין קוזמיר פון גאַנץ פּוילן, איז גאָר אַ וויכטיקע אַטראַקציע געווען אַ באַזוך אין סאַלאָן פון ר׳ וועוועשע בראַמ־בערג, כדי צו זען דאָס אסתרקע־פּרוכת, די זילבערנע און גאָלדענע כלי־קודש פון דער שול און אויך דעם גרויסן פּאַרמעטענעם סידור, וואָס די קהילה האָט געלאָזט שרייבן צום אָנדענק פון אַ טראַגישער געשעעניש אין די יאָרן פון דער פּויליש־שוועדישער מלחמה.

אין יאָר 1656 האָבן די אולאַנער פון העטמאַן סטעפאַן טשאַרנעצקי, די אַזוי־גערופענע „קאָנפעדעראַטן”, וועלכע האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון קעגן די שוועדישע חיילות, געפייערט דעם דאָזיקן נצחון דורך אַ פּאָגראָם אויף דער יידישער באַפעלקערונג אין קוזמיר און דורך אויסרויבן די יידישע קראָמען און די הייזער פון די שטעטלדיקע גבירים.

די דאָזיקע טראַגישע געשעעניש איז אין דעם סידור פאַראייביקט גע־וואָרן דורך דער רשימה פון די קדושים, וועמענס נעמען האָבן פאַרנומען פולע צוויי זייטן, גלייך נאָך דעם אל מלא רחמים. צו דער יאָרצייט פון

דעם פּאָגראָם, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ ווינטער־טאָג, איז דער סידור געבראַכט געוואָרן אין שול אַריין און ביים מאַכן דעם מלא, האָט דער ראש־הקהל פאָרגעלייענט די נעמען פון די קרבנות. אין מיין זכרון איז דער דאָזיקער טאָג פאַרבליבן ווי אַ צווייטער תשעה־באב. דער סידור, דאָס פּרוכת און אַלע אַנדערע כלי־קודש פון דער קוזמירער שול, זענען אין די יאָרן פון נאַצי־מבול פאַרשוואונדן, צוזאַמען מיט די לעבעדיקע יידן און די ביינער פון זייערע אָבות אויף די צוויי שטעטלדיקע בית־עלמינס.

II

די רענעסאַנס־שטאָט

דער ערשטער געשריבענער דאָקומענט וועגן דער עקזיסטענץ פון קוזמיר גייט צוריק צום יאָר 1008, ווען דער קיניג באָלעסלאַוו כראָברי, דער לעגענדאַרער דעראָבערער פון קיעוו, האָט דאָס דערפל ביים ברעג פון דער ווייסל, וואָס האָט דאַן געטראָגן דעם נאָמען „וויעטזשנאַ גוראַ" — מגיפה־באַרג — געשענקט אַלס מתנה דעם אָרדן פון די בענעדיקטינער. מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער 23־יאָריקער קיניג קאַזשימיעזש דער גרויסער, דער לעצטער פון דער מעכטיקער פּיאַסט־דינאַסטיע, אָפּגע־קויפט דאָס דאָרף, וואָס ער האָט פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָט און אויפן באַרג, וואָס דאָמינירט די געגנט, אויפגעבויט זיין זומער־פּאַלאַץ.

זינט דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די אַנטוויקלונג פון דעם קליינעם ישוב ביים ברעג פון דער ווייסל, וואָס איז שנעל אויסגעוואַקסן צו אַ וויכטיקן קנופּ־פּונקט פאַר אַ מאַסיוון וואַסער־ און לאַנד־פאַרקער אין פּוילן. האַנדלס־קאַראַוואַנען האָבן געצויגן קיין קוזמיר, נישט נאָר פון פרייסן און רייסן, נאָר אויך פון שוועדן און איטאַליע. מיט די דאָזיקע קאַראַוואַנען זענען קיין קוזמיר געקומען יידישע סוחרים און האַנטווערקער, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט קיין פּוילן פון די רדיפות אין די געטאָס פון מערב־אייראָפּע.

קיניג קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט אויסגעברייטערט די רעכט פאַר יידן, די אַזוי־גערופענע פּריווילעגיעס, וואָס זענען שוין פיל פריער געגעבן געוואָרן דורך פּוילישע הערשער. דער וויכטיקסטער דאָקומענט וועגן דער פּוילישער טאָלעראַנץ לגבי יידן אין פריען מיטלאַלטער איז דער אַזוי גערופענער „קאַלישער סטאַטוט" פון יאָר 1264, וואָס איז פייערלעך פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך דעם דוקוס פון קאַליש, באָלעסלאַוו דער

פרומער. יידן האָבן געזען אַ באַזונדערן סימבאָל אין דעם צופאַל, וואָס דער „קאַלישער סטאַטוט״ האָט אַנטהאַלטן 36 פּאַראַגראַפן — צוויי מאָל ח״י — געשריבן אין ביבלישן סטיל און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „אין נאָמען פון גאָט, אָמן״.

די אויסגעברייטערטע פּריווילעגיעס פאַר יידן האָט קאַזשימיעזש דער גרויסער פּראָקלאַמירט אין יאָר 1334, קוים איין יאָר נאָך דעם, ווי ער איז אַרויף אויפן טראָן. דורך די קנאַפּע פערציק יאָר, וואָס ער האָט גע־קיניגט אין פּוילן (1333—1370), האָבן פון די דאָזיקע פּריווילעגיעס באַ־זונדערס גענאָסן די יידן אין דעם שטעטל, וואָס האָט געטראָגן דעם קיניגס נאָמען. דער פּיעטעט פון די יידן פאַרן מלך האָט געפונען דעם אויסדרוק אין די לעגענדעס, וואָס זענען פאַרוועבט געוואָרן אַרום דער געשטאַלט פון זיין יידישער געליבטער — אסתרקע.

פּוילישע היסטאָריקער, אָנהייבנדיק פון יאַן דלוגאָש, וועלכער האָט געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט, ביז די היסטאָריקער פון 19טן יאָרהונדערט, האָבן אין פאַרשידענע וואַריאַנטן איבערגעחזרט די ראָמאַנטישע אסתרקע־געשיכטע. עס זענען אָבער אויך געווען היסטאָריקער, וועלכע האָבן בכלל געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די עקזיסטענץ פון אסתרקע און באַ־הויפּטעט, אַז דאָס האָט די פריינדשאַפט צו יידן מצד קאַזשימיעזש דעם גרויסן משפיע געווען די פאָלקס־פאַנטאַזיע צו פאַראַפראַזירן די ביבלישע לעגענדע פון אסתר און אחשורוש.

די יידן־פריינדלעכע היסטאָריקער צווישן זיי האָבן די אסתרקע־געשיכטע טאַקע אויפגעפאַסט ווי אַ לעגענדע, אָבער זיי האָבן זי איבער־געגעבן אין פּאָזיטיווע פאַרבן, אַרויסהייבנדיק דעם קיניגס טאָלעראַנץ לגבי די גערודפטע יידן.

דאַקעגן די היסטאָריקער, וועלכע זענען געווען דורכגענומען מיט שנאה צו יידן, האָבן די אסתרקע־לעגענדע באַטראַכט ווי אַ לעסטערונג פון דעם קריסטלעכן קיניג, וועלכער אַנטפּלעקט זיך אין איר אַלס אַן אחשורוש־געשטאַלט, אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ נאַרישן הערשער, וואָס האָט זיך געלאָזט פאַרפירן דורך אַ יידישער יפת־תואר.

קעגן די עקשנותדיקע פאַרזוכן אויסצומעקן דעם אסתרקע־עפּיזאָד פון

דער לעבנס־געשיכטע פון קיניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן דער באַרימטער פוילישער היסטאָריקער פון 18טן יאָרהונ־דערט, טאַדעאוש טשאַצקי, איינער פון די ליבעראַלסטע פערזענלעכקייטן פון זיין צייט. טשאַצקי, וועלכער האָט באַלאַנגט צו די ערשטע פוילישע היסטאָריקער, וואָס האָבן געפאָרשט די געשיכטע פון יידן אין פוילן, האָט באַהויפּטעט, אַז עס האָט אַפילו עקזיסטירט אַ בילד פון אסתרקע, וואָס איז געמאָלן געוואָרן דורך אַ קינסטלער אין הויף פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן.

די ליבעראַלע היסטאָריקער אין די נייע צייטן האָבן דעם אסתרקע־עפּיזאָד אָפּגעפּטרט מיט עטלעכע שורות, ווי אַן ענין וועגן וועלכן עס לוינט זיך נישט צו ריידן. אַזוי באַהאַנדלט טאַקע דעם אסתרקע־עפּיזאָד וואַצלאַוו הוסאַרסקי, וועלכער האָט במשך פון צענדליקער יאָרן געפאָרשט די גע־שיכטע פון קוזמיר און זינט דעם יאָר 1914 פאַרעפנטלעכט גרינטלעכע אַרבעטן וועגן קוזמיר אין די וויכטיקסטע פוילישע צייטשריפטן. זיין גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן קוזמיר „קאַזשימיעזש דאָלני"* האָט הוסארסקי פאַרענדיקט שוין נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין יאָר 1948 איז די אַרבעט געוואָרן אויסגעצייכנט דורך דער „מלוכהשער קאָמיסיע פאַר גע־שיכטע און קונסט" אָבער אין דרוק איז דאָס ווערק דערשינען ערשט אין יאָר 1953 — שוין נאָכן טויט פון מחבר.

די יידישע מאָמענטן אין דער מאָנאָגראַפיע פון וואַצלאַוו הוסאַרסקי זענען עפּיזאָדישע. דאָך ווערן אין דעם ווערק אַרויסגעבראַכט ביז גאָר ווערטפולע, לגמרי אומבאַקאַנטע פאַקטן וועגן יידן אין קוזמיר, געבויט אויף אַרכיוואַלע מקורות. גלייך ביים אָנהייב פון דעם בוך ווערט אָבער דורכגעשטראָכן די אסתרקע־לעגענדע, וואָס האָט ,אפנים, געעגבערט דאָס געמיט פון דעם מחבר. הוסאַרסקי באַהויפּטעט, אַז דער היסטאָריקער באַלינסקי האָט עס די אסתרקע־לעגענדע פאַרוואַנדלט אין געשיכטע, ווען ער האָט זי איינגעשלאָסן אין זיין ווערק „דאָס אַלטערטימלעכע פוילן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1847. מיט אַ טאָן פון אָפענעם ביטול ציטירט הו־

---

* אַזוי האָט געלויטעט די געאָגראַפישע באַצייכענונג פון דעם „אונטערשטן" קאַזשימיעזש, אין קאָנטראַסט צום „אויבערשטן" קראָקעווער קאַזשימיעזש, וועלכן יידן האָבן גערופן קוזמאַרק.

סאַרסקי די שילדערונג פון באַלינסקי וועגן דעם פּאַלאַץ, וואָס קאַזשימיעזש דער גרויסער זאָל עס האָבן אויפגעבויט פאַר אסתרקען נעבן זיין זומער־רעזידענץ אין קוזמיר:

„דאָס פּאַרליבטע פּאָרל, וואָס וואַרקעט אויפן פּאָן פון דער פּאַרביקער צויבערהאַפטער נאַטור און פּראַכטפולע מיטלאַלטערלעכע פּאַלאַצן: ער — אַ קיניג, אַ מעכטיקער הערשער, זי — אַ טאָכטער פון אַ גערודפט פאָלק — וואָס פאַראַ כישופדיקער מאָטיוו פון אַ סענטימענטאַל־ראָמאַנטישן כאַראַקטער... די גאַנצע געשיכטע איז נאַטירלעך בלויז פאַנטאַזיע, וואָס איז גאָר שוואַך אויסגעהאַפטן געוואָרן אויף אַ דינינקער קאַנווע פון געשיכטלעכע פאַקטן...”

הוסאַרסקי גיט צו, אַז ער האָט געפונען דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז יידן האָבן געלעבט אין קוזמיר שוין ביים אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט, „און ווי עס איז אָנצונעמען נאָך פיל פריער”. אין יאָר 1557 האָבן די יידן אין קוזמיר אָנגעגעבן אַ בקשה אויף „אַ דערלויבעניש צו בויען אַ געמויערטע שול, נאָך דעם ווי דאָס הילצערנע בית־המדרש („בוזשניצאַ”) איז געוואָרן פאַרברענט”. הוסאַרסקי שטרייכט אונטער, אַז דער דאָזיקער פאַקט באַווייזט, אַז די יידישע קהילה אין קוזמיר איז „געווען גאָר אַ פאַרמעגלעכע און די צאָל יידן גענוג גרויס”.

חוץ מיט האַנדל, האָבן די יידן אין קוזמיר זיך פאַרנומען מיט ביר־ברויעריי. אין אַ כראָניק פון יאָר 1545 זאָגט זיך, אַז אין די קוזמירער ביר־ברויערייען ווערן יערלעך פּראָדוצירט צוויי מיליאָן טעפּ ביר (פיר מיליאָן ליטער), וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן נישט נאָר אין „שכנותדיקן לובלין און ראַבישוויו, נאָר איז אויך געשיקט געוואָרן קיין טאָרון און דאַנציק”.

פון גאָר גרויסן פאַרנעם איז געווען אין קוזמיר דער האַנדל מיט תבואה. אין די קוזמירער שפייכלערס איז איינגעזאַמלט געוואָרן די תבואה פון די פרוכטבאַרע פעלדער פון דער געגנט און איז מיט דער ווייסל טראַנספאָרטירט געוואָרן קיין דאַנציק.

עס זענען אין קוזמיר אויך געווען אויסלענדישע תבואה־סוחרים, איטאַליענער, ענגלענדער, האָלענדער און שוועדן, וועלכע האָבן אין שטעטל אַפילו געהאַט זייערע קאָנטאָרן.

ש. ל. שניידערמאַן

אין יאָר 1588 האָט דער קוזמירער עקספּאָרט פון תבואה קיין אויסלאַנד באַטראָפן העכער 16 פּראָצענט פון אַלגעמיינעם פּוילישן עקספּאָרט, בעת דער עקספּאָרט פון איבעריקן טייל פון דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט האָט דערגרייכט 4 פּראָצענט.

*

אין 15טן און אין 16טן יאָרהונדערט האָבן איבער דער גאַנצער לובלינער געגנט געשמט די קוזמירער וועכנטלעכע ירידים, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די שבתים. שפּעטער אָבער, אפנים אונטער די וואַקסנדיקע איינפלוסן פון די יידישע סוחרים, איז דער וועכנטלעכער יריד אין קוזמיר געענדערט געוואָרן אויף דינסטיק, וואָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער מאַרק־פּלאַץ אין קוזמיר האָט פון פריען באַגינען ביז זון־פאַרגאַנג מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ זשומענדיקן בינשטאָק מיט טויזנטער קויפער און פאַרקויפער. פון די אַרומיקע שטעטלעך אויף ביידע זייטן ווייסל — פון פולאַוו, קאַרעוו, אָפּאָלע, וואַנוואָלניץ, זוואָלין, יאַנאָווצע און אַפילו ראַכאָוו און צויזמיר, האָבן יידישע באַלמעלאָכעס געבראַכט קיין קוזמיר זייערע אויסאַרבעטונגען: שיך, שטיוול, מלבושים, האַנט־געצייג און שטוב־כלים. יידן זענען אויך געווען די טעפּער.

די הינטער־געסלעך זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פּויערישע וועגענער, פול מיט פאַרשידענע פּראָדוקטן און עופות. דאָס געקוואַקעריי פון די קאַטשקעס און גענדז און דאָס קרייען פון די הענער, האָט זיך צונויפגעבלענדט מיט דער גרעלער פאַרביקייט פון די פרוכטן און גרינוואַרג, וואָס זענען קופּעסווייז געלעגן אויף די שטעלעכלעך און אויף דער ערד.

נעבן די יידישע יאַטקעס, אין שכנות פון דער שול, איז דער גרויסער פּלאַץ יעדן דינסטיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַרק פאַר פערד און בהמות. עס האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט לעבהאַפטע סצענעס פון דינגעניש צווישן די פּויערים און די יידן, דורך קלאַפּן זיך אין די הענט און פאַרענדיקן די טראַנזאַקציעס מיט טרינקען בראַנפן אויפן אָרט.

אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט, איז קוזמיר פאַר־רעכנט געוואָרן צו די שענסטע און רייכסטע שטעט אין פוילן. עס האָבן אין שטאָט זיך געפונען 280 הייזער, מיינסטנס געמויערטע, און די באַ־פעלקערונג האָט געציילט אַן ערך דריי טויזנט נפשות. לויט די דעמאָל־טיקע פאַרהעלטענישן, איז דאָס געווען אַ שטאָט פון מיטעלער גרויס, ווייל די באַפעלקערונג פון דער גאַנצער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט האָט געציילט קוים אַכט טויזנט.

וועגן דער צאָל יידן אין קוזמיר אין אָט דעם פעריאָד עקזיסטירן נישט קיין ציפערן. אַלע פוילישע היסטאָריקער, איינגעשלאָסן וואַצלאַוו הוסאַרסקי, באַגנוגענען זיך בלויז מיט דער באַמערקונג, אַז „זייער צאָל איז געווען גענוג גרויס".

וואָס שייך דעם ווױלשטאַנד פון דער קוזמירער יידישער קהילה, האָט וועגן דעם עדות־געזאָגט די גרויסע געמויערטע שול און איר רייכע אויסשטאַטונג — די זילבערנע כלי־קודש, די גרויסע מעשענע קאַנדע־לאַבערס און קינקעטן און די קופּערנע באַצירונגען אויף די ווענט, די אַזוי־גערופענע רעפלעקטאָרן, וואָס זענען אויפגעהיטן געוואָרן ביז צום נאַצישן חורבן. דאָס האָט, נאַטירלעך, געוועקט קנאה ביי דער פוילישער באַפעלקערונג, וואָס האָט אָנגעגעבן פעטיציעס וועגן באַגרענעצן די רעכט פון די יידן.

אין אַ טאָן פון אַן אָביעקטיוון היסטאָריקער באַמערקט וועגן דעם הוסאַרסקי: „וואָס אַן אמת, האָט אַפילו עקזיסטירט עפּעס אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו וווינען אויפן מאַרק־פּלאַץ. אויפן סמך פון דעם געזעץ האָט דער קיניג וולאַדיסלאַוו דער 4טער אין יאָר 1645 פאַראָרדנט צו קאָנפיס־קירן דאָס געמויערטע הויז פון דעם ייד לעוואָס".

דאָס דאָזיקע הויז האָט זיך געפונען אין שכנות פון די הייזער פון די ברידער פשיבילאָ. דאָס איז, אַפּנים, דאָס זעלבע הויז, אין וועלכן עס איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אויפגעדעקט געוואָרן דער באַלקן מיט די סינאַגאָגאַלע אָרנאַמענטן.

אין 1677 האָט דער גלח פראַנצישעק וואָלסקי, רעקטאָר פון דער קוזמירער שול, פאַרגוואָרפן די יידן, אַז זיי „פאַרלעצן די פאָרשריפטן

פון די קריסטלעכע שטעט... שטופן זיך אויפן מאַרק, קויפן און אַרענדירן הייזער אויפן מאַרק".

די טענדענץ פון דער מאָדערנער פוילישער היסטאָריאָגראַפיע, איינגעשלאָסן הוסאַרסקיס ווערק וועגן קוזמיר, גייט אין דער ריכטונג פון מינימיזירן, אויב נישט אָפּווישן, די שפּורן וועגן דעם צושטייער, וואָס יידן האָבן געמאַכט צום אויפבוי און אַנטוויקלונג פון פוילן.

דאָך איז הוסאַרסקיס מאָנאָגראַפיע אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער אָפּגעמעקטער יידישער קהילה אין קוזמיר, ווייל דער דאָזיקער באַגאַבטער היסטאָריקער איז געווען דער לעצטער פאָרשער, וועלכער האָט ממש ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פוילן, געפאָרשט די שטאָטישע אַרכיוון אין קוזמיר, פולאַוו און לובלין, ווי אויך די פּריוואַטע אַרכיוון פון פוילישע אַריסטאָקראַטישע משפחות, וועלכע זענען זינט דורות געווען אין געשעפט־לעכע באַציונגען מיט די יידישע תבואה־ און וואַלד־סוחרים אין קוזמיר. פיל פון די דאָזיקע אַרכיוון זענען געוואָרן פאַרניכטעט.

*

אין 16טן און 17טן יאָרהונדערט, ווען קוזמיר האָט געשמט אַלס די פוילישע רענעסאַנס־שטאָט, זענען די פירנדיקע אַריסטאָקראַטישע משפחות — די לובאָמירסקיס, טשאַרטאָריסקיס און ראַדזשיווילס, געווען אָפטע געסט אין קוזמיר, באַזונדערס אין די זומער־חדשים. די דאָזיקע פוילישע מאַגנאַטן האָבן עס געבויט די מיינסטע תבואה־שפּייכלערס און אויך די שיפן פאַרן פאַרקער אויף דער ווייסל, וואָס זיי האָבן אָפּגעגעבן אין אַרענדע צו יידן.

אָפטע באַזוכער אין קוזמיר זענען אויך געווען די גרויסע פוילישע פּאָעטן, מיקאָלאַי רעי און יאַן קאָכאַנאָווסקי, וועלכע האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער פוילישער ליטעראַטור. אין זייערע ווערק איז אָבער נישטאָ דער מינדסטער רמז וועגן די יידן אין קוזמיר און בכלל אין פוילן.

דאָס איז אַ רעטעניש באַזונדערס וואָס שייך קאָכאַנאָווסקין, וועמענס מייסטערהאַפטע איבערדיכטונג פון תהילים ווערט ביז היינט צו טאָג פאַר־

רעכנט צו די קלאַסישע ווערק פון דער פּוילישער פּאָעזיע. קאָכאַנאָווסקי, דער פּאָעט פון טשאַרנאָלאַס (אַזוי האָט געהייסן זיין גוט נעבן דעם יידישן שטעטל זוואָלין, אויף דער אַנדערער זייט ווייסל) איז געווען גאָר אַן אָפטער באַזוכער אין קוזמיר, ווו עס האָט זיך געהאַט באַזעצט זיין טאָכטער. זי האָט חתונה־געהאַט מיט דעם רייכן קוזמירער פּאַטריציער, מיקאָלאַי באַר־קאָווסקי, צו וועמען עס האָט געהערט דאָס שכנותדיקע דאָרף וויעזשכאָ־ניוו. אין יאָר 1580 איז יאַן קאָכאַנאָווסקי אַפילו געווען דער שופט אין אַ מאָרד־פּראָצעס צווישן צוויי פּוילישע פּאַטריציער־משפּחות אין קוזמיר.

צו די סאַמע וויכטיקסטע פּוילישע פּאַטריציער־משפּחות אין קוזמיר האָבן באַלאַנגט די ברידער פּשיבילאָ, די פּירלעיס און די צעלעיווס, נאָך וועלכע עס זענען ביז היינט צו טאָג פאַרבליבן די וויכטיקסטע היסטאָרישע בנינים אין קוזמיר, ווי אויך די פאַרצוויגטע לענאַרד און באַרטאָן־משפּחות. צווישן די קוזמירער פּאַטריציער האָט זיך אויך געפונען אַ גאָמולקאָ, וועל־כער האָט אָבער נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין שום שפּור.

ביים אויסרעכענען די נעמען פון דער לאָקאַלער קוזמירער אַריסטאָקראַ־טיע ביים סוף פון 16טן יאָרהונדערט, באַמערקט וואַצלאַוו הוסאַרסקי:

„אין שטאָט זענען אויך געווען עטלעכע יידן פון באַדייטונג. אין די אַקטן ווערט אָפט דערמאָנט אַ געוויסער יעלען דאַווידאָוויטש און מאָשעק יוזשוואָוויטש. דער לעצטער האָט נאָך די ברידער פּשיבילאָ איבער־גענומען די אַרענדע פון דער קוזמירער סטאַראָסטווע. ער האָט געהאַט דעם אויפזיכט איבער די שטייערן, צאָל, וואָג און מאָס, מילן, יריד־אָפּצאָל און פּראָפּינאַציע — ביר און אַלקאָהאָל־פּראָדוקציע. נאָכן טויט פון מאָשעק יוזשוואָוויטש איז די אַרענדע אַריבער אין די הענט פון פרומעט מאָשקאָווא, אַפּנים זיין אַלמנה“.

אין די קוזמירער אַקטן דערשיינען אָפט יידיש־קלינגענדיקע נעמען פון סוחרים, וואָס ווערן באַצייכנט אַלס „דאַנציקער סוחרים“, ווי למשל פּיליפּ לאַק, דניאל פאַלקאָוויטש, דוד ווילהאַם, יעקב רעיבעניטש און אַנדערע. אַ רעטעניש איז דער נאָמען פון דעם אַרכיטעקט יאַקוב באַלין, וועלכער האָט אין די יאָרן 1610—1613 איבערגעבויט די גרויסע קוזמירער רענעסאַנס־קירכע, די אַזוי־גערופענע „פאַרא“, וואָס איז צעשטערט געוואָרן פון אַ

שריפה. וועגן יאַקוב באַלין זאָגט זיך, אַז ער האָט געוווינט אין לובלין, אָבער האָט געשטאַמט פון ווענגעדיק. בעת אַ שפּעטערדיקן איבערבוי פון דער קירכע איז פאַרשוווּנדן דער נאָמען פון יאַקוב באַלין, וואָס האָט פיגורירט אויף אַ ספּעציעלן טאָוול ביים אַריינגאַנג. איז יאַקוב באַלין געווען אַ ייד? קיין באַווייזן זענען נישטאָ. עס איז אָבער באַוווּסט, אַז אַ צווייג פון דער באַרימטער באַלין־משפּחה פון ווענעדיק האָט זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד און פון זיי האָט געשטאַמט דער בויער פון דעם מאָדערנעם דייטשן האַנדלס־פלאָט, דער ייד אַלבערט באַלין.

קוזמיר איז אָפט געווען די אַרענע פון מלחמות און אינוואַזיעס. דער רום פון דער שטאָט אַלס אַ גרויסער האַנדלס־צענטער מיט רייכע קראָמען און געמויערטע ריזיקע שפּייכלערס, פול מיט תבואה און פּרוכטן, האָבן געלאָקט די רויבערישע אַפּעטיטן פון די פיינטלעכע אַרמייען. אין יאָר 1648 האָבן קיין קוזמיר זיך דערשלאָגן די קאָזאַקן פון העטמאַן באָגדאַן כמיעלניצקי, וועלכע האָבן קודם־כל דורכגעפירט פּאָגראָמען אויף יידן. זיי זענען אָבער שנעל פאַרטריבן געוואָרן פון שטאָט.

אין דער מאָנאָגראַפיע פון וואַצלאַוו הוסאַרסקי ווערט אָבער לגמרי נישט דערמאָנט וועגן די פּאָגראָמען אויף יידן, וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן נישט נאָר דורך כמיעלניצקי הרשע, נאָר אויך דורך דעם פּוילישן העטמאַן סטעפאַן טשארניעצקי, וועמען ער באַצייכנט אַלס דער „באַפרייער", צוליב זיינע נצחונות איבער די שוועדן. הוסאַרסקי דערמאָנט אויך נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם פאַרמעטענעם סידור, וואָס די קוזמירער קהילה האָט געלאָזט שרייבן צום אָנדענק פון די קדושים, וועלכע זענען געפאַלן פון די הענט פון טשארניעצקיס חיילות.

III

יידישע פּאַטריציער

במשך פון אַ האַלבן יאָרטויזנט, איז אין קוזמיר אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אַרום די רעכט פאַר יידן צו וווינען און האָבן קראָמען אויפן מאַרק־פּלאַץ. די דאָזיקע „פּריווילעגיע״ איז אָפט געוואָרן צוריקגעצויגן און שפּעטער צוריקגעגעבן דורך פאַרשידענע פּוילישע מלכים.

דער סאַמע לעצטער פּוילישער קיניג, סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַ־טאָווסקי, האָט אין יאָר 1787 פּערזענלעך אינטערווענירט אין דעם ענין פון דער שאַרפער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ צווישן די פּוילישע און יידישע סוחרים אין קוזמיר און פאַראָרדנט צו באַגרענעצן די רעכט פון יידן צו וווינען אויפן מאַרק־פּלאַץ, ווי אויך דאָס האַלטן אין אַרענדע די תבואה־שפּייכלערס און די שיפן פון די פּוילישע מאַגנאַטן, וועלכע האָבן געשטיצט די יידן.

וועגן דעם פאַרנעם פון תבואה־האַנדל אין קוזמיר אין אָט דעם פּעריאָד זאָגט עדות דער פאַקט, אַז עס האָט דאָרט זיינע שפּייכלערס געהאַט דער גרעסטער יידישער גביר אין פּוילן, דער פּרנס פון דער פּראַגער קהילה, שמואל (יאַקובאָוויטש) זביטקאָווער, צו וועמען עס האָבן געהערט אַ ריי שטעטלעך און דערפער אַרום וואַרשע. אין יאָר 1776 האָט שמואל זביטקאָ־ווער באַקומען אַ „סערוויטאָראַט״ פון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, ווי דער אָפיציעלער הויף־ליפעראַנט. ער האָט אָבער שנעל זיך געפונען אין אַ קלעם צווישן זיין לאָיאַליטעט לגבי דעם קעניג און דעם דרוק, וואָס עס האָבן אויף אים אויסגעאיבט די פּראָ־רוסישע פּוילישע מאַגנאַטן פון דער אַזוי־גערופענער „טאַרגאָוויצאַ״, די פּאָטאָצקיס און בראַניצקיס, וועמענס שפּייכלערס און שיפן שמואל זביטקאָווער האָט געהאַלטן אין אַרענדע.

דער גרעסטער קוזמירער תבואה־סוחר אין אַט דער שטורמישער תקופה, ערב דער צעטיילונג פון פוילן, איז געווען יוסף מענדעלעוויטש, וועלכער האָט פאַרלוירן זיין פאַרמעגן בעת די פוילישע מרידות קעגן צאַרישן רוסלאַנד. עס איז אָנצונעמען, אַז די פאַרצווייגטע משפחה מענדע־לעוויטש, אָרעמע דאָרפס־הענדלער און באַלמעלאָכעס, וואָס האָט געלעבט אין קוזמיר ביזן נאַצישן חורבן, האָט געשטאַמט פון דעם תבואה־מאַגנאַט יוסף מענדעלעוויטש.

מיט דער צעטיילונג פון פוילן, ווען עס איז איינגעשרומפּן געוואָרן דער האַנדלס־פאַרקער צווישן מזרח און מערב, האָט זיך אָנגעהויבן די ירידה פון קוזמיר. ביים אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, איז דער גאַנצער תבואה־האַנדל אין קוזמיר אַריבער אין די הענט פון די יידן. אַלע פוילישע היסטאָריקער, איינגעשלאָסן הוסאַרסקי,ריידן וועגן דעם מיט גרויס ביטערניש.

הוסאַרסקי ציטירט אַפילו אַ פּרעדיקס פון דעם קוזמירער גלח וואָ־ראָניטש, וועלכער האָט פאַראַפראַזירט די קלאָג־רייד פון ירמיהו הנביא וועגן דעם חרוב־געוואָרענעם ירושלים און עס פאַרגליכן צום חרובן קוזמיר. דאָס האָט זיך נאַטירלעך באַצויגן צו דער ירידה פון דער פוילישער באַ־פעלקערונג ביים אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, ווען קוזמיר איז אַלץ מער און מער געוואָרן אַ יידיש שטעטל.

דער יערלעכער וואַרשעווער אלמאַנאַך „יוטזשענקאַ״ („פרימאָרגן״) פון יאָר 1834, עפנט זיך מיט אַ קופּערשטיך פון דער קוזמירער לאַנדשאַפט מיט די חורבות פון קיניגלעכן פּאַלאַץ, באַגלייט דורך אַ לענגערער שיל־דערונג וועגן דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט פון דער שטאָט און איר ירידה, וואָס איז דערגאַנגען דערצו, אַז „די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער באַפעלקערונג, וואָס באַטרעפט 1800 נפשות, באַשטייט פון איזראַעליטן. צוליב דעם צייכנט זיך דאָס שטעטל נישט אויס מיט קיין צו גרויסער ריינקייט... די קריסטלעכע איינוווינער פאַרנעמען זיך מיט לאַנד־אַרבעט. די בערג איבער דער שטאָט זענען באַדעקט מיט סעדער און די געטריקנטע פלוימען און די קוזמירער פּאָווידלע זענען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט״.

דער מחבר דערמאָנט אָבער נישט דעם פֿאַקט, אַז די סעדער מיט די באַרימטע קוזמירער עפּל און פֿלוימען האָבן זיך געפֿונען אין די הענט פֿון יידישע סאַדאָווניקעס און אַז דאָס האָבן די יידן צוריק אויפֿגעלעבט דעם תבואה־האַנדל מיט דאַנציק, נאָך אַ פּעריאָד פֿון פֿולשטענדיקער ירידה, צוליב דער צעטיילונג פֿון פּוילן.

וועגן דער ראָל פֿון די קוזמירער יידן אין תבואה־האַנדל מיט אויס־לאַנד אין דער ערשטער העלפֿט פֿון 19טן יאָרהונדערט, זאָגט עדות אַ קו־פּערשטיך פֿון יאָר 1844, געצייכנט דורך אַדאָלף טעבען. דאָס איז אַ סצענע אויף דער דאַנציקער תבואה־בערזע, וואָס שטעלט פֿאָר עטלעכע צוואַנציק מענער אין הויכע צילינדערס, קורצע בעקעשעס און שיך מיט לאַנגע שפּיצן — לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע. עטלעכע פֿון די סוחרים האַלטן אין די הענט שיסלען מיט תבואה־קערנער — מוסטערן פֿון ווייץ, קאָרן און האָבער, וואָס זיי האָבן אָנגעבאָטן צום פֿאַרקויף.

אויף דעם דאָזיקן גרויסן קופּערשטיך איז באַזונדערס אָנזעעוודיק די מאַסיווע פֿיגור פֿון דעם קוזמירער תבואה־סוחר, מאיר וואָלף פֿייערשטיין, דער איינציקער צווישן דער גרופּע מיט אַ באָרד. אַלע אַנדערע מענער האָבן בלויז באַקנבערד. אונטער דעם שטיך זענען אויסגערעכנט די נעמען פֿון אַלע סוחרים, צווישן וועלכע עס זענען פֿאַראַן אַ צאָל יידן, ווי: איציק גאָלדשטיין, י. ל. יאָעל, פּ. זאַלצמאַן, לייזער גאָלדשמידט, סאַמועל באָאָם און הירש לעווין. בלויז צום נאָמען פֿון מאיר וואָלף פֿייערשטיין זענען צוגע־געבן די ווערטער אין דייטש: „אַאוס קאַזימיר, פּאָלען.” אפֿנים, אַז צווישן דער דאָזיקער גרופּע סוחרים אויף דער דאַנציקער תבואה־בערזע, איז פֿייערשטיין געווען דער איינציקער פֿון פּוילן.

ביז צום אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז אַ קאָפּיע פֿון דעם שטיך געהאָנגען אין הויז פֿון דער פֿייערשטיין־משפּחה אין קוזמיר, צו ווע מען עס האָבן באַלאַנגט די לעצטע געמויערטע תבואה־שפּייכלערס פֿון 14טן און 15טן יאָרהונדערט. אין איינעם פֿון די היסטאָרישע בנינים האָבן די אייניקלעך פֿון מאיר וואָלף פֿייערשטיין איינגעאָרדנט אַ גאַרבעריי און אין אַ צווייטן — אַ טאַרטאַק.

די דאָזיקע שפּייכלערס, וואָס שטייען ביז היינט צו טאָג ביים ברעג

פון דער ווייסל, זענען אין יאָר 1945 איבערגענומען געוואָרן דורך דער „פוילישער פאָלקס־רעפובליק", אין איינקלאַנג מיט דעם נאַציאָנאַליזירונג־געזעץ, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך אַן אייניקל פון די פייערשטיינס — דער ערשטערווירטשאַפטס־מיניסטער אין קאָמוניסטישן פוילן, הילאַרי מינץ, וועמענס מוטער, סטעפאַניאַ פייערשטיין, איז אויסגעוואַקסן אין קוזמיר.

פון דער משפחה פייערשטיין איז אין קוזמיר נישט געבליבן קיין לעבע־דיקער נפש. עס זענען אויך פאַרשווונדן די אַרכיוון פון די פייערשטיינס מיט אומשאַצבאַרע דאָקומענטן וועגן זייער פינאַנציעלער הילף פאַר די פוילישע אויפשטענדלער, ווי אויך דער קופערשטיך, וואָס איז געהאַנגען אין סאַלאָן פון מאַריס (משהלע) פייערשטיין. אַ צווייטע קאָפּיע, אפשר די לעצטע, האָט זיך אויפגעהיט אין ניו־יאָרק ביי מנחם פייערשטיין, דער לעצטער פון דער משפחה פייערשטיין, וועלכער טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען. ביז דער היטלער־תקופה האָט מנחם מענדל פייערשטיין געלעבט אין דאַנציק, ווו ער האָט געפירט גרויסע תבואה־מסחרים און איז געווען אַ מיטגליד פון דער דאַנציקער תבואה־בערזע. דער אָריגינאַל פון דעם היסטאָרישן שטיך מיט זיין עלטער־זיידן אויבנאָן געפינט זיך ביז היינט צו טאָג אין דער דאַנציקער האַנדלס־קאַמער.

וועגן דער עשירות פון מאיר וואָלף פייערשטיין, האָט מען אין קוזמיר זיך דערציילט פאַרשידענע מעשיות. דערביי איז געווען באַוווּסט, אַז דער גרינדער פון דער פייערשטיין־משפחה איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה און אַז ער האָט עס קיין קוזמיר געבראַכט דעם גאונישן תלמיד פון „חוזה" פון לובלין, ר' יחזקאלע טאַוב, אויפגעבויט פאַר אים אַ הויף און אַזוי אַרום געהאָלפן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר דער קוזמירער חסידישער דינאַסטיע.

פון דור צו דור האָט מען זיך אין קוזמיר איבערגעגעבן אַ מערק־ווירדיקן עפּיזאָד וועגן מאיר וואָלף פייערשטיין, וואָס איז געבראַכט גע־וואָרן ווי אַ באַוויז וועגן זיינע ריזיקע פאַרמעגנס און אין דער זעלבער צייט — זיין ביטול־באַציונג צום עגל־הזהב.

אין יאָר 1830, אין אַ שפּעט־האַרבסטיקער, פינצטערער נאַכט, איז אין שטעטל אָנגעקומען אַ רייטער, וועלכער האָט אָנגעקלאַפּט אין לאָדן

פון ערשטן בעסטן הויז אויפן מאַרק־פּלאַץ און געפּרעגט אויף מאיר וואָלף פּייערשטיין. דער פּלוצימדיקער אָנקום פון דעם שטאָפּעט האָט אויפגעוועקט פון שלאָף דאָס גאַנצע שטעטל, ווייל דאָס איז געווען אין דעם פּעריאָד פון די אַלץ־וואַקסנדיקע פּוילישע מרידות קעגן דער צאַרישער הערשאַפט, ערב דעם אויסברוך פון דעם טראַגיש־דורכגעפאַלענעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד.

די שטעטלדיקע יידן האָבן זיך פאַרזאַמלט פאַרן הויז פון די פּייערשטיינס, כדי צו הערן, וואָס פאַראַ בשורה דער געהיימניספולער רייטער האָט געבראַכט מיט זיך. נאָך אַ לענגערער ווילע, איז מאיר וואָלף פּייערשטיין אַרויסגעקומען אויף דער גרויסער וועראַנדע פון זיין הויז און באַרויִקט די פאַרזאַמלטע יידן, אַז דער רייטער האָט בלויז געבראַכט אַ ידיעה, אַז זיינער אַ טראַנספּאָרט פון האָלץ און תבואה איז פאַרניכטעט געוואָרן דורך אַ שטורעם אויף דער ווייסל.

דער באַטרעף פון דעם שאָדן איז געווען 200.000 טאָלער — אַ ריזיק פאַרמעגן אין יענער צייט. אָבער מאיר וואָלף פּייערשטיין האָט עס אויפגענומען רויק און געהייסן דעם עולם גיין אַהיים, כדי צו קאָנען פרי „אויפשטיין צו עבודת־הבורא״. פאַרטאָג איז מאיר וואָלף פּייערשטיין געקומען צום דאַווענען אין רבינס בית־המדרש, גלייך ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

*

אויפן מאַרק־פּלאַץ און אויף די בערג און טאָלן אַרום קוזמיר, האָט זיך אָפּגעשפּילט איינע פון די בלוטיקסטע שלאַכטן פון נאָוועמבער־אויפשטאַנד פון יאָר 1830—1831. די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דעם 18טן אַפּריל 1831, אויפן וועג צווישן קוזמיר און וואָנוואָלניץ, וואָס איז זינט דעמאָלט באַצייכנט געוואָרן אַלס „טשערניאַווי״ — פינצטערער שטורעם, זאַוויערוכע.

צי די קוזמירער יידן האָבן אָנטייל גענומען אין דער שלאַכט, אונטער דער פירערשאַפט פון דעם באַרימטן פּוילישן גענעראַל יאַן קאָנטי

יוליאַן שיעראַווסקי, איז נישט באַוווּסט. דאָקעגן אָבער איז אַ פעסטגע־שטעלטער פאַקט, אַז די פּייערשטיינס און אַנדערע פאַרמעגלעכע יידישע סוחרים אין קוזמיר און אין די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן פינאַנציעל געשטיצט דעם אויפשטאַנד און באַזאָרגט מיט פּראָוויאַנט די אָפּטיילונגען פון גענעראַל שיעראַווסקי, וועלכער איז געשלאָגן געוואָרן הינטער קאַרעוו.

אין מיין משפּחה איז אויפגעהיטן געוואָרן אַ דאָקומענט, געשריבן אין פּויליש, וואָס מיין זיידע פון דער מוטערס צד, מרדכי מאַנדעלבוים, האָט מיט זיך געבראַכט, ווען ער האָט פון שכנותדיקן וואָנוואָלניץ זיך אַריבערגעטראָגן קיין קוזמיר. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט — אַ לאַנגער, דיקער בויגן געלבלעך פּאַפּיר מיט אַ ברוינעם וואַקסענעם זיגל, איז דורך דעם „קוואַרטירמייסטער" פון גראַף מאַלאַכאָווסקי געוואָרן באַשטע־טיקט, אַז שלמה מאַנדעלבוים האָט געגעבן אַ צאָל אָקסן, פערד, שפּייז און מזומן געלט פאַר מאַלאַכאָווסקיס קאַוואַלעריע־רעגימענט, וואָס האָט זיך פאַרמירט אין וואָנוואָלניץ.

גראַף מאַלאַכאָווסקי איז געפאַלן בעת דער שלאַכט אַרום קוזמיר, ווו זיין קבר געפינט זיך ביז היינט צו טאָג אויף אַ באַרג, אין שכנות פון די „טשערניאַוועס". אויף דער שטיינערנער פּליטע, וואָס ליגט אויף זיין קבר, איז פאַראַן דער פאָלגנדיקער עפּיטאַף: „יוליוש גראַף מאַלאַכאָווסקי, גע־בוירן 1802, געפאַלן דעם 18טן אַפּריל 1831 הינטער קוזמיר, אויף דעם דאָזיקן אָרט".

אונטערן צאַרישן רעזשים, איז דער מאַלאַכאָווסקי־דאָקומענט געווען באַגראָבן אין אַ בלעכענעם סלאָי, אין קעלער פון אונדזער הויז. אין שטוב האָבן זיך אָבער געפונען אַנדערע חפצים מיט פאַרקאָמופלאַזשירטע סימ־באָלן פון יידיש־פּוילישן פּאַטריאָטיזם.

אין דער גלעזערנער שאַנק, אָדער „סערוואַנטקע", אין עס־צימער אין אונדזער הים, צוזאַמען מיטן משפּחהדיקן זילבערוואַרג און בורשטי־נענע לולקעס, האָבן זיך געפונען צוויי באַגילדעטע גרויסע פּאָרצעלייענע טעלערס, וואָס מען פלעגט נוצן בלויז פאַר די סדרים. צווישן די אָרנאַ־מענטן אויף די דאָזיקע טעלערס, האָבן זיך געפונען פּוילישע אָדלערס, וואָס מען האָט געקאָנט קלאָר זען, אויב מען האָט געוווּסט דעם סוד, ווי

אַזוי אַ דריי צו טאָן דעם טעלער, כדי אַרויסבאַקומען דעם אָפּטישן עפעקט פון די קונציק־פּאַרקאַמופלאַזשירטע אָדלערלעך.

אַ פאַרשטעלטער פּוילישער אָדלער, אויסגענייט מיט ווייסע קרע־לעכלעך און מיט אַ קרוין, אויסגעהאַפטן מיט גאָלדענע פעדים, האָט אין אונדזער הויז זיך אויך געפונען אויף אַ קישעלע פאַר נאָדלען, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. דער ווייסער אָדלער פון דעם קישעלע איז געווען פאַרדעקט מיט אַ קיילעכיק שטיקל רויטן סאַמעט. ווען די אומ־אָפּהענגיקייט פון פּוילן איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, אין יאָר 1918, האָט מיין באָבע אָפּגעטרענט דאָס שטיקל סאַמעט און עס האָט זיך אַנטפּלעקט דער ווייסער אָדלער מיט דער גאָלדענער קרוין.

די טוריסטן, וועלכע פלעגן קומען באַזוכן דעם סאַלאָן פון וועטשע בראַמבערג, כדי צו זען דאָס אסתרקע־פּרוכת און די אַנדערע כלי־קודש, האָבן נישט איינמאָל אויך אָפּגעטראָטן אין אונדזער היים, כדי אַנצוקוקן די טעלערס און דאָס נאָדל־קישעלע מיט די פּוילישע אָדלערס.

אין די צאָלרייכע מאָנאָגראַפיעס וועגן קוזמיר ווערט אָבער מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דער פינאַנציעלער שטיצע פון די שטעטל־דיקע יידן פאַר דעם אויפשטאַנד פון יאָר 1831. דאַקעגן אין דעם סאַמע נייעסטן האַנטבוך וועגן קוזמיר פון לעך פּיעטשאַק, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1957, ווערט דערמאָנט, אַז אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863, האָט די יידישע קהילה אין קוזמיר געשענקט „160 פאַר שטיוול און אַזויפיל פעלצלעך" פאַר די קאַוואַלעריע־אָפּטיילונגען פון גע־נעראַל וואַלעריאַן ווראָבלעווסקי, וועלכער האָט צווישן קוזמיר און באַכאָט־ניצע אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער די צאַרישע קאָזאַקן. ווראָבלעווסקי האָט שפּעטער געקעמפט אויף די באַריקאַדן פון דער פּאַריזער קאָמונע. אין אַ בריוו צו דער קוזמירער יידישער קהילה, האָט גענעראַל ווראָבלעווסקי אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר דער האַרציקייט, מיט וועלכער זיינע אָפּטיי־לונגען זענען געוואָרן אויפגענומען דורך די שטעטלדיקע יידן. די צאַרישע מאַכט האָט דערפאַר באַשטראָפט די קוזמירער פּאַטריאָטן און דעגראַ־דירט די שטאָט צו דער מדרגה פון אַ ישוב — „אָסאַדאַ".

IV

ר׳ יחזקאלע קוזמירער

אין דעם פעריאָד נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פוילן, ביז צו דעם צווייטן אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער אונטערדריקונג, איז קוזמיר אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן חסידישן צענטער מיט אַן אייגנאַרטיקער שיטה, וואָס האָט פאַרכאַפּט די געמיטער פון גרויסע מאַסן יידן. במשך פון צענדליקער יאָרן, האָבן קיין קוזמיר געשטראָמט טויזנטער חסידים, וועל־כע זענען אין אָט דער אומרויקער תקופה געקומען זוכן טרייסט און דערמוטיקונג ביי ר׳ יחזקאלע טאָוב, וועלכער איז שנעל באַקאַנט געוואָרן אַלס ר׳ יחזקאלע קוזמירער, הגם ער האָט גאָר געשטאַמט פון פלוינסק.

די פאַרביקע לאַנדשאַפט פון קוזמיר מיט די פרוכטבאַרע גערטנער און סעדער אויפן ברעג פון דער ווייסל און אויף די אַרומיקע בערג האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אידעאַלן הינטערגרונט פאַר דער שיטה פון ר׳ יחזקאלע קוזמירער, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז אין אָט דער שטור־מישער צייט, ווען יידישע הערצער זענען פול מיט עצבות, איז נגינה דער איינציקער וועג וואָס פירט צו טרייסט און דערהויבונג.

די נטיה צו נגינה האָט ר׳ יחזקאלע געירשנט פון זיין פאָטער, ר׳ צבי הירש, וועלכער האָט אין פלוינסק געשמט אַלס גרויסער בעל־מנגן און מחבר פון שירים לכבוד שבת און די ימים־טובים, אָבער פאַרנומען האָט ער זיך מיט מסחר. זיין געראָטענעם זון האָט ער געשיקט צום לוב־לינער רבין, ר׳ יעקב יצחק הלוי, דער פאָטער פון דער חסידישער באַ־וועגונג אין קאָנגרעס־פוילן, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „חוזה״. ווי נאָר יחזקאלע איז אָנגעקומען קיין לובלין, האָט מען אין רבינס בית־המדרש אים גענומען רופן: „דער הויכער פלוינסקער״ און

ער איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט גרויס פּאַרערונג, צוליב זיין משפּחה־יחוס. זיין זיידע, ר׳ שלמה פון ראַטשיאָנזש, איז געווען אַ תּלמיד פון בעש״ט.

נאָך דער פּטירה פון „חוזה״, אין תּשעה־באָב פון תּקע״ה (1815), האָבן זיינע תּלמידים זיך באַזעצט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, ווו עס האָבן זיך געפונען די חשובסטע לובלינער חסידים. דער „הויכער פּלוינסקער״ האָט זיך באַזעצט אין טשעפּילעוו, לעבן אילזשע. מען האָט אים אָבער אין גיכן פאַרטריבן פון שטעטל, ווייל דער פּראָסטער יידישער עולם האָט זיך דערשראָקן פאַרן יקרות, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם שטייגנדיקן שטראָם פון חסידים, צווישן וועלכע דער „הויכער פּלוינסקער״ האָט נאָך ביים לעבן פון „חוזה״ געשמט מיט זיין נגינה און חכמה. ר׳ יחזקאלע האָט זיך דאָן באַזעצט אין קוזמיר, ווו די רייכע תּבואה־ און וואַלד־סוחרים, בראש מיט די פּייערשטיינס, האָבן אים געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט.

פּונקט ווי דער „חוזה״, האָט אויך ר׳ יחזקאלע קוזמירער געהאַט ביי זיך אַ הויף־לץ, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון פּורים־רבֿ און גענומען קוויטלעך. איינמאָל, ביי דער פּורימדיקער סעודה, האָט דער לץ זיך פאַרגאַלאָפּירט אין זיין ראָל און גענומען חוזקן פון רבין, באַמערקנדיק, אַז ווען ער וואָלט נישט געקענט לערנען, וואָלט ער אויך געקענט ווערן אַ רבי. דאָס איז געווען אַ רמז אויף דעם דרך פון ר׳ יחזקאלע קוזמירער, וועלכער האָט געשטעלט דעם טראָפּ נישט אַזוי פיל אויף לערנען, ווי אויף נגינה.

דער קוזמירער גביר ר׳ חיים מינץ, דער מחותּן פון די פּייערשטיינס, וועלכער איז אין יאָר 1924 געשטאָרבן אין עלטער פון 105 יאָר, איז געווען אַ לעבעדיקער קוואַל פון מעשׂיות וועגן דער התנהגות און די מופתים פון ר׳ יחזקאלע קוזמירער. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ר׳ חיים מינץ געשפּאַנט איבערן שטעטל מיט אַ לאַנגן לולקע־ציבעך פון טונקעלן בורשטין, אָנגעטאָן אין אַ פאַרביקן טערקישן שלאָפראָק און אַ ווייסער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין ברייט־צעפלאָטערטער, גרויער באָרד. ער האָט דערציילט, אַז צו דער

לוויה פון רבין ר׳ יחזקאלע (ער איז נפטר געוואָרן אין חודש שבט פון יאָר תרט״ז — יאַנואַר 1856), זענען געקומען טויזנטער חסידים און דער עולם האָט דעם גרויסן נפטר באַגלייט צו זיין אייביקער רו מיט די נגינים, וואָס דער רבי האָט מחבר געווען.

לויט די שילדערונגען פון ר׳ חיים מינץ, איז ר׳ יחזקאלע קוזמירער געווען אַ מאַן פון אומגעוויינלעך הויכן וווקס. מען האָט דאָס אויך גע־קענט זען פון די זשופּיצעס, פון דעם לאַנגן קנאָכיקן שטעקן מיט דער זילבערנער גאַלקע און דעם הויכן געשניצטן עמוד, וואָס זענען אויפגעהיטן געוואָרן אין רבינס חדר־מיוחד אין אַמאָליקן הויף, ווו ביז צו דער נאַצי־שער אינוואַזיע האָבן געלעבט עטלעכע משפּחות פון רבינס יורשים.

מיט זיין שטעקן, וואָס האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן קאָפּ פון אַ מענטש פון געוויינלעכן ווקס, האָט ר׳ יחזקאלע באַוויזן זיינע מופתים: אַרויסגעטריבן דיבוקים און פאַריאָגט די שדים, וואָס האָבן געפּלאָגט די שטעטלדיקע יידישע בעלי־מלאכות. לויט די שטעטלדיקע מעשיות, האָבן די שדים אָפּגעשניטן די שפּיצן פון די שטיוול ביי די שוסטערס און צעהאַקט די ערדענע טעפּ מיט די שבתדיקע טשאָלנטער ביי די בעקערס.

מיט אָט־דעם שטעקן האָט דער רבי אַפילו אָפּגעשטעלט די פאַרפליי־צונגען פון דעם שטעטלדיקן טייך, גראַדאַזש, וואָס יידן האָבן איינפאַך גערופן „די זשיקע״. אַ גאַנץ יאָר האָט דאָס ראַכיטישע טייכל פויל זיך געשלענגלט דורכן שטעטל, אָבער אין פרילינג, ווען דער שניי אויף די אַרומיקע בערג האָט גענומען שמעלצן, האָט דער גראַדאַזש זיך פאַר־וואַנדלט אין אַ שטורמישן טייך, צעריסן די בריקלעך, וואָס האָבן פאַרבונדןביידע טיילן פון שטעטל און אַוועקגעטראָגן צענדליקער הילצערנע הייזקעס און שטאַלן מיט בהמות.

דעם רבינס הויכער שטעקן, דער עמוד און די זשופּיצעס, זענען געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צום קורצינקן בעטל, אַ מין מיטת־סדום, אין וועלכן דער רבי איז געשלאָפן, אָפּנים איינגעקאָרטשעט אין דרייען. אויף דעם בעטל איז אויך געלעגן אַ קורצע פּערינע. דערלעבן איז גע־שטאַנען אַ הויכער הילצערנער פּאָטעל און אויפן רויען דעמבענעם טיש —

צוויי ציניִנע לייכטער, אַ באַווייז, אַז דער רבי האָט געפירט אַן אָרעם לעבן, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט נזירות.

ר׳ חיים מינץ האָט דערציילט וועגן דעם מינהג, וואָס ר׳ יחזקאלע האָט געהאַט איינגעפירט, אַז אין די באַגינענס און אין די פאַרנאַכטן, ווען די דריי שטעטלדיקע קירכן־גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען מיט זייער אימה־דיקן קלאַנג, האָט דער רבי און זיינע תלמידים גענומען זינגען.

פון דור צו דור האָבן די קוזמירער יידן נאָכגעזאָגט די גוטע ווערט־לעך און געזונגען די ניגונים פון רבין ר׳ יחזקאלע, וועלכער האָט גע־פריידיקט עניוות און שפלות, אָבער וואָס שייך עבודת־הבורא, האָט ער געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף געטאָן ווערן בשמחה: „לוסטיק־לעבעדיק״, ווי דער רבי זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט טאַקע אין יידיש. ווי אַ ביישפּיל האָט מען ציטירט די מעשה מיט אַ גרויסן גביר, וועלכער איז געהאַט געקומען צום קוזמירער רבין, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַן עונש פאַר זיינע זינד. דערויף האָט ר׳ יחזקאלע געענטפערט:

„די נשמה האָסטו שוין געלייגט אין דער ערד אַריין, איצט ווילסטו אויך באַגראָבן דעם גוף. דער אויבערשטער אין הימל וויל נישט, אַז יידן זאָלן זיך פּייניקן. היט זיך בלויז מער נישט צו זינדיקן. גיב צדקה און נעם אויף זיך דעם עול־שמים בשמחה״.

ביי ר׳ יחזקאלען האָט מען נישט געקרעכצט און געקלאָגט ביים ימים־נוראימדיקן דאַווענען. אַפילו סליחות האָט מען נישט געזאָגט מיט קיין געוויין, נאָר מיט געזאַנג. לכבוד יעדן שבת און יום־טוב, האָט דער רבי מחבר געווען ניַיע ניגונים און אויב ער האָט אַמאָל נישט באַוויזן מחבר־צו־זיין אַ ניגון, וואָס האָט געטראָפן זייער זעלטן, האָט ער פון דעם דאָזיקן שבת אָדער יום־טוב נישט געהאַט קיין הנאה.

דער שטראָם פון חסידים, וואָס האָט במשך פון אַ קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט געצויגן קיין קוזמיר צום הויף פון ר׳ יחזקאלע, האָט אויך געבראַכט אַן אויפלעבונג פאַר דעם שטעטל יונאָווצע, אויפן קעגנאיבער־דיקן ברעג פון דער ווייסל. פון וואַרשע און פון אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך אויף דער לינקער זייט פון דער ווייסל האָט דער וועג קיין קוזמיר געפירט איבער יונאָווצע.

נישט נאָר ערב די ימים־טובים, נאָר דורך אַלע טעג פון יאָר איז דער יונאָווצער מאַרק־פּלאַץ פול געווען מיט בוידן, וואָס האָבן געבראַכט טויזנטער חסידים צום רבין ר׳ יחזקאלע. אין יונאָווצע האָט מען איבער־געגעכטיקט אין די אָרטיקע יידישע אַכסניות און אויף צומאָרגנס איז מען אויף שיפלעך אַריבער די ווייסל קיין קוזמיר.

יונאָווצע האָט באַלאַנגט צו די רעטעגישן פון יידישן קיום אין די פּוילישע שטעטלעך. דער ישוב איז אויסגעוואַקסן אַרום דעם מיטל־אַלטערלעכן פּאַלאַץ פון דעם רייכן פּוילישן פּאַטריציער פּיאָטר פּירלעי, וועלכער האָט דערמוטיקט יידן זיך צו באַזעצן אין שטעטל און זיי געגעבן אין אַרענדע זיינע גיטער. אַפילו אין העכסטן בלי־פּעריאָד האָט אָבער יונאָווצע נישט געציילט מער ווי טויזנט איינוווינער, צווישן זיי אַפילו נישט קיין הונדערט יידישע משפחות. און דאָך האָט אין יונאָווצע זיך געפונען אַן אַלטע, געמויערטע שול, וואָס איז געווען נאָך מאָנומענ־טאַלער ווי די קוזמירער שול.

לויט די הויכע סקאַרפּעס אין די פיר עקן פון דער שול און דעם צוויי־פלאַכיקן דאַך, איז געווען קלאָר, אַז די שול איז געבויט געוואָרן אָנהייב 16טן יאָרהונדערט, כמעט אין דער זעלבער צייט ווי דער פּירלעי־פּאַלאַץ. אין דער יונאָווצער שול זענען ביז דעם נאַצי־חורבן אויפגעהיטן געוואָרן די אָריגינעלע פון האַלץ געשניטענע אָרנאַמענטן איבער דעם אָרון־קודש און די קאָלירפולע פרעסקאָס אויף די ווענט, מיט פייגל, פיש, חיות און פסוקים פון תנ״ך.

נאָך דער פּטירה פון ר׳ יחזקאלע קוזמירער — אין זאָטן עלטער פון 84 יאָר — איז קוזמיר פאַר אַ צייט אַראָפּ פון דער חסידישער אַרענע. ר׳ יחזקאלעס עלטסטער זון, ר׳ שמואל אליהו, האָט זיך אַריבערגעטראָגן קיין זוואָלין און פון דאָרט איז די דינאַסטיע פון ר׳ יחזקאלע קוזמי־רער אַריבער קיין מאָדזשיץ, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע טראַ־דיציע פון מאָדזשיצער נגינה.

ערשט אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט אין קוזמיר זיך באַזעצט דער זון פון טריסקער מגיד, ר׳ מאָטעלע טווערסקי, פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע. דער וועג קיין קוזמיר האָט

אָבער שוין מער נישט געפירט איבער יונאָווצע, נאָר איבער פולאַוו, ווו עס איז אין צווישן אויפגעבויט געוואָרן אַ סטאַציע פון דער באַן־ליניע וואַרשע—לובלין.

דער געמויערטער הויף פון ר׳ מאָטעלע מיטן ריזיקן „שאַלאַש״, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמתע פעסטונג, אין קעגנזאַץ צו די באַשיידענע הילצערנע בנינים אין הויף פון ר׳ יחזקאלע. ר׳ מאָטעלעס הויף האָט זיך געפונען אין בנין פון געוועזענעם ראַטהויז, וואָס איז נאָכן אויפשטאַנד פון יאָר 1863 איבערגעטראָגן געוואָרן אין די היסטאָרישע פשיבילאָ־הייזער, אין צענטער פון מאַרק־פּלאַץ.

דורך די קנאַפּע דרייסיק יאָר, וואָס ר׳ מאָטעלע טווערסקי האָט געפירט הויף אין קוזמיר, האָבן אין שטעטל זיך באַזעצט צענדליקער פון זיינע טרייע חסידים, מיינסטנס פאַרמעגלעכע סוחרים, וועלכע האָבן דעם רבין אַריינגענומען אַלס שותף צו זייערע מסחרים. זיי האָבן אויפגעלעבט דעם שטעטלדיקן האַנדל און בכלל געהויבן דעם ווילשטאַנד פון די קוזמירער יידן.

די דאָזיקע צווייטע תקופה פון קוזמירער חסידות האָט אָנגעהאַלטן ביז די שטורמישע יאָרן פון 1905, ווען דאָס שטעטל איז מיטגעריסן געוואָרן דורך דער כוואַליע פון שטרייקן און מרידות קעגן צאַרישן רעזשים און דער רבי ר׳ מאָטעלע איז אַוועק קיין וואַרשע. אין שטעטל האָט מען אָבער נישט אויפגעהערט זיך צו דערציילן די גוזמאות וועגן דעם פאַרנעם פון רבישן הויף און דער עשירות פון רבין גופא, וועלכער פלעגט פאָרן אין אַ באַגילדטער קאַרעטע, געשפּאַנט אין פינף פערד נאַ־שפּיץ, ווי די קלי־ניעווסקיס און אַנדערע רייכע פּריצים פון דער געגנט.

V

יחזקאל האָגע — משומד און בעל־תשובה

ווען ר׳ יחזקאל טאַוב האָט אין קוזמיר געגומען אויפשטעלן זיין הויף און דאָס שטעטל פאַרוואַנדלט אין דעם צענטער פאַר אַ נייעם דרך אין חסידות, האָט אין דעם משכּיליש־אַסימילאַטאָרישן יידישן וואַרשע ווי אַ מעטעאָר אויפגעבליצט אַ צווייטער יחזקאל, דער זון פון קוזמירער רב ר׳ אברהם האָגע, אָדער הוגה.

אין דער טראַגישער געשטאַלט פון דעם גאונישן יחזקאל האָגע, וועלכער האָט זיך געשמדט, אַנגענומען דעם נאָמען סטאַניסלאַוו, אָבער ביים סוף פון זיין לעבן געוואָרן אַ בעל־תשובה, קומט צום אויסדרוק דער ביטערער גערשאַנגל פון פּוילישן יידנטום אין דער ברויזנדיקער תקופה ביים אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט.

איגערלעך צעריסן אין דעם קאַמף צווישן מתנגדים און חסידים, אונטער־געגראָבן דורך אַסימילאַציע און שמד, האָבן די יידן אין פּוילן געליטן פון רדיפות מצד דער צאַרישער מאַכט אין צעטיילטן פּוילן און נישט ווייניקער אויך פון היימישן, פּוילישן אַנטיסעמיטיזם.

אין די פאַרשידענע גלגולים פון זיין שטורמישן לעבן, ווי אַ שרייבער און שתדלן, געניאַלער לינגוויסט, אויטאָריטעט אויפן געביט פון תלמוד און קבלה און נאַטור־פאָרשער, האָט יחזקאל האָגע געווירקט אין פאַרשידענע היפּוכדיקע יידישע סביבות. ער האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיט דעם העברעישן שרייבער און אַסטראָנאָם אברהם יעקב שטערן, מיט זיין איידעם, דעם גרינדער פון דער „הצפירה״, חיים זעליג סלאָנימסקי, און מיטן היסטאָריקער יעקב טוגענדהאָלד. האָגע איז געווען אַן אַריינגייער אין די היימען פון די יידישע מאַגנאַטן בערעק זביטקאָווער, דער זון פון שמואל זביטקאָווער, זלמן פּויז־

נער, טעאָדאָר טעפּליץ, שלמה אייגער, דער זון פון ר׳ עקיבא אייגער, און האָט אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציִונגען מיט די רביישע גדולים פון אָט־דער צייט, ווי ר׳ מאירל אַפּטער און ר׳ בונים פון פשיסכע. חוץ דעם איז יחזקאל האָגע געוועזן אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין די סאַלאָנען פון דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע.

אין דער געשפּאַלטנקייט פון זיין געמיט האָט האָגע לייכט זיך געלאָזט פאַרוואַנדלען אין אַ געצייג פון די פאַרבאָרגענע און אָפענע שונאי־ישראל, וועמען ער האָט געדינט מיט זיין יידישן וויסן. ער האָט זיי צוגעשטעלט די נייטיקע ציטאַטן פון תנ״ך און פון תלמוד, וואָס זיי האָבן גענוצט אין זייערע פאַרלוימדונגען קעגן דער יידישער אמונה. זיין געוויסן איז אָבער נישט געוואָרן פולשטענדיק אָפּגעטעמפּט. גאַנץ אָפט איז ער געוואָרן באַהערשט דורך אַ געפיל פון חרטה, וואָס ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק אין שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן די זעלבע שונאי־ישראל, וועמען ער האָט געדינט.

די שטורמישע לעבנס־געשיכטע פון יחזקאל אָדער סטאַניסלאַוו האָגע איז בלויז פראַגמענטאַריש אַרויסגעבראַכט געוואָרן דורך יידישע היסטאָ־ריקער, וועלכע האָבן געפאָרשט די שמד־באַוועגונג אין פּוילן, באַזונדערס ש. ל. ציטראָן, ע. ב. פרענק און נחום סאָקאָלאָוו. גאַנץ אָפט זענען די ביאָ־גראַפישע איינצלהייטן וועגן יחזקאל האָגע פאַרגרייזט און סתירותדיק, באַ־זונדערס וואָס שייך דעם לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן און שאַפן אין לאָנדאָן. דער דאָזיקער פעריאָד פעלט בכלל אין דער גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן סטאַניסלאַוו האָגע אין עסטרייכערס מאָנומענטאַלער „פּוילישער ביבליאָגראַ־פיע פון 19טן יאָרהונדערט״.

אויפן הויכפּונקט פון חורבן פּוילן איז פּלוצים אויפגעפרישט געוואָרן דער אָנדענק פון דעם פולשטענדיק־פאַרגעסענעם סטאַניסלאַוו האָגע. אין אַפּריל 1943 האָט די יידישע היסטאָרישע געזעלשאַפט אין לאָנדאָן פאַר־עפנטלעכט אַן אַרבעט פון ב. צ. לאַסק־אַבראַהאַמס מיט אומבאַקאַנטע איינצל־הייטן וועגן דעם לאָנדאָנער פעריאָד אין דעם שטורמישן לעבן פון דעם משומד און בעל־תשובה.

אין איר אַנאַליז וועגן די ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע אויפטוען פון סטאַניסלאַוו האָגע גיט לאַסק צו מיט באַדויערן, אַז עס איז איר נישט

געלונגען צו געפינען דאָס וויכטיקסטע ווערק פון סטאַניסלאַוו האַגע אין דער פּוילישער שפּראַך מיט דעם אַראַמעיִשן נאָמען „תא חזי" (קום און זע), וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1830, און איז אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט.

במשך פון יאָרן האָב איך דאָס דאָזיקע בוך געזוכט אין די ביבליאָטעקן פון וואַרשע, לענינגראַד, ירושלים און פּאַריז. אין אייניקע פון די דאָזיקע ביבליאָטעקן האָט דאָס בוך פיגורירט אין די קאַטאַלאָגן, אָבער די עקזעמ־פּלאַרן זענען פאַרשוווּנדן. ערשט אין ניו־יאָרק האָב איך האַגעס „תא חזי" געפונען אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, ווו עס באַלאַנגט צום אוצר פון זעלטענע ביכער, וואָס ווערן נישט אַרויסגעגעבן צום לייענען.

דעם דאָזיקע אָריגינעלן, פּאָלעמישן טראַקטאַט אין דער פאַרטיידיקונג פון דער יידישער אמונה האָט האַגע געשריבן שוין נאָך זיין שמד. אינטערע־סאַנטע איינצלהייטן וועגן די אומשטענדן, אין וועלכע דאָס בוך איז אַנט־שטאַנען, ווערן אַרויסגעבראַכט אין דעם ווערק פון ע. נ. פרענק „משומדים אין פּוילן אין 19טן יאָרהונדערט", וואָס איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1923. ע. נ. פרענק האָט אויך באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַ רייכן מאַטעריאַל וועגן די יאָרן, וואָס האַגע האָט פאַרבראַכט אין פּולאַווו, אין הויף פון די טשאַרטאָריסקיס און אין וואַרשע. עס פעלט אָבער דאָרט דער פּעריאָד פון לאָנדאָן און דער הינטערגרונט פון זיין היים־שטעטל קוזמיר, ווו בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען פאַרברענט געוואָרן די קהילה־אַרכיוון און עס איז אויך אָפּגעווישט געוואָרן דאָס אַלטע בית־עלמין, ווו די מצבה פון האַגעס פאָטער. האָט זיך געפונען נאָענט פון דעם אוהל פון ר' יחזקאלע קוזמירער, מיט וועמען דער קוזמירער רב, ר' אברהם הוגה, און זיין זון, יחזקאל האַגע, זענען געזעסן צוזאַמען ביים טיש פון חוזה אין לובלין.

*

יחזקאל האַגע איז געבוירן געוואָרן אין קוזמיר אין יאָר 1791, ווו זיין פאָטער האָט במשך פון יאָרן פאַרנומען דעם כסא הרבנות. די גאונישקייט

פון דעם יונגן יחזקאל האָט זיך אַנטפּלעקט גאָר פרי. אַלס דריי־יאָריק קינד האָט ער שוין געקענט עברי און אין עלטער פון זעקס יאָר איז ער געווען אַ בקי אין תלמוד. דער שם פון דעם יונגן קוזמירער עלוי האָט זיך פאַר־שפּרייט איבער פוילן, ווען זיין פאָטער האָט צום ערשטן מאָל, אויף די ימים־נוראים, אים מיטגענומען צום חוזה קיין לובלין. דער זעקס־יאָריקער יחזקאל האָט מיט זיין בקיאות איבעראַשט נישט נאָר די חסידים, נאָר אויך דעם רבין גופא.

אין עלטער פון צען יאָר איז יחזקאל, אָדער חאַסקעלע, פאַרקנסט גע־וואָרן מיט דער טאָכטער פון דעמאָלטיקן גרעסטן קוזמירער תבואה־סוחר אהרן מענדעלעוויטש, און צו זיין בר־מצוה איז פאָרגעקומען די חתונה מיט דעם 12־יאָריקן מיידל.

אין גבירישן הויז פון זיין שווער האָט פאַר דעם אומרויִקן חאַסקעלע זיך אַנטפּלעקט גאָר אַ נייע וועלט. די יידישע און נישט־יידישע סוחרים פון אויסלאַנד, וואָס האָבן געפירט מסחרים מיט אהרן מענדעלעוויטש, זענען געוואָרן אויפמערקזאַם אויף זיין יונגן איידעם, וועלכער האָט מיט ברענענ־דיקן נייגיר זיי פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

איינער פון די דאָזיקע אויסלענדישע באַזוכער, אַ יידישער סוחר פון דאַנציק, האָט דעם יונגן חאַסקעלע געגעבן אַלס מתנה משה מענדעלסאָנס דייטשע איבערזעצונג פון חומש מיט פירושים, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דעם יונגן עלוי. אָט־דער סוחר האָט עס געווירקט אויף מענדעלעוויטשן, אַז ער זאָל זיין יונגען איידעם געבן אַ מעגלעכקייט צו לערנען חכמות חיצוניות און דאָס מיטן אַרגומענט, אַז ער וועט אים קענען העלפן אין די מסחרים.

די פוילישע לערער אין קוזמיר האָבן אָבער גאָר שנעל זיך מודה־געווען, אַז זייער תלמיד האָט זיי שוין ווייט איבערגעשטיגן אין די קענטע־נישן פון פויליש און מאַטעמאַטיק און האָגע האָט אַליין פאַרגעזעצט צו לערנען פון די האַנטביכער, וואָס ער האָט באַקומען פון די פוילישע לערער. גלייכצייטיק האָט ער אָבער נישט אויפגעהערט זיך צו פאַרטיפן אין ש״ס, פּוסקים און גאַנץ באַזונדערס אין קבלה־ספרים.

אויף די ימים־נוראים איז חאַסקעלע ווייטער, צוזאַמען מיט זיין פאָטער, געפאָרן קיין לובלין צום חוזה. די חסידים, וועלכע האָבן געדענקט דאָס

וווּנדער־קינד פון קוזמירער רב, זענען דערשטוינט געוואָרן פון די ליצנות און פאַרשלייערטע אַפּיקורסישע רייד פון דעם יונגן חאַסקעלע האָגע. אַזוי למשל ווערט אים צוגעשריבן די פילפאַכיקע מעטאַפאָרע וועגן לובלין און דעם הויף פון חוזה: „לובלין איז ארץ־ישראל, דער הויף פון בית־המדרש איז ירושלים; דאָס בית־מדרש גופא איז דאָס בית־המקדש, דער חדר פון חוזה איז דאָס קדשי־קדשים און די שכינה רעדט דורך די ליפּן פון חוזה״.

פיל חסידים האָבן די דאָזיקע סאַרקאַסטישע פאַרגלייכן פון חאַסקעלע האָגע אָנגענומען אין זייער ווערטערלעכן זין און זיי זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל. אַנדערע האָבן אָבער דערשפּירט די איראָניע, וואָס איז אין זיי פאַרשטעקט.

איינמאָל איז דער לובלינער הויף געוואָרן אויפגעטרייסלט צוליב אַ שפּיצל, וואָס חאַסקעלע האָגע האָט אָפּגעטאָן דעם רבין. אין אַ פרייטיק נאָכמיטאָג, ווען דער רבי איז געווען אין מקווה, האָט חאַסקעלע זיך אַריינ־געכאַפּט אין רבינס חדר מיוחד און אין זיין שבתדיקער, ווייס־אַטלאַסענער זשופּיצע אַריינגעלייגט אַ שטיק פאַרמעט, אויף וועלכן עס זענען אין לשון פון „זוהר״ געווען אויסגעכתיבהט די ווערטער: „פתקא דמן שמיא. יעקב יצחק ברי, אנת הוא מלכא משיחא״ (אַ צעטל פון הימל. יעקב יצחק מיין זון, דו ביסט דער מלך משיח). דאָס צעטל איז געווען געחתמעט מיטן שם הוי״ה.

ווען דער רבי האָט צו קבלת־שבת אָנגעטאָן זיין ווייסע זשופּיצע און דאָרט געפונען דעם פאַרמעט, האָט ער זיך גלייך משער געווען, אַז דאָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן דורך חאַסקעלע האָגע. זינט דעמאָלט האָט חאַסקעלע באַקוז־מען דעם צונאָמען „משומד״, הגם ער איז נאָך דאַן געווען ווייט פון שמד.

דער רום וועגן די פעיִקייטן פון חאַסקעלע האָגע זענען דערגאַנגען צום פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, וועמענס הויף אין שכנותדיקן פּולאַווו האָט דאַן מיט זיך פאַרגעשטעלט איינעם פון די וויכטיקסטע קולטור־צענטערן אין פּוילן. דאָס איז געווען אַ מין פּויליש ווערסייל אָדער פלאָרענץ, מיט רענע־סאַנס־פּאַלאַצלעך אין אַ וווּנדערלעכן פּאַרק, מיט אונטערערדישע היילן און פאַנטאַסטישע סטאַלאַקטידן.

באַזונדערס באַרימט איז געווען די טשאַרטאָריסקי־ביבליאָטעק, ווו עס

האָבן זייערע פאָרשונגס־אַרבעטן געפירט די וויכטיקסטע פוילישע שריפט־שטעלער און היסטאָריקער אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. דער הויף פון דער טשאַרטאָריסקי־משפחה איז אויך געווען אַ טרעפפונקט פאַר די פירער פון דער פוילישער אומאָפהענגיקייטס־באַוועגונג, איינגע־שלאָסן פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, קריגס־מיניסטער פון וואַרשעווער פירשטנטום בעת דעם נאַפּאָלעאָנישן מאַרש אויף רוסלאַנד אין יאָר 1812. אין פולאַווער הויף פלעגן אויך קומען יידישע שתדלנים, כדי ביים ליבעראַלן פירשט טשאַרטאָריסקי זוכן הילף קעגן די גזירות פון דער צאַרישער מאַכט.

פאַר די יידישע און אויך פוילישע איינוווינער אין קוזמיר איז דערי־בער געווען אַ גרויס געשעעניש די ידיעה, אַז פירשט טשאַרטאָריסקי האָט זיך פּערזענלעך פאַראינטערעסירט מיט דעם יונגן חאַסקעלע האָגע. אין גיכן איז דער פירשט טאַקע געקומען קיין קוזמיר, כדי זיך צו באַגעגענען מיט דעם יונגן גאון. איבערראַשט פון חאַסקעלעס חריפות און זיין קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך האָט ער אים פאַרגעלייגט זיך צו באַזעצן אין פולאַווו, ווו ער וועט קענען געניסן פון דער ביבליאָטעק און אויך פון די לערער אין זיין הויף.

חאַסקעלע האָגע האָט זיך טאַקע פאַר אַ צייט באַזעצט אין פולאַוו, גע־וווינט אין הויז פון דעם אָרטיקן ראש־הקהל און פאַרבראַכט זיינע טעג אין הויף פון די טשאַרטאָריסקיס, ווו ער האָט געלערנט פראַנצויזיש, ענגליש, לאַטיין און גריכיש. ער איז שנעל געוואָרן דער ליבלינג פון פירשט טשאַר־טאָריסקי און פון די פירנדיקע פוילישע אינטעלעקטועלע, וועלכע האָבן פאַרקערט אין פולאַווער הויף. זיי האָבן עס שפּעטער געעפנט דעם וועג פאַר האָגעס שרייבערישער קאַריערע און דער עיקר פאַר זיינע שתדלנות לטובת יידן אין די שטורמישע יאָרן פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. האָגע האָט אָפט אינטערוועניררט ביי די פוילישע און פראַנצויזישע מיליטערישע אויטאָרי־טעטן קעגן די גזירות פון די אַרמיי־קאָמאַנדירן.

ערב נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף רוסלאַנד איז חאַסקעלע האָגע געוואָרן אַריינגעצויגן אין דעם היסטאָרישן קאָנפליקט צווישן זיין וווילטעטער פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי און פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, צי די פוילישע אומאָפהענגיקייטס־פירער זאָלן

זיך אַקטיוו אַנגאַזשירן אויף דער זייט פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט פּראָקלאַמירט דאָס וואַרשעווער פירשטנטום.

פּאָניאַטאָווסקי איז געווען אַן אַנהענגער פון נאַפּאָלעאָנען, בעת טשאַר־טאָריסקי איז געווען דער וואָרטזאָגער פון דער פּראָ־רוסישער אָריענטאַ־ציע און האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דעם ליבעראַלן צאַר אַלעקסאַנדער דעם 1טן, וועמען ער האָט געהאַט אויפגענומען אין זיין פּולאַ־ווער פּאַלאַץ.

לויט אַ פאַרשפּרייטער ווערסיע זענען די צוויי פּוילישע פירשטן אַוועק שואל־עצה זיין ביים קאָזשעניצער מגיד, ר' ישראל, און חאַסקעלע האָגע האָט געדינט אַלס איבערזעצער אין דעם שמועס צווישן די פירשטן און דעם קאָזשעניצער רבין. אין דער חסידישער וועלט איז פאַרשפּרייט די לעגענדע, אַז דער קאָזשעניצער האָט פאָרויסגעזען די מפלה פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט און האָט פּרובירט ווירקן אויף יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, אַז ער זאָל זיך נישט אַנגאַזשירן אין דעם מאַרש אויף רוסלאַנד.

אין קוזמיר, און אַפילו ביים חוזה אין לובלין, וווּהין חאַסקעלע פלעגט נאָך אַלץ פאָרן אויף יום־טובים, האָט מען פאַרקוקט זיין התנהגות — די מאָדערנע מלבושים און צוגעשוירענע פּיאות. מען האָט אים אַפילו מוחל־געווען די אַפּיקורסישע רייד און דאָס אַ דאַנק זיינע דערפאָלגרייכע שתדלנות לטובת יידן, באַזונדערס זיין אויספועלן צו באַפרייען יידן פון מיליטער־דינסט.

נאָך דער מפלה פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט האָט מען דערוואַרט, אַז פירשט אַדאַם טשאַרטאָריסקי וועט ווערן דער פאַרטרעטער („נאַמיעסטניק") פון דער צאַרישער מאַכט אין פּוילן. די יידן האָבן דעריבער געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער השפעה פון חאַסקעלע האָגע אין פּולאַווער הויף. דער ליבעראַלער אַלעקסאַנדער דער 1טער האָט אָבער, צו אַלעמענס איבעראַשונג, אַלס פּוילישן „נאַמיעסטניק" באַשטימט דעם קאָנסערוואַטיוון גענעראַל זאַ־יאָנטשעק. פירשט טשאַרטאָריסקי האָט זיך דאַן צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן לעבן און זיך אָפּגעזונדערט אין זיין הויף אין פּולאַווו.

דאָס האָט גורם געווען, אַז עס זאָל אויך פאַרבלאַסט ווערן דער שטערן פון חאַסקעלע האָגע, וועמען מען האָט צוריק גענומען רופן „חאַסקעלע

משומד". באַזונדערע צרות האָט האַסקעלע געהאַט אויסצושטיין אין קוזמיר, צוליב די קאָנפליקטן מיט זיין פרוי, פון וועלכער ער האָט פאַרלאַנגט אַ גט, הגם זיי האָבן שוין דאַן געהאַט דריי קינדער. פאַר די קוזמירער יידן איז אויך נישט געווען קיין סוד, אַז האַסקעלע פירט אַ ליבע מיט דער פרעכטיקער איטע, אַ טאָכטער פון אַן אָרעמען שניידער. דאָגעס לעבן אין קוזמיר איז געוואָרן אומדערטרעגלעך און ער פלעגט אָפט אַנטלויפן קיין פולאַווו.

די שטימונג אין הויף פון די טשאַרטאָריסקיס איז אָבער אַלץ מער און מער געוואָרן אַ געדריקטע. דער פירשט האָט זעלטן ווען אויפגענומען און האַסקעלע האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן קוזמיר. אין יאָר 1817 איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון פירשט טשאַרטאָריסקי צו דעם באַוווסטן אָריענטאַליסט אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, פּראָפ. אַדאָם כמיעלעווסקי. במשך פון אַ קורצער צייט איז האַגע געוואָרן זיין נאָענטסטער מיטאַרבעטער אויפן געביט פון העברעיִש און ביבל־פאָרשונג אויפן אוניווערסיטעט, ווי אויך אין דער קאַנצעלאַריע פון נאַמיעסטניק, ווו כמיעלעווסקי האָט פאַרנומען דעם אַמט פון הויפט־צענזאָר פאַר רבנישע ספרים און העברעיִשע און יידישע ביכער.

צוליב דער פאַרטרוילעכקייט פון זיין אַמט האָט מען האַגען געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף זיך האַלטן ווייט פון דער יידישער סביבה. ער האָט באַקומען אַ דירה אין שכנות פון „נאַמיעסטניקס" קאַנצעלאַריע, אויף דער נאַלעווקי־גאַס, וואָס איז דאַן געווען פאַרבאָטן פאַר יידן, וועלכע האָבן געוווינט הויפטזעכלעך אויף די גאַסן קרולעווסקאַ און מאַרשאַלקאָווסקאַ.

די דאָזיקע גאַסן האָבן שפּעטער דורכגעמאַכט אַ מערקווירדיקן גלגול. נאַלעווקי גאַס איז געוואָרן דאָס האַרץ פון ברויזנדיקן יידישן וואַרשע, בעת קרולעווסקאַ און מאַרשאַלקאָווסקאַ האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין די הויפּט־אַרטעריעס פון דער שטאָט, באַוווינט דורך דעם פוילישן בירגערטום.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און אין די פירנדיקע יידישע קרייזן אין וואַרשע האָט מען זיך דערוווסט, אַז אין דער קאַנצעלאַריע פון נאַמיעסטניק איז פאַראַן אַ ייד, וועמען פּראָפ. כמיעלעווסקי האָט אַריינגעזעצט אַלס זיין פאַרטרויענס־מאַן. די דאָזיקע ידיעה איז געקומען פון אברהם יעקב שטערן און יעקב טוגענדהאָלד, וועלכע זענען אויך געווען באַשעפטיקט אין דער

צענזור. זיי האָבן דעריבער געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי זיך צו דערנעענטערן צו דעם געהיימנישפולן נייעם רעפערענט פאַר יידישע ענינים, וועלכער איז אייגנטלעך געוואָרן דער ממונה איבער זיי.

באַזונדערס פאַראינטערעסירט אין דעם נייעם רעפערענט זענען געווען די וואַרשעווער ראשי־הקהל, וועלכע האָבן זיך געשראָקן, אַז דער דאָזיקער באַאַמטער, וועגן וועלכן זיי זענען איבערצייגט געווען, אַז ער איז אַ משומד און אַ רשע, וועט אָנטאָן צרות די יידן אין פוילן, באַזונדערס אין אָנבליק פון די נייע געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס האָבן געדראָט צו באַרויבן די יידן פון די אַזוי גערופענע „פּריווילעגיעס". די ראשי־הקהל האָבן אָבער נישט גע־ וווּסט, אַז חאַסקעלע האָגע גופא זוכט אַ קאָנטאַקט מיט די יידישע פירער, כדי זיי צו וואָרענען וועגן די נייע גזירות, וואָס זענען געוואָרן געגרייט.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען חאַסקעלע האָגע האָט זיך געפונען אין זיין קאַנצעלאַריע, האָט מען אים געמאָלדן, אַז אַ רייכער „סטאַראָזאַקאָנני" (ווי מען האָט דאַן העפלעך באַצייכנט די יידן) וויל אים זען. דער דאָזיקער „סטאַראָזאַקאָנני" איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי דער רייכסטער ייד אין גאַנץ פוילן, דער באַרימטער בערעק, אגב אַ גרויסער חשוב ביים גענע־ ראַל זאַיאָנטשעק, מיט וועמען ער האָט געהאַט פינאַנסיעלע עסקים. האָגע האָט גוט געקענט בערעקס יחוס. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז דער זון פון לעגענדאַרן שמואל זביטקאָווער, וועלכער האָט געפירט תבואה־געשעפטן מיט דעם פאָטער פון זיין שווער, יוסף מענדעלעוויטש.

פון ערשטן אויגנבליק האָט זיך פאַרקניפּט אַ פריינדשאַפט צווישן בערעק זביטקאָווער און חאַסקעלע האָגע, וועלכער איז געוואָרן אַ יוצא ונכנס אין זיין הויז. באַזונדערס איז ער געוואָרן אַן אַטראַקציע אין סאַלאָן פון בערעקס פרוי, די עלעגאַנטע, הויך געבילדעטע תמרל, וועלכע האָט מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט די אויפגייענדיקע יידישע אינטעלעקטועלע אין וואַרשע.

אין אָנהייב האָט מען אין די רעגירונגס־קרייזן געקוקט קרום, וואָס האָגע האָט זיך גענומען דערנעענטערן צו דער יידישער סביבה. די פּוילישע ליבעראַלן האָבן אָבער געהאַלטן, אַז האָגע קען שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין צואיילן דעם אַסימילאַציע־פּראָצעס פון די פּוילישע יידן, וועמענס איבער־

וויגנדיקע מערהייט האָט גערעדט יידיש און בלויז אַ קליינע מינדערהייט האָט געקענט פויליש.

ביי די דאָזיקע ליבעראַלן איז עס געבוירן געוואָרן דער געדאַנק וועגן איבערזעצן אויף פויליש דעם סידור און אַנדערע רעליגיעזע ספרים און די דאָזיקע אויפגאַבע איז אָנפאַרטרויט געוואָרן יחזקאל האָגע. אין דער דאָזיקער איבערזעצונג האָט האָגע זיך אַנטפּלעקט ווי אַ מייסטער פון דער פוילישער שפּראַך. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ האַנטבוך פון יידישע דינים אין דער פוילישער שפּראַך.

אין אַט דער צייט, אין יאָר 1819, האָט אין וואַרשע אויפגעטויכט דער פראַנצויזישער טעאָלאָג גלח ציאַריני, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אַלס שונא־ישראל. ער איז איינגעלאַדן געוואָרן קיין פוילן דורך דעם פלאָצקער בישאָף פּראַזשמאָווסקי, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט דער יידן־פּראַגע. ציאַריני איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער צענזור־קאָמיסיע פאַר יידישע ספרים און כתבים. דריי יאָר שפּעטער האָט ער אַרויסגעשטויסן פון וואַר־שעווער אוניווערסיטעט דעם ליבעראַלן פּראָפ. אַדאַם כמיעלעווסקי און פאַר־נומען זיין קאַטעדרע פאַר סעמיטישע שפּראַכן און ביבל, הגם ער האָט נישט געקענט קיין פויליש און האָט זיינע לעקציעס געלייענט אין פראַנצויזיש. דערביי איז ער אויך געווען אַ קנאַפּער קענער פון העברעיש, שוין אָפּגע־רעדט פון תלמוד.

דער וואַקסנדיקער איינפלוס פון גלח ציאַריני האָט באַאומרויִקט די וואַרשעווער ראשי־הקהל, באַזונדעס, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דער דאָזיקער פראַנצויזישער שונא־ישראל האָט דורך דעם פוילישן „נאַמיעסט־ניק" אויסגעאיבט אַ דרוק אויף האָגע, אַז ער זאָל ווערן זיין געהילף, סיי אויפן אוניווערסיטעט און סיי אין דער צענזור־קאָמיסיע.

באַלד אָבער האָט זיך אונטערגערוקט אַ געלעגנהייט פאַר יחזקאל האָגע זיך צו רעהאַביליטירן אין די אויגן פון די פוילישע יידן, ווען ער האָט גענומען אויף זיך די מיסיע צו פאַרטיידיקן די חסידישע באַוועגונג אין דעם באַרימטן עפנטלעכן וויכוח צווישן די מתנגדים און חסידים, וואָס האָט דאַן, אין יאָר 1824, אויפגעטרייסלט נישט נאָר די יידן אין פוילן, נאָר איבער גאָר דער וועלט.

דער דאָזיקער וויכוח איז געווען אַ רעזולטאַט פון אָנקלאַגעס, וואָס זענען צום „נאַמיעסטניק" אָנגעקומען פון אַ צאָל קהילות אין פּאָדלאַסיע און אין דער קראָקעווער געגנט. דער קערן פון די אָנקלאַגעס איז געווען, אַז די חסידישע רבים צעשטערן דאָס אָרגאַניזירטע רעליגיעזע יידישע לעבן אין פּוילן און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז אַלע חסידישע שטיבלעך זאָלן ווערן געשלאָסן און חסידישע ספרים — פאַרבאָטן.

האָגע האָט וועגן דעם אַלאַרמירט תמרלען, וועלכע איז אַוועק צום „נאַמיעסטניק" און אים געפּרוווט איבערצייגן, אַז די מסירות פון די פּאַר־ביסענע מתנגדים זענען גרונטלאָז, און זי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די רעגירונג זאָל פאַרלאַנגען פון די חסידים אַן אויפקלערונג, כדי צו האָבן אַ ריכטיק בילד וועגן דער לאַגע. דער „נאַמיעסטניק" האָט אָבער געמאַכט אַ קעגן־פאָרשלאַג, אונטער וועלכן עס האָט געשטעקט אַן אַנטיסעמיטישע כוונה, און נעמלעך, אַז עס זאָל פאָרקומען אַן עפנטלעכער וויכוח צווישן דיביידע צדדים, כדי „אָביעקטיווע" אָבסערוואַטאָרן זאָלן קענען אורטיילן, ווער עס איז גערעכט.

אַזאַ וויכוח איז טאַקע פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון דעם באַוווּסטן פּוילישן געלערנטן סטאַניסלאַוו סטאַשיץ, אגב נישט קיין צו גרויסער אוהב־ישראל. די מתנגדים האָבן ווי זייער פאַרטרעטער אַרויסגערוקט דעם משכי־לישן געלערנטן און פאַרביסענעם קעגנער פון חסידיזם אַנטאַני אייזענבוים, שפּעטערדיקער לייטער פון ערשטן ראַבינער־סעמינאַר אין וואַרשע.

וואָס שייך דעם חסידישן צד, האָט תמרל געהאַלטן, אַז דער פּאַסיק־סטער וואָרטזאָגער וואָלט געווען דער רבי ר' מאירל אַפּטער, וועלכער האָט אָבער נישט געקענט קיין פּויליש. זיין בעל־יועץ און איבערזעצער האָט געזאָלט זיין דער רבי ר' בונים פון פּשיסכע, אַ בקי אין וועלטלעכן וויסן, וועלכער איז אַמאָל געווען דער פאַרוואַלטער פון תמרלס בראָנפן־געשעפטן. ביידע רביים זענען געקומען קיין וואַרשע און נאָך אַ באַראַטונג מיט תמרל האָבן זיי פאָרגעשלאָגן, אַז אין נאָמען פון די חסידים זאָל צום וויכוח זיך שטעלן יחזקאל האָגע.

די ידיעה, אַז האָגע האָט גענומען אויף זיך די שליחות צו פאַרטיידיקן דעם חסידישן צד, האָט אַרויסגערופן פיל גרעסערע שטוינונג אין פּוילישע

ווי אין יידישע קרייזן. דאָס איז טאַקע געקומען צום אויסדרוק אין דעם שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן האָגע און דעם פאָרזיצער פון דער דע־באַטע, סטאַניסלאַוו סטאַשיץ. אויף דער פראַגע פון סטאַשיץ, פאַרוואָס ער פאַרטיידיקט חסידות, די „פאַרקערפּערונג פון יידישן פאַנאַטיזם", בעת ער אַליין האָט זיך דערוויטערט פון דער דאָזיקער סביבה, האָט האָסקעלע געענטפערט:

„ווען איך בין געווען צווישן די חסידים, צווישן די יידן, האָב איך פאַרטיידיקט אייך, קריסטן, הגם איך האָב אייך נאָך דאַן ריכטיק נישט געקענט און נישט געהאַט גענוג אַרגומענטן דערפאַר. איצט, ווען איך פאַר־טיידיק די יידן, די חסידים, האָב איך די נייטיקע אַרגומענטן זיי צו פאַרטיידיקן. ווען איך וועל זיך אַמאָל צוריק אומקערן צו די יידן, וועל איך שוין וויסן, ווי אַזוי אייך צו פאַרטיידיקן".

חאַסקעלע האָגע האָט צעשמעטערט אַלע פאַרוואורפן פון דעם מתנגדישן פאַרטרעטער, אַנטאָני אייזענבוים, וועלכער האָט געטענהט, אַז די חסידים טיילן זיך אָפּ פון יידישן ציבור, דאַווענען באַזונדער אין זייערע שטיבלעך, מאַכן משונהדיקע העוויות, פאַרנעמען זיך מיט ניסים און מופתים, וואָס ער האָט פאַרגליכן צו „געצנדינערײַ", און אויסגעפירט, אַז די חסידישע באַוועגונג איז שעדלעך פאַר מלכות.

האָגע האָט אָבער מיט פּסוקים פון תנ"ך און תלמוד צעשלאָגן די אָנ־קלאַגעס קעגן חסידות און אונטערגעשטראָכן, אַז גראָד די חסידים זענען שטאַרק אָפּגעהיטן אין זייערע מידות און פירן זיך שטרענג מאָראַליש.

וואָס שייך דער אָנקלאַגע, אַז די חסידים שטעלן מיט זיך פאָר אַ סעקטע, וואָס רייסט זיך אָפּ פון יידישן ציבור, האָט חאַסקעלע צוגעטראָפן סטאַשיצן מיט דער ציניש׳ער באַמערקונג, אַז די רעגירונג דאַרף גאָר שטיצן די סעק־טאַנטישע „קיטעווצער" — ווי די מתנגדים האָבן גערופן די חסידים, לויטן נאָמען פון בעל־שמס שוואָגער, ר׳ גרשון קיטעווער, — ווייל אין דער צוקונפט קען פון דער חסידישער באַוועגונג ווערן דאָס זעלבע, וואָס איז געוואָרן פון דער פראַנקיסטישער סעקטע, וואָס איז אַוועק אויפן וועג פון מאַסנהאַפטן שמד...

דאָס איז געווען דער הויפּט־אַרגומענט, וואָס האָט געווירקט אויף

סטאַשיצן, און דעם 30סטן אויגוסט 1824 האָט דער „נאַמיעסטניק" אַרויס־געגעבן אַ דעקרעט, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז די חסידישע באַווע־גונג איז נישט שעדלעך און „מען טאָר נישט שטערן די חסידים אין זייער תפילה טאָן אין באַזונדערע שטיבלעך".

אַזוי אַרום האָבן זיך באַשטעטיקט די ווערטער פון רבין ר' בונים, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז האַסקעלע האָגע איז דער פּאַסיקסטער מענטש אַרויסצוטרעטן קעגן די מתנגדים, ווייל „נאָר זיינע שמד־שטיק זענען עלול מנצח צו זיין די טומאה פון די מתנגדישע מוסרים".

מיט דעם נצחון פון האַסקעלע האָגע אין דעם וויכוח מיט די מתנגדים האָבן זיך געגומען פאַרוועבן לעגענדעס וועגן זיין גרויסקייט און חשיבות אין די העכסטע רעגירונגס־קרייזן אין וואַרשע. דאָס האָט אָבער נאָך מער פאַרשטאַרקט די ביטערניש ביי זיין משפחה אין קוזמיר און אַלע זיינע באַמיִונגען צו באַקומען אַ גט פון דער פרוי האָבן נישט געהאָלפן. זי איז געוועזן איינגעשפּאַרט און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זי ברענגען קיין וואַרשע מיט די דריי אונטערוואַקסנדיקע קינדער.

האָגעס נאָענטסטע פריינד אין וואַרשע האָבן אָבער נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן זיין פאַרפּלאָנטערטער משפחה־דראַמע. נישט נאָר האָבן זיי נישט געוווּסט, אַז ער האָט אין קוזמיר איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט קינדער, נאָר זיי האָבן אויך נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז ער לעבט אין וואַרשע אומגעזעצלעך מיט אַ פרוי, וועלכע האָט אים געבוירן צוויי טעכטער. דאָס איז געוועזן איטע, די טאָכטער פון אַ קוזמירער שניידער, וועלכע איז געהאַט געקומען צו אים קיין וואַרשע.

סוף כל סוף איז דער דאָזיקער לאַנג־אָפּגעהיטענער סוד געוואָרן אַנט־פּלעקט און איז אויסגענוצט געוואָרן קעגן האַסקעלע דורך זיינע אייפערזיכ־טיקע יידישע מיטאַרבעטער אין דער קאַנצעלאַריע פון „נאַמיעסטניק". דער הויפּט פון דער קאַנצעלאַריע האָט האָגען געוויזן די אַנאָנימע שריפטלעכע מסירה קעגן אים און דערקלערט, אַז צוליב זיין אוממאָראַלישן פאַמיליע־לעבן קען ער נישט אָנהאַלטן די פּאָזיציע פון ראַטגעבער פאַר יידישע ענינים, און אַז זיינע ביכער וועגן דער יידישער אמונה מוזן ווערן צוריקגעצויגן. ווי אַן אויסוועג פון דעם דאָזיקן קלעם, האָט זיין ממונה סוגערירט: שמד.

האַגע האָט זיך דאַן געווענדט נאָך אַן עצה צו תמרל, אין דער האָפענונג, אַז זי וועט פאַרשטיין זיין טראַגישן מצב און וועט ווירקן אויף זיין פרוי אין קוזמיר אים צו געבן אַ גט, כדי ער זאָל קענען אָפיציעל חתונה האָבן מיט איטען און אַזוי אַרום צונישט מאַכן די מסירה. די תקיפותדיקע תמרל האָט אָבער דעם צעבראָכענעם חאַסקעלע אויסגעמוסרט און געפּאָדערט פון אים צוריק זיך אומקערן צו זיין געזעצלעך ווייב. דערביי האָט זי אים אָנגעבאָטן פינאַנציעלע הילף כדי צו קענען פאַרזאָרגן זיין אומגעזעצלעכע פרוי מיט אירע קינדער. האַגע האָט זיך אָבער נישט געוואָלט שיידן מיט איטען און פאַרביטערט צוליב תמרלס האַרטנעקיקייט האָט ער אָנגענומען דעם אויסוועג, וואָס איז אים פאָרגעלייגט געוואָרן דורך זיינע קריסטלעכע ווילטעטער. ביים שמד האָט חאַסקעלע באַקומען דעם נאָמען סטאַניסלאַוו, פון איטע איז געוואָרן אַננאַ און זיינע צוויי טעכטער האָבן געקראָגן די נעמען — יוליאַ און אַנטאָגינאַ.

דער שמד פון יחזקאל האַגע, קוים עטלעכע חדשים נאָך זיין נצחון אין דעם וויכוח מיט די מתנגדים, האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק אויף די יידן אין פוילן, וועלכע האָבן זיך געשראָקן, אַז ער וועט ווערן אַ שונא־ישראל, וואָס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן צו זיין גרונטלאָז. דאָס האָט זיך איינגיכן באַשטעטיקט אין דער אַקטיווער ראָל, וואָס ער האָט גענומען שפּילן אין דעם „אידישן קאָמיטעט" (קאָמיטעט סטאַראַזאַקאָנניך), וואָס איז דעם 3טן יוני 1825, אויפן באַפעל פון צאַר, געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע.

דער דאָזיקער קאָמיטעט, וועמענס ציל איז געווען צו „פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין פוילן", איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון ליבעראַלע קריסטן, בראש מיט איגנאַצי זאַלעסקי, אַ זון פון דעם באַוווּסטן פראַנקיסט, אליהו. אַלס ערשטער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט איז באַשטימט געוואָרן חאַסקעלע, אָדער ווי ער האָט שוין דאַן געהייסן, סטאַניסלאַוו האַגע. צום קאָמיטעט איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן אַ „באַראַטונגס־־קאַמער" פון די סאַמע פּראָמינענטסטע יידישע פערזענלעכקייטן אין וואַרשע, ווי תמרלס זון, יאַנקעלע, וועלכער האָט נאָכן טויט פון זיין פאָטער געענדערט דעם נאָמען אויף בערגסאָן; ר' זלמן פּויזנער, שלמה אייגער, מיכלי ראַווער־עטינגער, אברהם יעקב שטערן, טעאָדאָר טעפּליץ און אַנדערע.

ש. ל. שניידערמאַן

די ידיעה וועגן דער אַנטשטייונג פון דעם „יידישן קאָמיטעט" האָט געוועקט גרויסע האָפענונגען ביי די יידן אין פוילן, און פון גאַנצן לאַנד האָט אַ שטראָם געטאָן מיט בריוו פול מיט אַלאַרמירנדיקע מיטטיילונגען וועגן די ביטערע נגישות מצד דער לאָקאַלער מאַכט, סיי אין באַצוג צו רעליגיעזע, ווי צו עקאָנאָמישע ענינים. אויפן סמך פון אָט־די בריוו האָט האָגע אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון איינשטעלן „קאָרעספּאָנדענטן" אין דער פּראָווינץ. אַלס אַזאַ קאָרעספּאָנדענט פון דער צוויזמערער וואָיעוואָדשאַפט איז אויף דער רעקאָמענדאַציע פון סטאַניסלאַוו האָגע באַשטימט געוואָרן דער רבי ר׳ בונים, מיט וועמען האַסקעלע איז געווען באַפריינדעט נאָך פון „חוזהס" הויף אין לובלין און האָט מיט אים צוזאַמענגעאַרבעט ביים צוגרייטן די פאַרטיידיקונג פון די חסידים אין דעם וויכוח מיט די מתנגדים.

דאָס אַריינציִען די וואָרטזאָגער פון דער חסידישער באַוועגונג אין דער אַרבעט פון „יידישן קאָמיטעט" האָט געהויבן די חשיבות פון האַסקעלע משומד אין די אויגן פון טראַדיציאָנעלן פוילישן יידנטום. עס זענען אָבער אויך געווען יידן, וואָס האָבן ווייטער אינטריגירט קעגן אים און צוגעטראָגן דער רעגירונג מסירות, אַז הגם האַסקעלע האָט זיך געשמדט, פירט ער זיך ווייטער אויף ווי אַ ייד. דאָס האָט גורם געווען, אַז דער צאַרישער גובער־נאַטאָר נאָוואָסילצעוו זאָל וואַרפן אַן אומחן אויף האָגע און נעמען צוימען זיין השפעה אין „יידישן קאָמיטעט" דורך באַשטימען אַלס מיטגליד דעם גלח ציאַריני, וועלכער האָט אין דער פוילישער פרעסע אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען מיט בולטע אַנטיסעמיטישע טענדענצן.

אין יאָר 1827 איז אין דער טאָג־צייטונג „דזשענניק וואַרשאַווסקי" דער־שינען אַן אַרטיקל פון גלח ציאַריני, אין וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט, אַז ער טרעט צו איבערזעצן גאַנץ ש"ס אויף פראַנצויזיש, כדי צו באַווייזן די שעד־לעכקייט פון תלמוד. אין אַ צווייטן אַרטיקל איז גלח ציאַריני אַרויסגעקו־מען מיט אַ פּראָיעקט צו פאַרשטאַרקן די קאָנטראָל פון דער רעגירונג ביים דרוקן רבנישע ליטעראַטור, אין וועלכער עס זענען, לויט זיין באַהויפּטונג, פאַראַן שטעלן „פול מיט שנאה צו אַנדערע פעלקער". דערביי האָט דער גלח ציאַריני פאָרגעשלאָגן, אַז די „שעדלעכע" ספרים, וואָס זענען שוין אַרויס פון דרוק, זאָלן ווערן קאָנפיסקירט.

אין אָט דער צייט איז דאָס יידישע וואַרשע אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ בלוט־בלבול, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט עטלעכע טעג פאַר פּסח אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס. אַ קריסטלעך קינד, וואָס האָט זיך געשפּילט צו־זאַמען מיט יידישע קינדער אין אַ הויף, איז אַריינגעפאַלן אין אַ קאַסטן און די קינדער האָבן דעם קאַסטן פאַרמאַכט. אויף די געשרייען פון דעם קינד זענען אָנגעלאָפן קריסטלעכע איינוווינער און עס האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט אַ קריסטלעך קינד, כדי עס צו דערהרגענען און צו נוצן דאָס בלוט אויף מצות. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן צוועלף יידן, אָבער נאָך אַ לענגערער אויספאָרשונג זענען זיי אַלע געוואָרן באַפרייט.

דער דאָזיקער פאַל האָט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון גלח ציאַריני, וועלכער האָט פאַרשטאַרקט זיין אַנטיסעמיטישע העץ־קאַמפּאַניע און פאַרעפנטלעכט אין פראַנצויזיש אַ ווערק „די טעאָריע פון יודאַיִזם" מיט געפעלשטע ציטאַטן פון דער תורה און פון תלמוד, וואָס האָבן כלומרשט באַדאַרפט באַווייזן די ריכטיקייט פון עלילת־דם. גלח ציאַריני האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעהאַלטן פון דערמאָנען דעם פאַל אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, הגם דער בלבול איז געוואָרן דעמאַסקירט.

קעגן דעם ווערק פון גלח ציאַריני זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן די מיטגלידער פון „יידישן קאָמיטעט" בראש מיט אברהם יעקב שטערן, יעקב טוגענדהאָלד, האַלבערשטאַם, און אויך סטאַניסלאַוו האָגע. זיי האָבן אין דער פּוילישער פּרעסע פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, אין וועלכע זיי האָבן באַוויזן, אַז ציאַריני קען נישט קיין העברעיִש און אַז זיין ווערק איז אייגנטלעך אַ פּלאַגיאַט פון אַן ענלעכן ווערק פון דעם דייטשן שונא־ישראל אייזענמענגער, וואָס איז געהאַט דערשינען אין אָנהייב פון 17טן יאָרהונדערט.

אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָט מען אָבער נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם „ווערק" פון גלח ציאַריני און מען האָט גענומען ערנסט זיינע באַהויפּטונגען, אַז די רבנישע ליטעראַטור איז שעדלעך פאַר דער קריסטלעכער וועלט; אַז יידן קענען נישט זיין קיין געטרייע בירגער, ווייל זיי ווילן נישט דינען אין מיליטער און אַז בכלל שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ פרעמדן און שעדלעכן עלעמענט פאַר פּוילן.

דעמאָלט איז האָגע אַרויסגעקומען מיט זיין ווערק „תא חזי", וואָס האָט

מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ דירעקטן ענטפער אויף די בלבולים פון גלח ציאַריני, הגם אין דעם בוך ווערט דער נאָמען פון דעם פראַנצויזישן שונא־ישראל לגמרי נישט דערמאָנט. דאָס בוך „תא חזי״ מיט דעם אונטערקאָפּ: „אַ שמועס וועגן יידן״, איז דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1830. דאָס איז אַ דיאַלאָג צווישן צוויי פּאַלאַקן, וולאַדיסלאַוו און פלאָריאַן, און אַ געשמדטן ייד, רישאַרד, דורך וועמענס מויל עס רעדט אייגנטלעך דער מחבר. אין פאַרלויף פון דעם דיאַלאָג אַנטפּלעקן זיך טאַקע פיל אויטאָביאָגראַפישע איינצלהייטן פון סטאַניסלאַוו האָגע.

דער שמועס קומט פאָר אין אַ קאַפע, ווו יידן ווערן נישט אַריינגעלאָזט. פלוצים באַווייזט זיך אַ יידישער הענדלער, לייבוש, מיט אַ שעכטל שמוק, גאַלאַנטעריע און טואַלעט־אַרטיקלען. די קעלנערקע וויל אים פאַרטרייבן, אָבער די געסט האַלטן זי אָפּ. נאָך לאַנגע דינגעניש איז איינער פון די פּאַלאַקן שוין גרייט צו קויפן ביים ייד אַ רינגעל, אָבער בתנאי, אַז ער וועט פאַר אים זינגען מה־יפית. „פאַר אַזאַ ביליקן פּרייז דאַרף איך גאָר וויינען?״ — זאָגט דער יידישער הענדלער און פאַרלאָזט דאָס קאַפע.

מיט דעם דאָזיקן עפּיזאָד אין קאַפע הויבט זיך אָן דער לאַנגער דיאַלאָג וועגן דער יידן־פראַגע אין פּוילן. דער ליבעראַל, וולאַדיסלאַוו, קלאָגט זיך אויף דעם קנאַפּן פאַרשריט פון דער יידישער אַסימילאַציע: „אונדזער אומגליק איז, וואָס מיר האָבן ביי אונדז פּוילישע יידן און נישט קיין יידן־פּאַלאַקן״. דאַקעגן פלאָריאַן וויל גאָרנישט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז אַ ייד זאָל ווערן אַ פּאַלאַק.

עס אַנטוויקלט זיך דאַן אַ פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע דעבאַטע וועגן דער יידישער אמונה, וועגן תלמוד, קבלה און בכלל יידישן לעבנסשטייגער. דער משומד קלערט אויף זיינע פּוילישע מיטשמועסער, אַז די יידישע רעליגיע באַשטייט נישט בלויז פון אבערגלויבערישע פאָראורטיילן און סתם בלינדן גלויבן, נאָר שטיצט זיך אויף קאָנקרעטע געזעצן און פאַרשריפטן. ער איז דאַן מסביר דעם זין פון די תרי״ג מצוות און שטרייכט אונטער, אַז אין פאַלן פון פקוח־נפש קען אַ ייד, און מוז אַפילו, אָפּווייכן פון אַלע געזעצן, חוץ פון דעם פאַרבאָט קעגן עבודה־זרה, זנות און רציחה.

איינער פון די פּאַלאַקן פרעגט, צי די יידן וואָלטן געפאָלגט די

רעגירונג, ווען עס וואָלט אַרויס אַ געזעץ, אַז זיי זאָלן ענדערן זייערע מלבושים און נישט טראָגן קיין באָרד און פאות. דערויף ענטפערט דער משומד, אַז אויב עמיץ וואָלט מיט אַ שווערד אין האַנט געצוווּנגען דעם ייד אָפּצושערן די באָרד, וואָלט ער עס געמוזט טאָן. אָבער קיין גזירה וועגן דעם וואָלטן די יידן קיינמאָל פרייוויליק נישט אויסגעפאָלגט.

וואָס שייך יידישן פּאַטריאָטיזם, אין פאַל פון מלחמה, גיט דער משומד אָן ענטפער, וואָס שפּיגלט אָפּ די דעמאָלטיקע איינשטעלונג פון יידן צום פּראָבלעם פון מלחמה בכלל. ער פירט אויס, אַז יידן וועלן קעמפן קעגן אַ שונא, וואָס באַדראָט די ציווילע באַפעלקערונג אין לאַנד, טראָץ דעם, וואָס דאָס וואָלט זיי געצוווּנגען עובר צו זיין אויף די האַרבסטע רעליגיעזע פאַרשריפטן. דאַקעגן אָבער באַטראַכטן זיי אַלס די גרעסטע זינד „צו שטעלן אין סכנה זייערע לעבנס פאַר אַ פּאָליטיק, וואָס אינטערע־סירט זיי נישט, און פרייוויליק געבן קרבנות, כדי דער אָדער יענער זאָל ווערן דער הערשער, אָדער דאָס לאַנד זאָל זיך אָנרופן אַזוי אָדער אַנדערש".

דער קערן פון דעם בוך „תא חזי" איז דער ענטפער אויף די בלבולים קעגן דער יידישער אמונה, ווי זיי זענען דאָן געבראַכט געוואָרן צום אויסדרוק אין דעם ווערק פון גלח ציאַריני. דער משומד חוזקט פון דעם פאַרמעסט פון די פאַרשידענע עם־האַרצישע קריסטלעכע טעאָלאָגן איבער־צוזעצן דעם גאַנצן תלמוד.

„ווען איך וואָלט געווען אַ ייד, וואָלט איך געזאָגט — פירט אויס דער משומד — אַז משיח וועט פריִער קומען, איידער דער גאַנצער תלמוד וועט ווערן איבערגעזעצט. ווען אָבער משיח וועט שוין האָבן געקומען, וועט מען שוין דעם תלמוד נישט דאַרפן איבערזעצן... חוץ דעם איז אומ־מעגלעך איבערצוזעצן אויף וועלכער עס איז אַנדערער שפּראַך די הייליקע סודות, וואָס זענען פאַרבאָרגן אין די אַלעגאָריעס פון תלמוד... און ענדלעך, ווי איז עס גאָר מעגלעך, אַז אַ קריסטלעכער געלערנטער, וואָס האָט דעם תלמוד, זאָל דערגרייכן די גרויסע למדנות, וואָס איז נייטיק, כדי צו פאַרשטיין דעם תלמוד און אים ווי געהעריק איבערצוזעצן. וואָס פאַר אַ

כוח קען עס אים גאָר באַוועגן צו ווידמען אַ גאַנץ לעבן פאַר אַ לערע, צו וועלכער ער באַציט זיך מיט שנאה און עקל״.

מיט זעלטענער חריפות קלערט דער משומד אויף זיינע פּוילישע מיטשמועסער די וויכטיקייט פון דער קבלה און שטרייכט אונטער, אַז ער אַליין באַטראַכט זיך נישט פאַר קיין צו גרויסן בעל־קבלה.

„איך האָב געקענט בלויז צוויי יידן, שוין פאַרשטאָרבענע, — זאָגט דער משומד — וואָס האָבן באַהערשט די דאָזיקע לערע... איך ווייס בלויז וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָרט. איך האָב באַנומען דעם דערהויבענעם גייסט, דעם פאָרנעם און טיפקייט פון דער דאָזיקער לערע. אַן שום גוזמא קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז מען קען שנעלער באַהערשן אַלע וויסנשאַפטן, וואָס מען לערנט אויף די אוניווערסיטעטן, ווי די לערע פון דער קבלה. דאָס איז אַ ים, וואָס האָט נישט קיין שיעור און קיין סוף, אָן פאָרם און געשטאַלט, צעשווומען אין כאַאָס. דאָס זענען פאַרפלאָנטערטע געדאַנקען, פול מיט חכמה און אויסטערלישקייטן. דאָס איז די יידישע מיטאָלאָגישע פילאָזאָפיע... אַ דאַנק איר מאַנומענטאַלער בילדערישקייט און דערהויבענע מחשבות איז זי אויף אַזוי פיל העכער פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, אויף וויפל דער פלאַם פון דער אמתער געטלעכקייט, וואָס שטעקט אין דער יידישער אמונה, איז העכער פון דער אינפאַנטילער גריכישער געצנדינערײ״.

דער משומד קומט דאַן צו דעם אויסטערלישן אויספיר, אַז ווען די קבלה וואָלט געוואָרן איבערגעזעצט אין אַנדערע שפּראַכן, וואָלט „אויפגעהערט די פאַרביסענע מלחמה צווישן דער קריסטלעכער און יידישער אמונה. איינע פון זיי וואָלט בלי־ספק געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַר דער אַנדערער. אָדער די יידן וואָלטן אָפּגעטרעטן פאַר די קריסטן, אָדער...״

„דו צווייפלסט גאָר?״ — שפּרינגט אויף דער קריסטלעכער מיטשמועסער, וולאַדיסלאַוו. דער משומד, וועלכער האָט דורך דעם נישטגעענדיקטן געדאַנק פאַרראַטן זיינע ספקות אין דער העכערקייט פון דער קריסטלעכער אמונה, פּרובירט זיך אַרויסדרייען מיט דער דערקלערונג: „רעכט־גלויביקע קריסטן האָבן נישט קיין ספקות. די, וואָס זוכן דעם אמת, דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר דער מעגלעכקייט פון געפינען אים. בלויז היפּאָקריטן שרעקן זיך פאַרן אמת, ווי פלעדערמייז פאַר דער זון״.

צום סוף פון דעם דיאַלאָג ענטפערט דער משומד אָפּ מיט צאָרן אויף דער באַשולדיקונג פון עלילת־דם, וואָס ער באַצייכנט אַלס נידער־טרעכטיק, נאַריש און „מיאוסער פלעק אויפן קריסטנטום״. ער רוקט אַרויס די באַהויפּטונג, אַז דער בלבול וועגן נוצן בלוט אויף מצות האָט זיך פאַרוועבט צוליב דער סדר־צערעמאָניע, בעת וועלכער טראָפּנס רויטער ווייַן ווערן אָפּגעגאָסן פון די כוסות, ווי אַ דערמאָנונג וועגן די עשר־מכות, וואָס הייבן זיך אָן מיט „דם״. ער פירט אויס, אַז „דאָס נוצן בלוט פון יעדן מין איז פאַרבאָטן פאַר יידן און דראָט מיט טויט-שטראָף פון גאָטס האַנט...״

אין דעם בוך קומט אויך צום אויסדרוק די אַטמאָספער פון פאַרדאַכט און אומצוטרוי מצד פּאָלאַקן לגבי יידישע אַפּטריניקעס. האָגע ברענגט דאָס צום אויסדרוק דורך דעם משומד רישאַרד, וועלכער פאַרזיכערט כסדר זייַנע פּוילישע מיטשמועסער, אַז ער איז געטריי דער קריסטלעכער אמונה, און אַז צום שמד האָט אים באַוויגן די צביעות און פאַנאַטיזם, וואָס הערשט ביי יידן. אין איין אָטעם טרעט ער אָבער אַרויס קעגן אַרויפצווינגען שמד אויף יידן. ער באַצייכנט אַלס „אומיושרדיק״ מצד די קריסטלעכע רעגי־רונגען דאָס דיסקרימינירן קעגן מענטשן, צוליב דער פאַרשידנקייט פון זייער אמונה און פאַרענדיקט מיט דער פאָדערונג פון „פולע מענטשן־רעכט פאַר יידן״. צו דער דאָזיקער איבערצייגונג קומט ענדלעך איינער פון זייַנע פּוילישע מיטשמועסער, וולאַדיסלאַוו, וועלכער פאַלט נאָך דערצו אַריין אין גרויסער באַגייסטערונג פאַרן יידישן פאָלק:

„ווי אַן אמתער קריסט דאַרף איך ווירקן אויף דער פאַרבעסערונג פון די באַציִונגען צו יידן מצד דער מאַכט... דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט אַנדערע פעלקער געוויזן דעם וועג צו דער געטלעכער לערע, איז איצט אַליין נע־ונד. דאָס פאָלק, וואָס האָט אונדז געגעבן דאָס ליכט פון הר סיני, איז אַליין פאַרזונקען אין פינצטערניש. ווער קען אָבער וויסן, וואָס די השגחה גרייט פאַר דעם דאָזיקן פאָלק. און אפשר וועט נאָך פאַר די יידן אויפגיין אַ נייע זון! מיר האָבן נאָך דערוויַיל נישט קיין אמונה, וואָס זאָל זיך שטיצן אויף דעם ריינעם מענטשלעכן פאַרנונפט. די יידן קענען באַשענקען די וועלט מיט אַזאַ רעליגיע״.

דאָס בוך פון סטאַניסלאַוו האָגע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין די אינטעלעקטועלע פּוילישע קרייזן, צוליב דער גענויקייט פון אויפהייבן די סאַמע אַנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען פון די פּויליש־יידישע באַציִונגען, ווי אויך צוליב דער מייסטערשאַפט פון דער פּוילישער שפּראַך.

דער שטאַרקער אָפּקלאַנג פון דעם בוך, אַגב דאָס לעצטע בוך אין פּויליש פון דעם דאַן 39־יאָריקן האָגע, האָט באַוויגן דעם גלח ציאַריני אַרויסצוגעבן אַ פאַרקירצטע פּוילישע איבערזעצונג פון זיין ווערק „די טעאָריע פון יודאַיִזם". האָגע האָט וועגן דעם אַלאַרמירט די מיטגלידער פון דער „באַראַטונגס־קאַמער" ביים „יידישן קאָמיטעט". אָבער די מיטגלידער פון „קאָמיטעט" האָבן זיך געשראָקן צו אינטערווענירן וועגן דעם ענין, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז דער גלח ציאַריני ווערט געשטיצט נישט דורך קיין אַנדערן ווי דורך דעם צאַר ניקאָלאַי דעם 1טן. דאָך האָט האָגע באַוויזן אָפּצושטעלן דאָס דרוקן פון ציאַריניס בוך אויף פּויליש, ווי אויך אַן ענלעך אַנטיסעמיטיש בוך פון דעם פּוילישן גלח, יוסטין סקושינסקי.

דעם 28סטן פעברואַר 1832 איז גלח ציאַריני פּלוצים געשטאָרבן. קורץ נאָך דעם האָט מען מיט שטוינונג אויפגענומען די ידיעה, אַז האָגע האָט אָנגענומען דעם אָנבאָט פון פּעטערבורג איבערצוזעצן דעם תּלמוד אויף פּויליש, טראָץ דעם, וואָס אין זיין בוך „תּא חזי" האָט ער מיט אַזאַ ליידנשאַפט באַוויזן, אַז דאָס איז אַן אויפגאַבע איבער די כוחות פון איין מענטש.

מיטאַמאָל אָבער איז האָגע פאַרשוווּנדן פון וואַרשע, אָן שום וועלכע עס איז שפּורן. סיי פאַר יידן און סיי פאַר פּאָליאַקן איז געוועזן אַ רעטעניש, פאַרוואָס האָגע האָט פּלוצים איבערגעלאָזט זיינע דריי וויכטיקע רעגירונגס־פּאָזיציעס, שוין אָפּגערעדט פון דעם לאָקנדיקן אָנבאָט איבערצוזעצן דעם תּלמוד אויף די זעלבע באַדינגונגען, וואָס זענען געהאַט פאַרגעלייגט געוואָרן דעם פאַרשטאָרבענעם גלח ציאַריני, און נעמלעך — 12.000 פּוילישע גילדן פאַר אַ מסכתא, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פאַנטאַסטישן האָנאָראַר.

עס זענען וועגן דעם געשפּונען געוואָרן פאַרשידענע השערות. מען האָט באַהויפּטעט, אַז האָגע איז אַנטלאָפן פון פּוילן ערגעץ אין דער וועלט אַריין, כדי צו קענען צוריק זיך אומקערן צו דער יידישער אמונה. אין

דער אמתן אָבער האָט גאָר האַגע זיך געלאָזט פאַנגען אין דער נעץ פון דעם באַוווסטן ענגלישן מיסיאָנער, ד״ר אַלעקסאַנדער מאַק־קאול, וועלכער האָט אין די יאָרן 1821—1832 פאַרטראַטן אין וואַרשע די לאָנדאָנער מיסיאָ־נערן־געזעלשאַפט. אַפּנים, אַז האַגע האָט שוין אין וואַרשע אָנגעהאַלטן נאָענטע באַציִונגען מיטן ענגלישן מיסיאָנער, און ווען מאַק־קאול איז צוריקגעפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך דעם משומד סטאַניסלאַוו האַגע און אים צוגעצויגן צו דער אַרבעט ביים איבערזעצן דעם נייעם טעסטאַמענט אויף העברעיִש.

אין 1834, צוויי יאָר נאָך האַגעס פאַרלאָזן וואַרשע, איז אין לאָנדאָן דערשינען זיין העברעיִשע איבערזעצונג פון אַ זאַמלונג קריסטלעכע הימנען אונטערן נאָמען „שירי ציון״ (סאָנגס אָף זייאָן). פּאַראַלעל מיטן העברעיִשן טעקסט זענען אָפּגעדרוקט די לידער אין אָריגינאַל. ווען מען פאַרגלייכט דעם אָריגינאַל מיט דער איבערזעצונג, קען מען זען, אַז האַגע האָט געמאַכט באַדייטנדיקע אָפּווייכונגען פון ענגלישן טעקסט. אַזוי, למשל, ווערט אין דער העברעיִשער איבערזעצונג אויסגעמיטן דער אויסדרוק „צלם״; דאָס וואָרט „קירכע״ איז כסדר איבערזעצט אויף „בית־תפילה״, און עס זענען בכלל געמילדערט די פאַרשידענע יידן־פיינטלעכע אויסדרוקן. די דאָזיקע „אָפּנייגן״ האָט האַגע צוגעדעקט מיט דעם מיסיאָנערישן חלב פון דער הקדמה אין וועלכער עס זאָגט זיך: „דאָס איז דער ערשטער אָפּקלייב פון קריסט־לעכע הימנען, וואָס איז ווען עס איז דערשינען אין העברעיִש. עס איז צו האָפן, אַז דאָס בוך וועט אויפגענומען ווערן ווי אַ רמז, אַז עס איז נאָענט די צייט, ווען די לידער וועגן ציון וועלן געזונגען ווערן דורך די באַקערטע יידן אין זייער אייגענעם, הייליקן לאַנד״.

אין 1840 האָט האַגע פאַרעפנטלעכט אַ העברעיִש האַנטבוך צו לערנען ענגליש אונטערן נאָמען „שפת בריטאַניאַ״. דריי יאָר שפּעטער איז דערשי־נען זיין פּאַמפלעט אין דער ענגלישער שפּראַך „אלדד און מידד״, וואָס איז אין דער פאָרם ענלעך צו „תא חזי״. דאָס איז אַ דיאַלאָג צווישן אַ געשמדטן און אַ מאָדערנעם ייד. אין דעם בוך זענען פאַראַן די ערשטע רמזים וועגן האַגעס זוכן אַ וועג צוריק צום יידנטום.

פיל שטאַרקער איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין זיין בוך „אַ וויכוח

וועגן ציון״ (מחשבות וועגן יידנטום און קריסטנטום), וואָס האָט אַרויסגע־רופן אַ שטורעם אין דער מיסיאָנערישער וועלט. דאָקעגן איז דער דאָזיקער עסיי מיט באַגייסטערונג אויפגענומען געוואָרן דורך די צוויי ענגליש־יידישע צייטשריפטן אין לאָנדאָן — „וואָיס אָוו דזשעיקאָב״ און „דזשואיש קראָניקל״.

אין סעפטעמבער 1845 האָט די מיסיאָנערישע צייטונג „וואָיס אָוו איזראַעל״ פאַרעפנטלעכט אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם נייעם ווערק פון סטאַניסלאַוו האָגע, וואָס איז אַ באַוויז, ווי ווייט די מיסיאָנערן האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם געפערלעכן אַפּיקורס אין זייערע אייגענע רייען. אין אָט־דער אָפּהאַנדלונג האָט זיך געזאָגט צווישן אַנדערן:

„עס איז פאַר אונדז ביז גאָר פיינלעך אַרויסצוטרעטן קעגן דער שריפט פון איינעם פון אונדזערע באַקערטע ברידער... אָבער אַ שריפט פון אַ מענטש פון האָגעס טאַלאַנט, וועלכער איז נאָך דערצו באַקאַנט אין דער עפנטלעכקייט, ווי אַן אָפּיציעלער איבערזעצער פון דער „לאָנדאָנער גע־זעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום צווישן יידן״, קען נישט ווערן פאַרשוויגן. הגם דאָס איז אַ קליינע בראָשור, קען מען אָבער וועגן איר אָנשרייבן אַ גרויס בוך... אין דעם דאָזיקן ווערק איז פאַראַן עפּעס אַזעלכעס, וואָס באַוועגט יידן און קריסטן צו גלייבן, אַז אַזוי פילט די מערהייט פון די געשמדטע יידן, און אַז האָגע ברענגט ערלעך צום אויסדרוק דעם נשמה־געראַנגל און די מחשבות פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון זיינע גלויבנס־ברידער״.

אָפּנים, אַז אין די מיסיאָנערישע קרייזן זענען אָנגעגאַנגען חלוקי־דעות וועגן דעם, צי מען זאָל פאַרשווייגן דאָס נייע בוך פון סטאַניסלאַוו האָגע, אָדער עס עפנטלעך פאַרדאַמען. אַ באַוויז דערויף איז דער פאַקט, וואָס די ערשטע אָפּהאַנדלונגען וועגן האָגעס בוך זענען גאָר דערשינען אין די ענגליש־יידישע צייטשריפטן.

אין מערץ 1844 זענען אין צוויי נומערן פון „וואָיס אָוו דזשעיקאָב״ דערשינען גרעסערע נאָטיצן וועגן האָגעס „וויכוח וועגן ציון״, און אין יולי 1845 איז אין דעם זעלבן זשורנאַל דערשינען אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער צווייטער אויפלאַגע פון דעם בוך, מיט דעם פאָלגנדיקן אויס־

פיר: „זיין האַרץ איז דורכגענומען מיטן באַגער צוריק זיך אומצוקערן צו דער ריינער אמונה פון זיינע אָבות״.

ענלעך ווי די בראָשור „אלדד און מידד״ איז אויך האָגעס „וויכוח וועגן ציון״ אַ פּאָרזעצונג פון דעם גערדאַנקען־גאַנג, וואָס ער האָט גע־בראַכט צום אויספיר אין „תא חזי״ און נעמלעך, אַז געשמדטע יידן מוזן זיך נישט אָפּזאָגן פון תורת משה. אין „וויכוח וועגן ציון״ מוסרט ער אויך די עם־הארצישע משומדים, וועלכע חוזקן פון דער קבלה און תלמוד, כדי צו געפעלן זייערע אַפּוטרופּסים. אין איין אָטעם רעכנט ער זיך אויך אָפּ מיט די „נייע, מאָדערנע יידן פון אונדזער תקופה, באַזונדערס די אַזוי־גערופענע ראַבינער אין דייטשלאַנד, וועלכע ווילן ליבערשט זיין דייטשן, ווי יידן״.

דאָס בוך איז פול מיט פּאַראַדאָקסאַלע בליץ־באַמערקונגען, וואָס שפּיג־לען אָפּ דעם איבערברוך אין דעם געשפּאָלטענעם געמיט פון דעם משומד, וועלכער האָט זיך שוין געפונען אויפן וועג צוריק צום יידנטום.

אין אָט דער צייט, ווען האָגע האָט אַלץ מער און מער זיך גענומען אָפּטרייסלען פון זיינע מיסיאָנערישע אַפּוטרופּסים, האָבן די יידן אין פּוילן פּלוצים באַקומען אַ ביטערן גרוס וועגן דעם פאַרשוווּנדענעם חאָסקעלע משומד. דער צענזור־קאָמיטעט פאַר יידישע ספרים אין וואַרשע האָט דערהאַלטן צום באַשטעטיקן אַ העברעיִש בוך „נתיבות עולם״, אויף וועלכן עס איז נישט אָנגעגעבן געוואָרן דער נאָמען פון מחבר. דאָס איז געווען אַ זאַמלונג פון טענדענציעז־אַרויסגעריסענע ציטאַטן פון תלמוד, רמב״ם און שולחן־ערוך, קאָנפראָנטירט מיט ציטאַטן פון נייעם טעסטאַמענט. דער אָפּקלייב פון די ציטאַטן האָט געהאַט אַלס כוונה צו באַווייזן די צוריקגע־שטאַנענקייט, פאַנאַטיזם און שעדלעכקייט פון דער יידישער אמונה.

דער יידישער צענזאָר יעקב טוגענדהאָלד האָט אָפּגעוואָרפן דאָס בוך מיטן מאָטיוו, אַז עס איז שעדלעך נישט נאָר פאַר דער יידישער, נאָר אויך פאַר דער קריסטלעכער רעליגיע. די וואַרשעווער פאַרטרעטערשאַפט פון דער לאָנדאָנער מיסיאָנערישער געזעלשאַפט, וואָס האָט דאָס בוך געהאַט געשיקט צו דער צענזור, האָט שאַרף פּראָטעסטירט און דערביי אָנט־פּלעקט, אַז דער מחבר פון דעם ווערק איז דער גוט־באַקאַנטער ד״ר

אַלעקסאַנדער מאַק־קאול, און דער איבערזעצער איז נישט קיין אַנדערער ווי סטאַניסלאַוו האָגע. פון דער דאָזיקער מיטטיילונג איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז דאָס בוך, וואָס איז אין דער זעלבער צייט דערשינען אין ענגליש אונטערן נאָמען „דהי אָלד פּאַטהס״ (די אַלטע דרכים), האָט מאַק־קאול געהאַט אָנגעשריבן נאָך מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט זיך געפונען אין וואַרשע און אַפּנים, אַז אויך די העברעיִשע איבערזעצונג האָט דאָן האָגע געמאַכט פון מאַנוסקריפּט.

נאָך דער דאָזיקער אויפקלערונג האָט די צענזור דורכגעלאָזט דאָס בוך און בלויז אויסגעשטראָכן אַ ריי שטעלן, אויף וועלכע עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז זיי זענען אין סתירה מיט די פּרינציפּן פון דער קריסטלעכער אמונה. דאָס בוך איז איבערגעזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע שפּראַכן און האָט גורם געווען אַ כוואַליע פון שנאה צו יידן.

ווי וויט די יידן אין אייראָפּע האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער סכנה פון דעם דאָזיקן בוך, קען דינען דער פאַקט, וואָס משה מאָנטעפיאָרע האָט געווירקט אויף דעם גרויסן משכילישן שרייבער ר׳ יצחק בער לעווינסאָן (ריב״ל), אַז ער זאָל אָפּענטפערן אויף די בלבולים אין „נתיבות עולם״ און לעווינסאָן האָט טאַקע אָנגעשריבן דאָס קלאַסישע ווערק „זרבבל״.

ווען די העברעיִשע איבערזעצונג פון מאַק־קאולס בוך איז דערשינען אין יאָר 1845, האָט האָגע שוין געהאַט איבערגעריסן אַלע זיינע באַציִונגען מיט דער מיסיאָנערישער געזעלשאַפט אין לאָנדאָן. צוויי יאָר שפּעטער האָט די „דזשואיש קראָניקל״ גענומען דרוקן האָגעס עסייען אויף אַזעלכע טעמעס, ווי „דער יידישער גלויבן אין גאָט״, „משה רבנו און פּלאַטאָ״, „דאָס מלאך־געשטאַלט אין דער תורה״, „דער אורשפּרונג פון וואָרט אלהים״ און אַנדערע טעאָלאָגיש־פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, אין וועלכע האָגע האָט זיך אַנטפּלעקט, ווי אַ לײדנשאַפטלעכער פאַרטיידיקער פון יידישן וועלט־באַנעם.

אין יאָר 1847 האָט האָגע אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ חודש־שריפט אויף ענגליש אונטערן נאָמען „דהי פּעיטפול מישאָנערי״ (דער געטרייער מיסיאָנער), אין וועלכער ער האָט אַרויסגעהויבן די ווערטן פון יידנטום און

דעמאַסקירט די פאַלשקייטן פון דער „לאָנדאָנער געזעלשאַפט צו פאַר־שפרייטן די קריסטלעכע אמונה צווישן יידן״.

גאָר אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט האַגעס שאַרפער אַרויסטריט קעגן ד״ר מאַק־קאול און דער עיקר קעגן זיין ווערק „דהי אָלד פּאַטהס״, וואָס האַגע האָט איבערגעזעצט אויף העברעיש. דאָס איז געווען אַ ביטערע פאַרדאַמונג פון די מיסיאָנערישע אַקטיוויטעטן, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ רוף „צו אַלע אמתע קריסטן, אַז זיי זאָלן אויפגעבן די אידעע פון שמד... און לעבן אין שלום מיט די יידן אַזוי ווי זיי זענען״.

אין דעם זשורנאַל האָט האַגע אויך דורכגעפירט אַ חשבון־הנפש, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער רעטאָרישער פראַגע: „צי איז נישט געקומען די צייט, איך זאָל דערציילן דער וועלט, ווער און וואָס איך בין?״

„צום באַדויערן — ענטפערט ער זיך אַליין — מוזן די סודות פון מיין האַרץ בלייבן באַגראָבן אויף אייביק. איך וועל זיך קיינמאָל נישט קענען באַרעכטיקן אין מענטשלעכע אויגן, הגם איך האָב געזינדיקט נאָר לגבי גאָט. אויב אָבער מענטשן וואָלטן געקענט אַריינקוקן אין מיין האַרץ, וואָלטן זיי גיכער געהאַט אויף מיר רחמנות, ווי מיך פאַרדאַמט...״

ער שלאָגט זיך דאָן על־חטא פאַר זיין חלק אין העלפן פאַרשפרייטן איבער דער וועלט בייזוויליקע פאַלשקייטן וועגן יידן, וואָס האָבן געדינט דער שמד־באַוועגונג. און ער פאַרענדיקט זיין ווידוי מיט דעם געבעט:

„עס איז מיין כוונה און מיין ווונטש, איידער איך גיי אַוועק פון דער דאָזיקער וועלט, צו פאַרריכטן די עוולות, וואָס איך בין באַגאַנגען, און צו מאַכן עפּעס אַ צושטייער פאַר דעם וווּל פון מיין פאָלק. אָ, גאָט, פאַרלאָז מיך נישט, איך בין מתפלל צו דיר, אַז דו זאָלסט מיך שטאַרקן אין דער דאָזיקער עובדא. איך בין שוואַך און אַליין״.

מיט אָט דער השתפכות הנפש האָט האַגע פאַרענדיקט זיינע שרייבע־רישע טעטיקייטן און איז פאַרשוווּנדן פון עפנטלעכן לעבן. דאָס האָט גורם געווען, אַז עס זאָלן פאַרשפּרייט ווערן פאַרשידענע סתירותדיקע ווערסיעס וועגן האַגעס צוריקקער צום יידנטום, די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן און אַפילו וועגן דער דאַטע פון זיין טויט.

דער צענזאָר פון יידישע ספרים אין וואַרשע, יעקב טוגענדהאָלד, מיט

ווען מען האָט האָגע האָט במשך פון לאַנגע יאָרן צוזאַמענגעאַרבעט, האָט אין זיינע מעמואַרן, וואָס זענען געהאַט פאַרבליבן אין מאַנוסקריפּט, נאָטירט, אַז וואַרשעווער יידן, וועלכע האָבן באַזוכט אַמעריקע, האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געטראָפן האָגען אויף די ניו־יאָרקער גאַסן פאַרקויפן צייטונגען. לויט זייער שילדערונג האָט ער געהאַט אַ לאַנגע גרויע באָרד און געטראָגן אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים. ער האָט זיי אָבער געזאָגט, אַז אין דער אָרעמקייט פילט ער זיך בעסער, ווי אין די צייטן, ווען ער האָט ווי אַ משומד געלעבט אין רחבות.

די דאָזיקע ווערסיע וועגן האָגעס לעבן אין אַמעריקע איז נישט באַשטעטיקט, ענלעך ווי פיל אַנדערע פאַנטאַסטישע געשיכטעס, וואָס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן אים. דאַקעגן האָט נחום סאָקאָלאָוו, אין נאָמען פון חיים זעליג סלאָנימסקי, איבערגעגעבן וועגן אַ באַגעגעניש מיט האָגע אין לאָנדאָן, ווען סלאָנימסקי האָט אין יאָר 1845 געהאַט באַזוכט די ענגלישע הויפּטשטאָט. אין זיין „געשיכטע פון ציוניזם״ ברענגט אויך סאָ־קאָלאָוו אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן האָגע דעם בעל־תשובה און דעם קאַמף וואָס ער האָט ביים סוף פון זיין לעבן געפירט קעגן דער מיסיאָ־נערישער באַוועגונג.

אין יאָר 1907 האָט די „דזשואיש קראָניקל״ פאַרעפנטלעכט אַ גע־שפּרעך מיט דעם באַרימטן לאָנדאָנער ראַבינער פון דער „וועסט־סינאַגאָג״, פּראָפ. ד. וו. מאַרקס, וועלכער איז שוין דאַן אַלט געווען העכער ניינציק יאָר. אין דעם דאָזיקן שמועס האָט פּראָפ. מאַרקס גערעדט וועגן סטאַניסלאַוו האָגע, ווי וועגן דעם „גרעסטן תלמיד־חכם אין אייראָפּע״. פּראָפ. מאַרקס האָט דערציילט, אַז אין ערב פּסח פון יאָר 1848 איז האָגע צו אים געקומען און געבעטן, אַז ער זאָל אים איינלאַדן צו זיין סדר־טיש. ביי דער געלעגנהייט האָט האָגע געזאָגט צו פּראָפ. מאַרקס: „איך קען מער נישט פאַרטראָגן מיין אייגענע היפּאָקריזיע, און פון היינט אָן וועל איך לעבן ווי אַ ייד״.

ווען פּראָפ. מאַרק האָט אים געפרעגט, פון וואָס ער וועט לעבן, האָט ער געענטפערט: „איך וועל הונגערן, און דאָס וועט זיין מיין פאַרדינטער עונש״. לויט דער באַהויפּטונג פון פּראָפ. מאַרקס, זאָל דער פאַרהונגערטער האָגע האָבן געשטאָרבן אין יאָר 1849 אין אַ לאָנדאָנער שפּיטאָל.

אין דער נייעסטער אויספאָרשונג וועגן סטאַניסלאַוו האַגע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך ב. צ. לאַסק־אַבראַהאַמס, ווערט אָבער פעסטגע־שטעלט, אַז האַגע איז געשטאָרבן דעם 21סטן יאַנואַר 1860. די דאָזיקע דאַטע געפינט זיך אין לאָנדאָנער שטאַטישן אַרכיוו (סאָמערסעט־האַוז), ווו דער נאָמען פון סטאַניסלאַוו האַגע איז באַגלייט דורך דער באַצייכענונג „אַ פּליט פון פּוילן".

לאַסק־אַבראַהאַמס האָט אין איר מיפּולער פאָרשונגס־אַרבעט אויך פעסטגעשטעלט, אַז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט האַגע זיך גע־ווידמעט אויסשליסלעך וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון כעמיע, פיזיק, געאָלאָגיע און אין די יאָרן 1852—1858 האָט ער פּאַטענטירט אַכט דערפינדונגען, צווישן זיי: אַן אינסטרומענט צו מעסטן גאָלד־סובסטאַנץ אין מעטאַל־שיכטן, אַן אַפּאַראַט פאַר פּראָדוצירן און טראַנסמיטירן עלעקטרישן שטראָם, און אַן עלעקטרישן אונטערוואַסער־טעלעגראַף.

זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָט האַגע נאָך געהאַט אָנגעהויבן אין פּוילן, אונטערן איינפלוס פון אברהם יעקב שטערן און חיים זעליג סלאָנימ־סקי, מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט זינט ער איז פון קוזמיר געקומען קיין וואַרשע. האַגע האָט אין דער פּוילישער פּרעסע פאַרעפנטלעכט אָפּ־האַנדלונגען אויפן געביט פון פיזיק און אַסטראָנאָמיע, און אין יאָר 1830 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אויף פּויליש אונטערן נאָמען „דער גאַנג פון דער ערד און די מזלות".

סטאַניסלאַוו האַגע, וועלכער איז געשטאָרבן אין עלטער פון זיבעציק יאָר, האָט מיט זיך מיטגענומען אין קבר אַריין פיל נישט אויפגעקלערטע רעטענישן פון זיין שטורמיש לעבן. דערביי איז אַפילו נישט באַקאַנט, ווו יחזקאל האַגע, דער משומד און בעל־תשובה, איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה. פּונקט אַזוי זענען אָפּגעווישט געוואָרן אַלע שפּורן פון דער האַגע־משפּחה אין קוזמיר.

VI

יידיש־פוילישע אידיליע

ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט, איז קוזמיר פּלוצים אַנטדעקט געוואָרן דורך די פירנדיקע פוילישע שרייבער פון דער דעמאָלטיקער צייט, ווי: באָלעסלאַוו פּרוס, הענריק שיענקיעוויטש, אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי. די גרויסע מאָלער יוזעף בראַנדט און וואָיטשעך גערסאָן האָבן געגומען מאָלן די קוזמירער לאַנדשאַפט און די אָפּגעלאָזענע פּאַלאַצלעך מיט די פאַנטאַסטישע באַרעליעפן, אונטער וועלכע עס זענען אין לאַטייניש אָריגינאַל געווען אויסגעקריצט „גאָלדענע געדאַנקען" פון רוימישן פילאָזאָף און אָראַטאָר, סענעקאַ.

די שטייגנדיקע מאָדע אויף קוזמיר צווישן דער פוילישער אינטעליגענץ האָט עס באַוויזן דעם אונטערנעמערישן בערענס, אַ פּאָליאַק פון שוועדישער אָפּשטאַמונג, אויפצובויען דעם ערשטן האָטעל און רעסטאָראַן אין שטעטל, אין שכנות פון דער „פּאַראַ"־קירכע, אויפן בערגל, וואָס דאָמינירט דעם מאַרק־פּלאַץ. אויף דער וועראַנדע פון בערענסעס רעסטאָראַן זענען אָנגעגאַנגען די דיסקוסיעס און אָמפּערנישן צווישן די פירנדיקע שרייבער פון דער גרופּע „מלאָדאַ פּאָלסקאַ" (יונג פוילן), וואָס האָבן געשפּינען דעם חלום וועגן דעם צוקונפטיקן אומאָפּהענגיקן פוילן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען סטאַניסלאַוו פּשיבישעווסקי, סטעפאַן זשעראָמסקי, גוסטאַוו דאַנילאָווסקי און אַנדערע שפּעטער באַרימט געוואָרענע פוילישע שרייבער.

אין די ווערק פון די דאָזיקע פוילישע שרייבער געפינען מיר אָבער נישט קיין שום אָפּשפּיגלונג פון יידישן קוזמיר, וואָס איז אין לעגענדע און

איןווירקלעכקייט געוואָרן אַזוי נאַטירלעך צונויפגעוועבט מיט דער אור־אַלטער פוילישער געשיכטע.

די פוילישע פּאָעטן און פּראָזאַיקער האָבן אַפילו פאַרזען דעם פענאָמען פון דעם זעלטן האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן צווישן די יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ און דער פוילישער באַפעלקערונג אין שטעטל גופא און אין די אַרומיקע דערפער.

די קוזמירער יידן איז פרעמד געווען דאָס געפיל פון פחד פאַר די קירכעס און צלמים, וואָס האָבן פון דריי זייטן — פון מזרח, צפון און דרום — אַרומגערינגלט דאָס שטעטל. דאָס זענען געווען די שטאָלענע צלמים אויף די טורעמס פון די דריי קירכעס און די ריזיקע דעמבענע קרייצן אויפן העכסטן באַרג פון שטעטל, וואָס האָט טאַקע געטראָגן דעם נאָמען „דער באַרג פון די דריי צלמים". די דאָזיקע קרייצן זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון די קרבנות פון דער מגיפה פון יאָר 1707. בלויז אויף מערב־זייט פון מאַרק־פּלאַץ איז דער האָריזאָנט געווען אָפן און האָט זיך געשפּיגלט אין דער ווייסל.

אויף די גרינע שיפּועים פון צלמים־באַרג האָבן אַ גאַנצע וואָך זיך געפּיטערט יידישע ציגן און אין די פרייטיקדיקע בין־השמשותן איז דער באַרג פול געווען מיט טוריסטן, וועלכע האָבן באַוווּנדערט דאָס פּאָעטישע בילד פון שטעטל אין טאָל. אויפן לידיקן מאַרק־פּלאַץ זענען די קראָמען געווען געשלאָסן און די שבתדיקע ליכט האָבן געציטערט אין די פענצטער פון די הייזקעס, וואָס האָבן פון דער הייך אויסגעזען ווי צונויפגעטוליעט אונטערן בלויען הימלדיקן קופּאָל, ווען מען קען ראַנד אויפן קעגנאיבערדיקן ווייסל־ברעג האָט זיך געמיניעט אין די לעצטע פלאַמען פון דער פאַר־גייענדיקער זון.

דער אָפּהילך פון די קירכן־גלאָקן האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן געזאַנג פון די בתי־תפילה, אָבער קוזמירער יידן האָבן די דאָזיקע קלאַנגען נישט צוגעלאָזט צו די אויערן און עקשנותדיק אָפּגעהיטן זייער אייגנאַרטיקן טיף־פאַרוואָרצלטן לעבנס־שטייגער. די צוויי באַזונדערע וועלטן האָבן געלעבט צווישן זיך בשלום, אין אַן אַטמאָספער פון אמתער טאָלעראַנץ. די פוילישע אינטעליגענץ אין שטעטל פלעגט קומען צו די פאַר־

ביקע חופּה־צערעמאָניעס אויפן שול־הויף און אויך אין דער שול גופא — צו כל־נדרי און שמחת־תורה צו הקפות. פּונקט אַזוי זענען יידישע בחורים און מיידלעך געקומען צו די חתונות פון זייערע פּוילישע פריינד אין דער קירכע און אַפילו צו די ווייַנאַכט־מעסעס.

ווען אַ קריסטלעכע לוויה האָט געצויגן דורכן מאַרק־פּלאַץ, האָבן יידן, ווי אַן אויסדרוק פון טרויער, צוגעלענט די טירן פון די קראָמען, און בעת אַ יידישער לוויה האָבן פּוילישע פאַרבייגייער אַראָפּגענומען די היטלען. די יערלעכע פּראָצעסיעס פון „קאָרפּוס־קריסטי״, וואָס די יידן האָבן באַצייכנט אַלס דער „גרינער דאָנערשטיק״, האָבן נישט אַרויסגע־רופן ביי זיי דעם מינדסטן פּחד, ווי דאָס איז געווען אין אַנדערע שטעט־לעך, ווו די פּראָצעסיעס האָבן נישט איינמאָל טאַקע זיך פאַרענדיקט מיט איבערפאַלן אויף יידן. אין קוזמיר האָט דאָס יידישע יונגוואַרג פון די באַלקאָנען און דעכער נאָכגעפאָלגט דעם פאַרביקן צערעמאָניאַל פון די פּראָצעסיעס, ווי אַ היימישע געשעעניש.

במשך פון יאָרהונדערטער האָט צווישן דער פּוילישער און יידישער באַפעלקערונג אין קוזמיר זיך אַנטוויקלט אַ קעגנזייטיקער רעספּעקט. פון צייט צו צייט האָט מען אין שטעטל גערעדט וועגן עפּעס אַ ליבע־עפּיזאָד צווישן יידישע און פּוילישע בחורים און מיידלעך. אין קוזמיר איז אָבער נישט געווען קיין איין פאַל פון אַ געמישטער חתונה.

און אַזוי האָבן די שטעטלדיקע יידן במשך פון יאָרהונדערטער פריד־לעך געהויזט מיט די פּוילישע שכנים און אויך צוגעטראָגן זייער חלק צו דער ענדערונג פון דער אַרומיקער לאַנדשאַפט. יידישע סאַדאָווניקעס האָבן באַווירקט די גוטבאַזיצער און פויערים צו פאַרוואַנדלען זייערע ווייץ־פעלדער אין סעדער און איינצופירן נייע מינים פירות, באַזונדערס פלוימען.

אונטערנעמערישע יידישע סוחרים האָבן פון אונגאַרן געבראַכט פלאַנצן און מיט דער צייט איז קוזמיר באַרימט געוואָרן מיט אירע פלוי־מען, די אַזוי־גערופענע „וועגנערקעס״, וואָס יידישע סאַדאָווניקעס האָבן געטריקנט אין פּרימיטיווע ערד־אויוונס. די דאָזיקע פלוימען און ווינטער־דיקע עפּל און באַרנעס זענען איינגעזאַמלט געוואָרן אין די געמויערטע

Chaim Goldberg

קוזמירער שפּייכלערס, און שפּעטער אין קריפּעס טראַנספּאָרטירט געוואָרן מיט דער ווייסל קיין וואַרשע.

די קוזמירער יידן האָבן אויך געענדערט דאָס אַרכיטעקטאָנישע פּרצוף פון זייער שטעטל. צו די מויערן פון די חרובע פּאַלאַצלעך, האָבן זיי צוגע־בויט הילצערנע גאַניקלעך און געדרייטע, געדעקטע טרעפּ צו די שטיבלעך, וואָס זענען ווי נעסטן געוואַקסן איינס איבערן צווייטן. אונטן, אין די גאָטישע געוועלבונגען, האָבן זיי איינגעשטעלט קראָמען. די יידישע סטאָ־ליערס און פּוילישע טעסלערס האָבן נאָכגעפאָלגט דעם סטיל פון די הייזער אויפן מאַרק־פּלאַץ מיט צווייפלאַכיקע דעכער און אַרויסשטאַרנ־דיקע אונטערדעכער, אונטערגעשפּאַרט דורך סטיליזירטע, דעמבענע זיילן.

אין דעם אימפּראָוויזירטן הילצערנעם אָנוווקס אויף די מאָנומענטאַלע רענעסאַנס־מויערן האָט זיך אויסגעפּאָרמירט אַן אייגנאַרטיקער ראָמאַנטישער סטיל, וואָס האָט אַזוי האַרמאָניש זיך צונויפגעבלענדט מיט דער אַרומיקער נאַטור. די געסלעך מיט די הילצערנע הייזקעס און שינדל־דעכער, פאַר־וואַקסן מיט גרינעם מאָך, האָבן זיך ווי צונויפגעגאָסן מיט די לאַנגע טיפע טאָלן, וואָס האָבן ממש געשוימט מיט זאַפטיק גראָז, ווילדע רויזן און ליגן־קוסטעס. די מער פאַרמעגלעכע יידישע באַלעבאָסטעס האָבן געמאַכט וווּנדערבאַרן איינגעמאַכטס פון די רויזן־בלעטער און באַזונדערס פון די פלאַמיק־רויטע ליגן, וואָס זענען געווען נישט גרעסער פון געווייַנלעכע ווייץ־קערנער. די ליגן האָבן געהאַט האַרטע פּיצינקע קערעלעך, וואָס די פרויען האָבן געדולדיק אַרויסגעשטאָכן מיט נאָדלען. אויף די שיפּועים פון די טאָלן זענען געוואַקסן ווילדע פּרוכט־ביימער — עפּל, באַרן, ניס און אַרום זייערע שטאַמען — שוואַרצע יאַגדעס און רויטע פּאַזיאָמקעס.

אין די אונטן זענען די טאָלן פול געווען מיט אַן אויסטערלישן געזשום פון זשוקעס, וואָס איז אָפּט דורכגעשניטן געוואָרן דורך אַ געפּייף פון סאָוועס און אַנדערע נאַכט־פייגל. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן דער פאַרשיכורנדיקער ריח פון יאַסמין, אַקאַציע און בעז, און אין די לבנהלאָזע נעכט איז די דיקע פינצטערניש געלעכערט געוואָרן דורך דעם שימער פון גלי־פליגן.

VII

ווען די ווייסל האָט גערעדט יידיש...

שלום אַש איז געווען דער ערשטער יידישער שרייבער, וועלכער איז ביים אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געקומען קיין קוזמיר, דאָרט פאַרבראַכט עטלעכע זומערס און איינמאָל אויך מיטגענומען מיט זיך אַהין י. ל. פרצן, אין וועמענס מיסטישער דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" פילט זיך די אַטמאָספער פון יידישן קוזמיר.

קוזמיר איז געוואָרן די קאָנווע פאַר פיל דערציילונגען און ראָמאַנען פון שלום אַש און די שטעטלדיקע יידן האָבן געדינט אַלס פּראָטאָטיפּן פאַר די העלדן אין פריען און אויך אין סאַמע לעצטן פעריאָד פון זיין שאַפן, אָנהייבנדיק פון דער מייסטערהאַפטער דערציילונג „אַ שטעטל", ביז דעם ראָמאַן „דער „תהילים־ייד".

אין שטורמישן לעבן פון שלום אַש האָבן עטלעכע עפּיזאָדן זיך אויך אָפּגעשפּילט אין קוזמיר. מען האָט זיך דערציילט וועגן זיין ליבע מיט דער שיינער גבירישער סטעפאַניאַ פייערשטיין, וואָס האָט פאַר אַ צייט געהאַט אויפגערודערט דאָס שטעטל. דער עיקר אָבער האָבן די עלטערע יידן מיט אַ טאָן פון נישט־אויסגעלאָשענעם צאָרן דערמאָנט אַן אַפּיקורסיש שפּיצל פון שלום אַש, ווען אין אַ זומערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס האָט ער זיך אָנגעטאָן אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע און אַ שטריימל און אויף אַ פערד געריטן אַרום דער שול און בית־המדרש, ווען די יידן זענען געגאַנגען צו קבלת־שבת. מען האָט אים באַוואָרפן מיט שטיינער און נאָכגעשריען: „אחר! אחר!".

נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט, איז שלום אַש במשך פון עטלעכע

זומערן נישט געקומען קיין קוזמיר. דאָס שטעטל ביי דער ווייסל האָט אָבער געהאַט אַ דעצידירנדיקע השפּעה אויף זיין קינסטלערישער פאָרמירונג, וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען במשך פון זיין גאַנץ לעבן.

„אין קוזמיר האָט די ווייסל צו מיר גערעדט יידיש" — האָט שלום אַש זיך אויסגעדריקט. אין קוזמיר האָט ער אָנגעשריבן זיין „אַ שטעטל" — דאָס ערשטע אָריגינעלע קינסטלערישע ווערק וועגן יידישן שטייגער־לעבן אין די פּוילישע שטעטלעך, אגב דאָס ערשטע ווערק פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז גלייך איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש און דייטש.

דער פּאָפּולאַרער מאָטיוו אין „שטעטל", וואָס שלום אַש האָט פאַר־וועבט אַרום דער געשטאַלט פון דעם רייכן האָלץ־סוחר, ר׳ יחזקאל גאָמבי־נער, ווערט אָפּט פאַרשוומען אין די קרעפטיקע נאַטור־שילדערונגען און אין דער גרויסער גאַלעריע עפּיזאָדישע געשטאַלטן מיט זייערע טאָג־טעגלעכע האַוועניש, שטימונגען און חלומות. אין קוזמיר האָט שלום אַש געזען פאַרקערפּערט די האַרמאָנישע גאַנצקייט פון שטעטל, וואָס האָט במשך פון יאָרהונדערטער, אין געראַנגל און ווידערשטאַנד, זיך אויסגעפּו־רעמט אין אַן אייגנאַרטיקן אָרגאַניזם מיט אַן אייגענעם לשון, מנהגים און לבוש, מיט אייגענע קוואַלן פון פיזישער און גייסטיקער דערנערונג.

מיט זיין אומגעצוימטן קינסטלערישן טעמפּעראַמענט האָט שלום אַש אין „שטעטל" צונויפגעוועבט מאָטיוון און געשטאַלטן אויך פון אַנדערע שטעטלעך. דער נאָמען פון קוזמיר ווערט דאָ און דאָרט דערמאָנט בלויז צופעליק. עס איז אויך פולשטענדיק פאַרווישט די טאָפּאָגראַפישע אידענ־טישקייט פון קוזמיר און פיקטיוו זענען אויך די נעמען פון די העלדן.

בלויז איין געשטאַלט אין „שטעטל" ווערט דורך שלום אַשן אָנגע־רופן ביים אמתן נאָמען. דאָס איז חיים „דער איבערפירער", אָדער ווי מען האָט אים אין שטעטל גערופן אויף פּויליש „חיים פּשעוואָזשניק", וועמענס משפּחה האָט במשך פון דורות געפּאַכטעט דעם פאַרקער פון איין ברעג ווייסל אויפן צווייטן. אַפּנים, אַז אין אָט דעם יידישן „איבערפירער", האָט אַש געזען אַן איינציק־אַרטיקע געשטאַלט, וואָס האָט נישט געהאַט צו זיך

קיין גלייכן אין אַנדערע שטעטלעך לענגויס די ברעגן פון דער ווייסל, ווו שיפערייַ איז געלעגן אין גויישע הענט.

די משפחה־הייזקע פון חיים פשעוואָזשניק האָט זיך געפונען אין דערפל וואָישין, אויפן קעגנאיבערדיקן ברעג פון דער ווייסל, אין שכנות פון יידישן יונאָוּוצע. דאָס איז געווען די איינציקע געמויערטע הייזקע מיט אַ הילצערנעם דאַך, צווישן די דאָרפישע כאַטקעס, געדעקט מיט שטרוי. די שילדערונג פון חיים פשעוואָזשניק און זיין הייזקע איז דורכ־אויס אויטענטיש:

„אין דעם הייזל זיצט אַ משפחה פון יאָרן לאַנג. דאָרט לעבט מען מיט זיך און מיטן טייך, דעם שכן. חיים דעם איבערפירערס הייזל, הייסט עס היינט. אַמאָל, מיט דרייסיק יאָר צוריק, האָט דאָס געהייסן משה אי־בערפירערס הייזל. דער נאָמען טוישט זיך מיט די יאָרן, אָבער דאָס הייזל, דאָס וואַסער און דער נאָמען „איבערפירער" בלייבט ביז איצט. דער היינ־טיקער איבערפירער הייסט חיים און איז אַ ייד פון אַ יאָר פופציק, אַ הוי־כער, דאַרער, מיט אַ ברייט צעפלאַטערטער, גרויער באָרד".

אַזוי האָט חיים פשעוואָזשניק אויך אויסגעזען ערב דעם נאַצי־מבול, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן אין די אַכציקער. ער האָט ווייטער געטראָגן דאָס זעלבע קיילעכדיקע יידישע היטעלע און אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט די פּאָלעס פאַרשטעקט אין גאַרטל, ווען ער האָט שטייענדיק אין זיין שיפל געשניטן די כוואַליעס מיטן לאַנגן רודער. בלויז זיין רוקן איז געווען לייכט איינגעבויגן, דער הויכער שטערן טיף געראונצלט און די באַקן איינגע־פאַלן. ער איז שוין אויך מער נישט געווען דער איינציקער איבערפירער אין שטעטל. דער פאַרקער איבער דער ווייסל איז שוין געווען אין די הענט פון נישט־יידישע שיפער.

חיים, וועלכער האָט פון זיין פאָטער און זיידן געירשנט צענדליקער שיפלעך און קריפּעס פאַר דעם טראַנספּאָרט פון פּרוכטן, איז ביים סוף פון זיין לעבן שוין געהאַט פאַרבליבן מיט בלויז אַן איין און איינציק שיפל. ער האָט אָבער נאָך אַלץ געוווינט אין דער זעלבער הייזקע אין וואָישין, הגם זיין טרייע לעבנס־באַגלייטערין, וועלכע איז געווען די הייבאַם פון עטלעכע דורות פויערישע קינדער אין דאָרף, האָט זיך שוין געפונען אויפן

יונאָווצער בית־עלמין. עס איז שוין געווען דער סוף פון דער ווייסל־אידיליע פון חיים דעם „איבערפירער״ און זיין ווייב, וואָס שלום אַש האָט געשילדערט אין „שטעטל״:

„דאָס וואַסער פירט זיך יידישלעך. עס האַלט מיט שבתים און ימים־טובים. שטיל איז עס. עס קושט איין כוואַליע די צווייטע, און ער מיטן ווייב זיצן פאַר דער טיר. ער זאָגט, דאָס ווייב לייענט די צאינה־וראינה, און זיי דערציילן, די כוואַליעס, גאָטס װוּנדער, און יעדע כוואַליע כאַפּט אַ וואָרט און מאַכט אַ פליטה״.

צווישן די יידישע און נישט־יידישע באַזוכער אין קוזמיר איז חיים פּשעוואָזשניק געווען די פּאָפּולערסטע פיגור. קינסטלער האָבן געמאָלן זיין פּאָרטרעט און שרייבער האָבן באַוווּנדערט די קרעפטיקייט פון זיין פּוילישן לשון, באַזונדערס זיין פּויערישן דיאַלעקט, פול מיט פאַרביקע, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן און פאָלקס־ווערטלעך.

אין דער צייט, ווען שלום אַש האָט געשריבן זיין „שטעטל״, האָט אין קוזמיר אויך פאַרבראַכט דער פּוילישער פּראָזאַיקער װלאַדיסלאַוו רעימאָנט, וועלכער האָט שוין דאַן געהאַט פאַרעפנטלעכט די ערשטע קאַפּיטלען פון זיין עפּאָפּייע „די פּויערים״. שעהן לאַנג פלעגט רעימאָנט זיך שיפן מיט חימען אויף דער ווייסל און נאָטירן די פּויערישע ווערטלעך און חכמות, וואָס זענען אויף אַזאַ נאַטירלעכן אופן אַרויסגעקומען פון מויל פון דעם קוזמירער יידישן שיפער אין דער לאַנגער קאַפּאָטע.

פונקט ווי זיין פּויליש לשון, איז אויך דער יידיש פון חיים פּשעוואָזשניק געווען באַווירצט מיט פאָלקס־ווערטלעך און אידיאָמען, וואָס עס האָבן גענוצט יידישע דאָרפס־מענטשן — אַרענדאַרן, האַלץ־סוחרים און סאָדאָווניקעס.

אַ פערטל יאָרהונדערט נאָך רעימאָנטס באַזוך אין קוזמיר, איז גע־קומען אַהין דער יידישער איבערזעצער פון רעימאָנטס מאָנומענטאַלן נאָבעל־פּרייז־געקרוינטן ווערק „פּויערים״, שלמה ראָזענבערג, כדי ביי חיים פּשעוואָזשניק צו געפינען דעם יידישן עקוויוואַלענט פאַר די קאָליר־פולע אָבער אָפט קאָמפּליצירטע פּויערישע ווערטלעך פון רעימאָנטס העלדן.

רעימאַנטס „פויערים" און דאָס „שטעטל" פון שלום אַש האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם העכסטן קינסטלערישן אויסדרוק פון דער דאָן פּאָפּולערער רעגיאָנאַליסטישער באַוועגונג אין דער פּוילישער ליטעראַטור און קונסט. דער פּיאָנער פון דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען דער גרויסער פּוילישער שרייבער און מאָלער, סטאַניסלאַוו איגנאַצי וויטקע־וויטש, דער באַזינגער פון זאַקאָפּאַנע און דעם שטייגער־לעבן פון די פויערים אין די טאַטראַ־בערג — די „גוראַלן". וויטקעוויטש איז געווען דער ערשטער און אויך דער איינציקער פּוילישער שרייבער, וועלכער האָט דאָן אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר דער אויפגייענדיקער יידישער ליטעראַטור, אין וועמענס פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער ער האָט געזען אַ קרובהשאַפט מיטן פּוילישן רעגיאָנאַליזם. וויטקעוויטש האָט מקרב געווען דעם יונגן שלום אַש, וועלכער איז געווען אַן אָפטער באַ־זוכער ביי אים אין קראָקע און זאַקאָפּאַנע, און ער האָט עס אַשן צום ערשטן מאָל מיטגענומען קיין קוזמיר.

אין די פּוסטריט פון שלום אַש, האָבן קיין קוזמיר אָנגעהויבן קומען די יידישע מאָלער מאַוריצי טרעמבאַטש און מאַוריצי מינקאָווסקי, און דאָן די יינגערע רעגינאַ מונדלאַק, אברהם נוימאַן, וו. וויינטרויב און יוסף זיידענבייטל, וועלכע האָבן גענומען מאָלן די יידישע טיפּן און די אייגנ־אַרטיקע שטעטלדיקע לאַנדשאַפט.

מער אָבער פון אַלע אַנדערע מאָלער האָט צום קערן פון יידישן קוז־מיר זיך דערגרונטעוועט דער טויב־שטומער מינקאָווסקי, וועמענס אויערן זענען געווען אָפּגעשלאָסן פאַר די מעלאָדראַמאַטישע גוזמאות פון די שטעטלדיקע טוריסטישע וועגווייזער, וועלכע פלעגן יעדן זומער אימ־פּראָוויזירן אַלץ מער פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן קוזמיר.

מיט זעלטענער אינטואיציע האָט אָבער מינקאָווסקי אויפגעכאַפּט דעם פאָלקלאָר פון יידישן שטייגער־לעבן, וואָס ער האָט פאַראייביקט אויף זיינע גרויסע לייוונטן — ליכט־בענטשן, כפרות־שלאָגן, די פורימדיקע טראַ־דיציע פון שלח־מנות; דער ערב־שבתדיקער קאָלירפולער פיש־מאַרק, די יינגלעך און מיידלעך, וואָס איילן פרייטיק פאַרנאַכט מיט די טשאָלנ־

טער צום בעקער; די יידענעס מיט די טשופּיקלעך און טערקישע שאַלן און מענער אין יום־טובדיקע מלבושים, וואָס גייען צום דאַווענען. מיט קרעפּטיקן רעאַליזם האָט ער אויך געמאָלן די קאָלירפולע טיפּן פון שטעטל — די הענדלער, באַלעגאָלעס און טרעגערס ביים ברונעם אונטער דעם סטיליזירטן דעכל אויפן מאַרק־פּלאַץ.

VIII

ז. סעגאַלאָוויטש — דער באַזינגער פון „קאַזשמעזש"

דאָס אויטענטישע קוזמיר האָט אין דיכטונג און אין פּראָזע פאַר־אייביקט ז. סעגאַלאָוויטש, וועלכער האָט די שטעטלדיקע טיפן אַנגערופן נישט נאָר מיט זייערע אמתע נעמען, נאָר אַפילו מיט די צונעמען, וואָס זענען נישט אַלעמאָל געווען לשבח, גיכער לגנאי. פאַר סעגאַלאָוויטשן איז דאָס ראָמאַנטישע שטעטל ביי דער ווייסל געווען אַן אַנטפּלעקונג, אין שאַרפן קאָנטראַסט צו זיין היימשטאָט — דאָס אינדוסטריעלע, פאַררויכערטע ביאַליסטאָק.

זיין פּאָעטישן דעביוט האָט סעגאַלאָוויטש געמאַכט מיט אַ קליין ביכעלע, וואָס איז אין יאָר 1909 דערשינען אין לאָדזש מיט אַ באַמער־קונג צום סוף, אַז די פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן אין קוזמיר. דאָס איז געווען די באַלאַדע „רייזעלע דעם שוחטס", געבויט אויף אַן אמתער פּאַסירונג וועגן דער טאָכטער פון שטעטלדיקן שוחט, וועלכע האָט זיך דערטרונקען אין דער ווייסל, צוליב אַ צעשטערטער ליבע.

דאָס ערשטע גרעסערע פּאָעטישע ווערק, אין וועלכן סעגאַלאָוויטש האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ פּאָעט מיט אַן אייגענעם פּרצוף, איז אָבער געווען די פּאָעמע „קאַזשמעזש". סעגאַלאָוויטש האָט אַדאָפּטירט די פּויליש־פאָלקסטימלעכע ווערסיע פון קאַזשימיעזש, אַנשטאָט דעם אַלט־יידישן קוזמיר, וואָס שלום אַש האָט געניצט.

אין „קאַזשמעזש" גייט דורך די פולע שטעטלדיקע פּאַנאָראַמע מיט די היסטאָרישע חורבות, די קלויסטערט און להבדיל די שול; די גאַ־לעריע פון טיפּן — נגידישע סוחרים, אויפגעקלערטע יונגעלייט און פאַרחלומטע מיידלעך; באַלעגאָלעס, טרעגערס און סאַדאָווניקעס. סעגאַ־

לאָוויטש פּילט זיך היימיש אין שטעטל, אָבער דאָך באַלאַנגט ער צו די געסט, וועמענס קומען איז אַ געשעעניש אין שטעטל:

און ווידער אין קאַזשמעזש, וואַרט, פורמאַן, גלאַסן.
די פערד דיינע פליען, ווי ווילדע פון באַרג,
און קינדער פיל לויפן מיר נאָך און באַגריסן
און שרייען: דער „פּריץ”, און פרייען זיך שטאַרק.
דער פּריץ פאַרמאָגט אויף די וואָלקנס אַ פּאַלאַץ,
אין מערב־זייט הענגט דאָרט מיין גאָלדענעס הויז.
אויף דער ערד בין איך אָרעם, ווי אייערע טאַטעס,
כאָטש ניי איז מיין בגד און רייך זע איך אויס.

די פּאָעמע „קאַזשמעזש” האָט אָנגעשלאָגן גאָר פרישע טענער אין דער יידישער דיכטונג. עס איז געווען דער ברייטער אָטעם פון עפּישע שילדערונגען, אין וועלכע לעגענדע איז געוואָרן צונויפגעוועבט מיטווירקלעכקייט:

איר קענט נישט דאָס שטעטל? עס מעג אייך פאַרדריסן.
דאָ שוועבן און לעבן לעגענדעס אַ סך,
דאָ שפּיגלען אין טייך זיך פיל בערג און פיל סעדער,
דאָ ציט זיך צום הימל אַ שלאָס אָן אַ דאַך.
אין שלאָס האָט געלעבט ווען דער איידלסטער קעניג,
היינט קראַקען דאָרט קראָען פון לאַנג שוין, אויף לאַנג...
און אָפטמאָל ביינאַכט פאַלט אין פּאַלאַץ אַ שטערן,
נאָר קיינער געפינט נישט דעם הימלס געשאַנק.
דאָ לעבט נאָך די אמתע יידישע פרומקייט
און שטאַרבט ווי די אוראַלטע דעמבע ביים וועג,
דאָ ווייזט זיך נאָך אָפט אַ צעשראָקענע סאַרנע
און לויפט באַלד אַוועק מיט אַ גרעסערער שרעק.

טרויעריקע רעגונגען וועקט ביי דעם גרויסשטאָטישן גאַסט די איינזאַמע שול אין שטעטל, וואָס שטייט ווי פאַרלוירן צווישן די מעכטיקע, געמויערטע קלויסטערס. באַרוישט פון דער פּרעכטיקער נאַטור ראַנגלט זיך אָבער דער פּאָעט ביים אָנרופן אויף יידיש די בלומען און פייגל:

ש. ל. שניידערמאַן

דריי קלויסטערס פון קאַזשמעזש און דריי זענען
מיט ביימער פאַרריגלט, מיט ביימער אַ סך;
און אונדזער בית־תפילה, להבדיל, שטייט איינזאַם,
פאַררוקט אין אַ ווינקל, צעבראָכן דער דאַך...
אַ ניגון אַ פוילער פאַרשטאַרבט אין די ראַמען
פון אָפענעם פענצטער... איך גיי גיך פאַרביי.
דער ניגון באַגלייט מיך נישט ווייט מיט זיין טרויער,
ער וועט באַלד צערונען אין זינגען פון מאַי.
ווי רופט מען די פייגל? ווי הייסן די בלומען?
עס האָט אונדזער שפּראַך נישט קיין נאָמען פאַר זיי.
באַשערט זיך צו פרייען אַזוי, ווי אַ שטומער,
אַזוי ווי אַ שטומער פאַרבאָרגן דער וויי.

זינט דאַן זענען סעגאַלאָוויטשעס לידער, פּאָעמען, דערציילונגען און ראָמאַנען, כסדר געווען דורכגעוועבט מיט שילדערונגען פון קוזמיר און זיין ליטווישער יידישער לשון איז אַלץ מער און מער דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט דער פאַרביקייט פון פוילישן יידיש.

דורך דעם סאַמע פּראָדוקטיווסטן פּעריאָד פון זיין שאַפן, ביז צום נאַצי־חורבן, איז קוזמיר געווען נישט נאָר דער קוואַל פאַר סעגאַלאָוויטשעס ליטעראַרישער אינספּיראַציע, נאָר איז ממש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זיין ליטעראַרישן וואַרשטאַט. אין די זומער־חדשים פלעגט מען סעגאַלאָוויטשן זען ביי אַ טישל אויף דער גרויסער, אָפענער וועראַנדע פון בערענסעס רעסטאָראַן, ווי ער זיצט און „באַשרייבט" דאָס שטעטל, ענלעך ווי די מאָלערס אויפן מאַרק־פּלאַץ, וואָס האָבן ביי דער ווייסל און אין די געסלעך, מיט פּענזל און פאַרב פאַרפּיסקירט די לאַנדשאַפט און די מענטשן פון שטעטל.

אין קוזמיר האָט סעגאַלאָוויטש אויפגעכאַפּט די ערשטע סימנים פון דער אויבערפלעכלעכער אַסימילאַציע ביים יידישן בירגערלעכן עולם, וואָס האָט זיך גענומען רייסן צו דער פוילישער קולטור און סביבה. ער האָט דאָס פון דער נאָענט אָבסערווירט ביי די יידישע בחורים און מיידלעך,

וועלכע זענען געקומען קיין קוזמיר אין די זומער־חדשים — פון וואַרשע און אַנדערע גרעסערע שטעט אין פוילן.

קוזמיר איז געווען די פּריזמע, דורך וועלכער סעגאַלאָוויטש האָט געזען דאָס יידישע פוילן, אין פרייד און אין צער. אויך אין די יאָרן פון חורבן, ווען סעגאַלאָוויטש האָט זיך געפונען אויף זיינע וואָגלענישן איבער ליטע און רוסלאַנד, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן קיין ארץ־ישראל, איז קוזמיר געווען דער ברען־פּונקט פון זיינע ווייטאָגדיקע וויזיעס און דער הינטערגרונט פאַר זיינע איובדיקע קלאָג־לידער. פון וואַנדער־וועג האָט דער פּאָעט געשיקט גרוסן צו זיינע יידישע און נישט־יידישע העלדן אין קוזמיר, וואָס ער האָט במשך פון העכער דריי צענדליק יאָר געשילדערט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, אין ליכט און אין שאָטן. מיט אַ טאָן פון טיפער נאָסטאַלגיע האָט ער זיי אַלע אָנגערופן מיט זייערע ריכטיקע נעמען:

דבודה, וואָס עלטערט זיך שוין אין געוועלבל,
סוכער, וואָס טרייבט פון די דערפער אַ קעלבל,
וועווטשען ,דעם פורמאַן, מיין בעסטער פאַרערער,
יאַנעק דעם שיכור, דעם גאַסן־פאַרקערער.
נחום, דעם האַר פון די שיפלעךביים וואַסער,
אברהם־אַווראָמל, דעם גראַמען־פאַרפאַסער.
אַנדזשען, וואָס שפּרייזט אַזש קיין וואַרשע צופוסן —
אַלעמען, אַלעמען שיק איך זיי גרוסן.

זיין גרויסע חורבן־פּאָעמע „אַ בוים אין פוילן" האָט סעגאַלאָוויטש אָנגעהויבן מיט די שורות:

אין קאַזשמעזש, ביים וועג פון טשערניאַווע,
געגריינט האָט אַ שלאַנקע בעריאָזע...

עס איז געווען אַ מין צוריקקער צו דער פּאָעמע „קאַזשמעזש", ביים סאַמע אָנהייב פון זיינע פּאָעטישע רעגונגען אין קוזמיר, ווען אין די שטורמישע יאָרן, ערב די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1905, איז דאָס שטעטל אַלץ מער און מער געוואָרן אַ זומערדיקער צונויפטרעף פאַר דער פוילישער און יידישער אינטעליגענץ.

IX

שטורמישע יאָרן

דאָס אידילישע קוזמיר ביים ברעג פון דער ווייסל, וואָס האָט זיך געפונען אַן אַ זייט פון באַן־שליאַך און ווייט פון איבערוואַכונגס־אויג פון דער צאַרישער אָכראַנע, איז געוואָרן אַ זאַמלפונקט פאַר יידישע און פוילישע רעוואָלוציאָנערן. אין זומער פון יאָר 1902 האָבן אין קוזמיר צופעליק זיך באַגעגנט צוויי יידישע סטודענטן, וועלכע האָבן שפּעטער געשפּילט וויכטיקע ראָלן אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און בכלל אין די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן קעגן צאַרישן רעזשים. דאָס זענען געווען הענריק ערליך, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער משפחה אין לובלין, און בראָניסלאַוו גראָסער, אַ זון פון אַ פאַרפּוילישטער ביר־גערלעכער יידישער משפחה אין וואַרשע.

הענריק ערליך האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט די פוילישע גימנאַזיע אין לובלין און איז געקומען קיין קוזמיר, כדי זיך אָפּצורוען ערב די אוניווערסיטעטס־עקזאַמענס. ווידער דער יינגערער בראָניסלאַוו גראָסער האָט אין קוזמיר פאַרבראַכט זיינע זומער־וואַקאַציעס, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יונגע פוילישע רעוואָלוציאָנערן.

גראָסערס צופעליקע באַגעגענישן מיט הענריק ערליך האָט אין אַ גרויסער מאָס דעצידירט וועגן זיין צוקונפטיקן לעבנס־וועג. דאָס האָט ערליך באַווירקט דעם אַסימילירטן גראָסער זיך צו דערנעענטערן צו דער יידישער סביבה. אין גיכן זענען זיי ביידע צוגעשטאַנען צום „בונד" און האָבן שנעל זיך אַרויסגערוקט ווי די טעאָרעטיקער און פירער פון דער דאָזיקער יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

מיט קוזמיר זענען אויך פאַרבונדן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אַק־טיוויטעטן פון איינעם פון די וויכטיקסטע פירער פון דער פוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי (ס. ד. ק. פּ. ל.), פעליקס דזשערזשינסקי (יוזעף), וועמענס ברודער האָט געהאָט אַ קליינעם גוט אין דער געגנט. דזשערזשינסקי, דער שפּעטערדיקער הויפּט פון דער באָל־שעוויסטישער „טשעקאַ", האָט אָרגאַניזירט שטרייקן אין די קוזמירער גאַרבערייען און אין די ביר־ברויערייען און צוקער־פאַבריקן פון די אַרומיקע פּריצישע היף. ער האָט אויך איינגעשטעלט רעוואָלוציאָנערע קעמערלעך צווישן די סטודענטן און פּראָפעסאָרן אין אַגריקולטור־אינסטי־טוט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַמאָליקן גוט פון פירשט אַדאַם טשאַר־טאָריסקי, אין פּולאַווי.

דאָס זענען געווען פאַרברייטונגען פאַר אַ געפּלאַנטן באַוואָפנטן אויפשטאַנד, פאַר וועלכן דזשערזשינסקי האָט באַוויזן צו ווערבירן נישט נאָר די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער און די סטודענטן פון אַגריקול־טור־אינסטיטוט, נאָר אַפילו אַ גרופּע אָפיצירן אין מיליטערישן גאַרניזאָן אין פּולאַווי. בראש פון די יונגע אָפיצירן האָט זיך געפונען דער שפּעטער־דיקער העלד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, לעונינס מיליטערישער ראַט־געבער און דעראָבערער פון ווינטער־פּאַלאַץ, וו. א. אַנטאָנאָוו־אָוסעיענקאָ, איינער פון די ערשטע קרבנות פון סטאַלין־טעראָר.

בשעת דעם שפּאַנישן בירגער־קריג איז אָוסעיענקאָ געווען דער סאָוויעטישער פאַרטרעטער אין באַרצעלאָנאַ, פון וואַנען ער איז אין יאָר 1937 פּלוצים געוואָרן צוריקגערופן קיין מאָסקווע און גלייך ליקווידירט. ווען איך האָב אין שפּאַניע זיך געטראָפן מיט אַנטאָנאָוו־אָוסעיענקאָ, האָט דער דאָזיקער באָלשעוויסטישער וועטעראַן גערעדט מיט אומגעווינלעכן סענטימענט וועגן קוזמיר, וווהין ער פלעגט קומען אויף קאָנספּיראַטיווע באַראַטונגען מיט פעליקס דזשערזשינסקי.

אין די צוגרייטונגען צום באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, האָבן זיך באַ־טייליקט עטלעכע צענדליק בחורים פון קוזמיר, בראש מיט העניעך זייד־נער. די פאַרשווערונג איז געוואָרן אויפגעדעקט און אין קוזמיר זענען דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסע צאָל אַרעסטן. עטלעכע יידישע בחורים

זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און די איבעריקע, צוזאַמען מיט זייערע הענעך זיידנער, זענען אַוועק קיין אַמעריקע.

דער שטורעם פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן האָט געבראַכט קיין קוזמיר עטלעכע משפחות פון יידיש־רוסישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן אין שטעטל אָנגעטראָגן פרישע ווינטן. צווישן זיי האָבן זיך באַזונדערס אַרויסגערוקט דריי משפחות, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייעם עלעמענט אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פון יידישן קוזמיר.

דאָס זענען געווען: סטאַניסלאַוו ליכטזאַן, דער ערשטער יידישער אַפטייקער אין שטעטל; אַבראַהאַם לעווענשטיין, אַ געוועזענער פאַרוואַלטער פון בראָדסקיס ביר־ברויערײַ אין קיעוו, און חיים שענדעראָוויטש, דער אייגנטימער פון ערשטן יידישן פענסיאָנאַט אין שטעטל, וועלכער האָט געהאַט אַ טיפע גייסטיקע השפעה אויף דער שטעטלדיקער יוגנט.

ליכטזאָנס אַפטייק האָט זיך געפונען אין דער „דאַנציקער קאַמעניצע" פון וועוועטשע בראַמבערג. פון דעם הויך־געוועלבטן סופיט איז אַראָפּגעהאַנגען אַ ריזיקער, זשומענדיקער בליץ־לאָמפּ — דער איינציקער פון דעם מין אין גאַנצן שטעטל — וואָס האָט אין די נעכט געוואָרפן לאַנגע פאַסן ליכט אויפן מאַרק. אין שכנות האָט געוווינט דער שטאָטישער פעלדשער, מאַשקע באַרשטש, וועלכער האָט געשמט איבער דער גאַנצער געגנט ווי אַ וווּנדער־רופא. צו זיינע פאַציענטן האָבן באַלאַנגט אַלע פּריצים פון די אַרומיקע הייף און די רבנים פון די שכנותדיקע שטעטלעך.

לעווענשטיין האָט זיך באַזעצט אויף די בערג, ווו ער האָט אויפגעשטעלט אַן עקספּערימענטאַלע אַגריקולטור־סטאַציע מיט אינספּעקטן אונטער גלאָז. ער האָט געהאָדעוועט עקזאָטישע פלאַנצן, בלומען און געקרייציקט פאַרשידענע פירות. לעווענשטיין האָט צוזאַמענגעאַרבעט מיטן אַגריקולטור־אינסטיטוט אין פולאַוו. עס פלעגן צו אים קומען פּראָפעסאָרן פון אינסטיטוט, וועגן וועלכע מען האָט אין שטעטל דערציילט, אַז זיי זענען פאַרשטעלטע רעוואָלוציאָנערן און אַז אין לעווענשטיינס היים ווערן אָפּגעהאַלטן געהיימע פאַרזאַמלונגען.

אַ באַזונד אין גאָרטן און אין דער פּרעכטיקער ווילע פון די לעווענשטיינס איז געווען אַ טיפע איבערלעבונג פאַר די שטעטלדיקע יידן. דער

Chaim Goldberg

הויך־וווקסיקער לעווענשטיין, וועלכער האָט גערעדט פּויליש מיט אַ רו־סישן אַקצענט, איז געווען אַ צוגעלאָזענער, וואַרעמער מענטש. ער פלעגט פאַרפירן געשפּרעכן מיט די מיידלעך און בחורים, וועלכע האָבן בעת זייערע שבתדיקע שפּאַצירן אויף די בערג זיך אָפּגעשטעלט פאַר זיין גאָרטן און נישט איינמאָל האָט ער אויך דאָס יונגוואַרג איינגעלאַדן אויף דער וועראַנדע.

דאַקעגן פרוי לעווענשטיין — אַ דראָבנינקע מיט אַ הויכן קאָקס גרויע האָר פאַרפלאָכטן אויפן קאָפּ, איז אויפן ערשטן אויגנבליק געווען שטרענג און אַפילו אומפריינדלעך. זי האָט די בחורים באַפוילן אויסצוטאָן די היטלעך, ווי נאָר זיי האָבן באַטרעטן די שוועל פון דער וועראַנדע. זי האָט זיי געמוסרט פאַר דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם פון זייערע עלטערן, אָבער אין דער זעלבער צייט די באַזוכער מכבד געווען מיט זעלטענע פּירות, וואָס מען האָט אין שטעטל קיינמאָל נישט געזען: פאַרזשיכעס, רענגלאָדן און טרוסקאַווקעס. זי פלעגט דעם יונגוואַרג אויך אויסלייען ביכער פון איר גרויסער ביבליאָטעק, די ווערק פון קראַשעווסקי, מיצ־קעוויטש און שענקעוויטש. דערביי האָט זי מיט שטאָלץ אונטערגעשטראָכן, אַז שענקעוויטש איז געווען אַ גאַסט ביי איר אין הויז.

די הויפּט־אַטראַקציע אין לעווענשטיינס ווילע זענען געווען די פּראַכטפולע פּאַוועס אין אַ ריזיקער, דראָטענער שטייג. דערנעבן האָט זיך געפונען אַן אַלטמאָדישער ברונעם מיט אַ הילצערנעם ראָד, אויפן פּאָן פון קאָלירפולע בלומען און פרוכטנביימער — אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו ביאַליקס ליד „יש לי גן ובאר יש לי”.

ליכטזאָן און לעווענשטיין האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון יידישן עולם אין שטעטל. אַ גאַנץ יאָר האָבן זיי פאַרקערט מיטן גלח, מיטן דאָקטאָר, מיט די לערער און די פּריצים פון דער געגנט. בלויז אין יום־כּיפּור זענען זיי געקומען אין שול אַריין, אָנגעטאָן אין שמאָלע טליתימלעך, וואָס די יידן אין קוזמיר האָבן קיינמאָל פריער נישט געהאַט געזען. דאַקעגן שענ־דעראָוויטש, וועלכער האָט אָפן מאַניפעסטירט זיין אפּיקורסות, האָט גלייך ביי זיין אָנקום קיין קוזמיר גענומען זאַמלען אַרום זיך די שטעטלדיקע יוגנט און פאַר זיי אַנטפּלעקט די אויפגייענדיקע וועלט פון ציוניזם.

בכלל האָט די שענדעראָוויטש־משפחה רעוואָלוציאָניזירט דעם איינ־געפונדעוועטן טראַדיציאָנעלן יידישן לעבנס־שטייגער אין קוזמיר. די ערשטע מאָדערנע יידישע שול אין דער פוילישער שפּראַך און מיט אַ ברייטן פּראָגראַם פון העברעיש און יידישער געשיכטע, איז געשאַפן גע־וואָרן דורך די קינדער פון חיים שענדעראָוויטש, וועלכע האָבן שטודירט אין וואַרשע און אין פּראָג. די טרייב־קראַפט איז געווען די עלטסטע טאָכטער, סאָניאַ, און איר ייִנגערער פרי־פאַרשטאָרבענער ברודער, זיגמונט, וועלכער האָט אין קוזמיר געשאַפן אַן אָפּטיילונג פון השומר־הצעיר — איינע פון די ערשטע „נעסטן" פון דער ניי־אַנטשטאַנענער ראַדיקאַל־ציוניסטישער יוגנט־באַוועגונג. די ייִנגסטע פון די שענדעראָוויטשעס, פּאָלאַ, איז געווען די ערשטע חלוצה פון קוזמיר, וועלכע האָט עולה־געווען קיין ארץ־ישראל און געוואָרן אַ מיטבויערין פון קיבוץ משמר־העמק.

די פרומע קוזמירער יידן האָבן אין אָנהייב געקוקט מיט אומצו־פרידנקייט אויף דער אַלץ־וואַקסנדיקער השפּעה פון דער שענדעראָוויטש־משפּחה, וואָס האָט גענומען אַראָפּפירן די יוגנט פון דרך־הישר... חיים שענדעראָוויטש האָט וועגן דעם געהאַט שאַרפע וויכוחים מיט די שטעטל־דיקע קנאים און דאָס יונגוואַרג האָט מיט הנאה זיך צוגעהערט צו די היציקע שמועסן אויפן מאַרק־פּלאַץ. דער יונגער עולם איז געווען באַזונ־דערס שטאָלץ דערמיט, וואָס דער גלות חיים שענדעראָוויטש האָט די קוזמירער לומדים פאַרשאָטנט מיט זיינע קענטענישן פון תנ"ך.

אין דעם פּעריאָד ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די שענדע־ראָוויטשעס אַ גאַנץ יאָר געלעבט אין וואַרשע. בלויז אויף די זומער־חדשים זענען זיי געקומען קיין קוזמיר, ווו זיי האָבן געהאַט זייער פּענסיאָנאַט אין די טשערניאַוועס, אויף אַ באַרגיקן שטח, פון וואַנען עס האָבן געשלאָגן קוואַלן פון מחיהדיק־פרישן וואַסער, וואָס איז געווען שניידיק־קאַלט, אַפילו אין די הייסטע זומער־טעג.

פאַר דער קוזמירער יוגנט איז דער פּענסיאָנאַט פון די שענדעראָווי־טשעס געווען דאָס ערשטע פענצטער צו וועלטלעכער יידישקייט און פוי־לישער קולטור, און דאָס אַ דאַנק די פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן פון יידישן וואַרשע, וועלכע האָבן דאָרט פאַרבראַכט זייערע וואַקאַציעס —

שרייבער, קינסטלער, באַוווּסטע דאָקטוירים, ציוניסטישע מנהיגים און אויך די אידעאָלאָגן פון דער קולטור־אַסימילאַציע.

עטלעכע אָוונטן אַ וואָך פלעגט חיים שענדעראָוויטש געבן אומזיסטע לעקציעס פון העברעיש פאַר אַ גרופּע שטעטלדיקע בחורים און מיידלעך. ער האָט אויך צונויפגעבראַכט די שטעטלדיקע יוגנט מיט די סטודענטן צווישן די געסט אין זיין פּענסיאָנאַט, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די ערשטע קורסן אין שטעטל.

ביי דער שטעטלדיקער יוגנט איז חיים שענדעראָוויטש אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל פון יידישן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אַ סברה, אַז ער האָט אַפילו געדרוקט העברעישע שירים אונטער אַ פּסעוודאָנים. דערביי האָט מען זיך דערציילט אין שטעטל, אַז ער איז גאָר אַ נאָענטער פריינד פון י. ל. פּרץ. חיים שענדעראָוויטש האָט אַפילו אימיטירט פּרצן מיט זיינע פּריצישע וואָנסעס, לאַנגע האָר און שוואַרצער פּעלערינע.

*

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט צעריסן דאָס אָנגעהויבענע געוועב פון דעם וועלטלעכן לעבנס־שטייגער אין יידישן קוזמיר. פון אָט דער צייט הייבט זיך אויך אָן מיין געדענקען. די סאַמע ערשטע איבערלעבונגען, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין קינדערישן זכרון, זענען געווען די באָמבאַרדירונגען און דאָס פאַרשטעקן זיך אין קעלער; דאָס אומענדלעכע מאַרשירן פון די צאַרישע אַרמייען — ממש טאָג און נאַכט; דאָס בהלהדיקע פאַרהאַקן די טירן פון די געוועלבער, ווען פון פולאַווער וועג האָט זיך דערטראָגן דער אָפּהילך פון פערדישע קאָפּיטעס אויף די אויסברוקירטע קיזלשטיינער און פון מויל צו מויל איז געגאַנגען דאָס שרעק־וואָרט: „קאָזאַקן...״

אין אָט די שעהן פון פחד האָט איבערן שטעטל פּלוצים זיך צעטראָגן די נייעס, אַז בעת דעם דורכמאַרש פון די קאָזאַקן איז אויפן מאַרק אין קוזמיר אויף זיין ווייסן פערד געזעסן נישט קיין אַנדערער, ווי דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די רוסישע אַרמייען, דעם צאַרס פעטער, ניקאָלאַי

ניקאָלאַיעוויטש, וועלכער האָט אַזוי אַרום מציל געווען דאָס שטעטל פון אַ זיכערן פּאָגראָם. צי ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש האָט זיך טאַקע דאַן גע־פונען אין קוזמיר, איז קיינמאָל נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן. די דאָזיקע מעשה געהערט אָבער צום קוזמירער נוסח פון פאַרוועבןווירקלעכקייט מיט לעגענדע.

מיט דער דערנענטערונג פון פראָנט צום שטעטל, זענען די קוזמירער יידן געוואָרן עוואַקויִרט. זיי זענען אָבער געקומען צוריק, ווי נאָר די עסטרייכישע אַרמייען האָבן באַזעצט די געגנט. אין קוזמיר האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט אַ נייער, רעאַלער וואַריאַנט פון דער אסתרקע־לעגענדע, ווען דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון פּולאַווער ראַיאָן האָט זיך פאַרליבט אין דער שיינער טאָכטער פון אַ קוזמירער קצב. די שטרענגע פאַראָרדענונ־גען פון דער עסטרייכישער אָקופּאַציע-מאַכט זענען פּלוצים געוואָרן היפּש פאַרמילדערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטער האַנדל און יידן האָבן צוריק גענומען אויפבויען זייערע חרוב־געוואָרענע הייזקעס.

אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט פון יאָר 1916, איז אָבער דאָס שטעטל פּלוצים אויפגעטרייסלט געוואָרן פון אַ שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט אין מיין קינדערישער פאַנטאַזיע זיך צונויפגעוועבט מיטן ביבלישן מבול און נחס תיבה. פּלוצים האָבן די גלאָקן פון אַלע דריי שטעטלדיקע קירכעס זיך צעקלונגען, ווי דאָס פלעגט געשען, ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַ שריפה. באַלד האָט זיך פאַרשפּרייט די שרעקלעכע ידיעה, אַז אויף דער ווייסל האָט זיך איבערגעקערט איינע פון חיים פּזשעוואָזשניקס קרי־פּעס מיט פּאַסאַזשירן. דאָס זענען געווען קוזמירער יידן, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים בויען מיליטערישע פאָרטיפיקאַציעס אויפן אַנדערן ברעג ווייסל, לעבן יונאָווצע. כמעט יעדע משפחה אין שטעטל האָט גע־האָט איינעם אָדער צוויי מיטגלידער אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט.

דאָס גאַנצע שטעטל, ממש קינד און קייט, מיט נאַפט-לאַמטערנעס אין די הענט, האָט געאיילט צום ברעג פון דער ווייסל. עס האָבן זיך צו־נויפגעמישט די פאַרצווייפלטע געשרייען פון די מענטשן אויפן ברעג און די הילכיקע אויסרופן פון די פישערס אין די שיפלעך, וועלכע זענען פון ביידע ברעגן געקומען צו הילף די זיך־טרינקנדיקע מענטשן.

צו האַלבער נאַכט זענען פון וואַסער אַרויסגעשלעפּט געוואָרן העכער הונדערט טויטע, פון צווישן די קרוב צווי הונדערט פּאַסאַזשירן אויף דער קריפּע, וואָס האָט זיך איבערגעקערט פון איבערלאָדונג. די לאַמענטירנדיקע יידן זענען געלאָפן צווישן די מתים. וואָס זענען געלעגן אויסגעלייגט אויפן ברעג, נעבן עלבוימס ביר־ברויעריי, כדי צו דערקענען זייערע נאָענטע. אַ וואָך צייט האָבן געדויערט די לוויות אין שטעטל. די טראַגישע פּאַסירונג איז פאַרשריבן געוואָרן אויפן לעצטן ליידיקן זייטל פון פּאַרמעטענעם סידור.

אין אָט דער צייט האָבן אין דער דרויסנדיקער וועלט זיך אָפּגעשפּילט שטורמישע געשעענישן, וואָס האָבן אין קוזמיר געהאַט אַן אייגנאַרטיקן אָפּקלאַנג. דאָס איז געווען די פעברואַר־איבערקערעניש פון 1917 אין רוסלאַנד; די באַלפור־דעקלאַראַציע אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר, און דער ווידערגעבורט פון אומאָפּהענגיקן פוילן — מיט אַ יאָר שפּעטער.

אויפן פילם פון מיין זכרון זענען די אַלע דריי געשעענישן געבליבן ענג צונויפבאַהאָפטן צווישן זיך, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשפּיגלט אין איין און דער זעלבער צייט. לעבעדיקע שילדערונגען וועגן צוזאַמענברוך פון צאַרישן רעזשים האָבן אין שטעטל געבראַכט די לעווענשטיינס און די שענדעראָוויטשעס, וועלכע זענען ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַוועק קיין רוסלאַנד.

די אַנטשטייונג פון אומאָפּהענגיקן פוילן האָט אַרויסגערופן געמישטע געפילן פון פרייד און שרעק ביי די שטעטלדיקע יידן. זיי האָבן זיך געפילט ווי דירעקטע מחותנים פון נייעם פוילן, וועמענס ערשטע רעגירונג איז אַנטשטאַנען אין שכנותדיקן לובלין. די קוזמירער יידן זענען אָבער באַהערשט געוואָרן פון פחד־געפילן, ווען אויף דער כוואַליע פון פּאַטריאָטישן ענטוזיאַזם זענען אויפגעשווומען די טונקלסטע פאַרשוינען פון צווישן דער היימישער פוילישער באַפעלקערונג. די שטעטלדיקע פּאַלאַקן, וועלכע האָבן אַנטוואָפנט די עסטרייכישע זשאַנדאַרמען, האָבן גאַווהדיק פּאַראַדירט איבערן מאַרק־פּלאַץ מיט די צוגענומענע ביקסן און געלאָזט פילן די יידן, אַז זיי זענען די נייע באַלעבאַטים פון שטעטל.

ווי די גרעסטע געשעעניש פון אָט דער שטורמישער צייט, איז אין

מיין זכרון פאַרבליבן די חנוכה־פייערונג אין דער שול אין ווינטער פון 1917, לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ווי אַ רמז אויף משיחס צייטן איז געווען דער פאַקט, וואָס נעבן דעם דראַבינינקן, גרייז־גרויען קוזמירער רב ר׳ חיים־לייב זילבערמינץ מיטן שווערן שטריימל אויפן קאָפּ, איז אויפן באַלעמער פון שול געשטאַנען חיים שענדעראָוויטש, אין אַ קאַפּעלוש מיט אַ גרויסן ראַנד און אַ ברייטער פּאַעטישער שלייף.

מיט אַ ציטערדיקער שטימע האָט דער רב געמאַכט דעם שהחינו, אָנגעצונדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל און דאַן, שעפּטשענדיק, גערעדט במשך פון אַ לענגערער ווײַלע. זיינע ווערטער האָבן אָבער קוים דער־גרייכט צום ריזיקן עולם. דערפאַר אָבער האָט אָפּגעהילכט די שטים פון חיים שענדעראָוויטש, וועלכער האָט אָנגעהויבן אין העברעיש און דערנאָך אַריבער אויף יידיש.

דער קערן פון שענדעראָוויטשעס רעדע איז געווען, אַז דער חלום פון שיבת־ציון איז נאָענט און אַז יעדער ייד דאַרף מיט אַ ברייטער האַנט געבן פאַר גאולת־הארץ. פון דער ווייבערישער שול האָבן גלייך גענומען פאַלן גאָלדענע בראָשקעס, קייטעלעך און רינגלעך מיט דימענטן און די מענער האָבן אַוועקגעגעבן זייערע גאָלדענע און זילבערנע זייגערס. די גרויסע קערות, אין וועלכע מען פלעגט אין פּאַליש פון דער שול יעדן ערב יום־כיפור אַריינוואַרפן מטבעות פאַר דער שטעטלדיקער צדקה, זענען אין פאַרלויף פון אַ קורצער ווײַלע געוואָרן אָנגעפילט מיט זילבערנע און גאָלדענע חפצים.

זינט דאַן האָט דאָס שטעטל גענומען פיבערן מיט ציוניסטישע אַק־טיוויטעטן פון אַלע שאַטירונגען — פון השומר־הצעיר ביז הנוער־הציוני און בית״ר; לינקע און רעכטע פּועלי־ציון — ביז די רעוויזיאָניסטן און מזרחי. עס האָט אין קוזמיר קיינמאָל נישט עקזיסטירט קיין „בונד״ און „אגודה״, אָדער בכלל וועלכע עס איז אַנדערע אַנטי־ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע.

X

געפּלאַצטע אילוזיעס

פאַר דעם קומענדיקן היסטאָריקער, וועלכער וועט פאָרשן די לעצטע פאַזע פון יידישן לעבן אין די הונדערטער יידישע שטעטלעך פון אומ־אָפּהענגיקן פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, וועט קוזמיר זיין אַ רע־טעניש, אָדער גאָר טאַקע דער באַראָמעטער פאַר די שטימונגען פון יאוש, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די געמיטער פון יידן, גלייךביים אָנהייב פון דער אומאָפּהענגיקייט.

עס איז מאָדנע, אַז גראָד אין קוזמיר, וואָס איז אין לעגענדע אוןווירקלעכקייט געווען געקניפּט און געבונדן מיט דעם סאַמע אָנהייב פון טויזנטיאָריקן יידישן ישוב אין פּוילן און ווו דאָס צוזאַמענלעבן מיט די קריסטלעכע שכנים איז, מיט קליינע אויסנאַמען, געווען האַרמאָניש, איז די יידישע יוגנט גאָר פרי דורכגענומען געוואָרן מיט דעם חלוצישן דראַנג עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל. דאָס באַקומען אַ סערטיפיקאַט איז אָבער געווען פּונקט אַזוי זעלטן, ווי אַ געווינס אויף דער לאָטעריע, און די מער־הייט פון דער קוזמירער יוגנט — פּונקט ווי אין אַנדערע שטעטלעך — האָט דעם חלום וועגן עליה מיטגענומען מיט זיך אין די גאַז־קאַמערן אַריין...

פון טיפן מיטלאַלטער ביז דער נייער צייט, האָט אין קוזמיר זיך אָפּ־געשפּילט די פולע גאַמע פון פריינדלעכע באַציונגען און נגישות מצד די פּוילישע שכנים לגבי יידן. במשך פון יאָרהונדערטער האָט דאָמינירט דער פּאַראַדאָקס פון דיסקרימינאַציע לגבי יידן, וואָס האָט זיין כאַראַק־טער נישט פאַרלוירן אפילו אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים.

יעדעס מאָל, ווען פּוילישע מלכים האָבן אויסגעברייטערט די רעכט

פון שטאַטישן מיטלשטאַנד, האָט די פּוילישע באַפעלקערונג די דאָזיקע פרייהייטן קודם כל געניצט קעגן די יידישע באַלמעלאָכעס און סוחרים.

בלויז אין דער תקופה פון פּוילנס אונטעריאָכונג דורך די רוסישע צאַרן, האָט די ליבעראַלע פּוילישע אינטעליגענץ — דער עיקר אין גלות — געריידט וועגן דער גורל־געמיינשאַפט פון יידן און פּאָלאַקן און גע־רופן צו אַ פאַרברידערונג און שותּפותדיקן קאַמף פאַר דער אומאָפּהענ־גיקייט פון פּוילן. ווי נאָר אָבער דער חלום פון אומאָפּהענגיקייט איז — נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — געוואָרן פאַרווירקלעכט, האָט זיך איבערגעחזרט דער געשיכטלעכער רעפריין פון אויסנוצן די דעראָבערטע פרייהייטן קודם־כל קעגן די יידן.

דער פּוילישער שכן, וועלכער איז ערשט נעכטן געווען אַזוי שטיל און הכנעהדיק, איז מיטאַמאָל געוואָרן דער חוצפּהדיקער, בייזער פּאָלי־ציאַנט, דער דעה־זאָגער אין שטעטלדיקן מאַגיסטראַט, און דער יידישער קרעמער און באַלמעלאָכע האָט שנעל דערפילט, אַז ער ווערט דעגראַ־דירט צו דער מדרגה פון אַ צווייטראַנגיקן בירגער, וואָס מוז נאָך דערביי טראָגן די שווערסטע שטייער־לאַסטן.

די יידן אין די שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך קוים גענומען אויס־גראָבן פון אונטער די מלחמה־חורבות, האָבן מיטאַמאָל זיך געפונען אין אָנבליק פון אַ קאָנקורענץ־קאַמף מצד דעם נייעם קלאַס פּוילישע הענד־לער, וועלכע זענען געקומען מיט זייערע סטראַגאַנעס אויף די יאַרידן און געעפנט קרעמלעך אין שטעטל. די ענדעקיש־אַנטיסעמיטישע באַיקאָט־לאָזונג „סוואָי דאָ סוועגאָ" (אייגענע צו אייגענע) איז געוואָרן דערמור־טיקט דורך דער יונגער פּוילישער מאַכט.

די יידן אין קוזמיר האָבן פון דעם דאָזיקן פּוילישן שאָוויניזם געליטן פיל ווייניקער, ווי אין אַנדערע שטעטלעך, ווייל אין קוזמיר האָט די גאַנ־צע באַפעלקערונג געלעבט כמעט אויסשליסלעך פון די זומער־געסט, ווע־מענס מערהייט איז באַשטאַנען פון יידן. וועגן דעם פרידלעכן צוזאַמענ־לעבן פון די יידישע און פּוילישע שכנים האָט אויך עדות־געזאָגט דער פאַקט, וואָס אין קוזמיר האָבן פיל פּאָלאַקן גערעדט אַ פליסיקן יידיש.

און דאָך האָבן אין קוזמיר, גלייך ביים אָנהייב פון דער אומאָפּהענ־

ניקייט, גענומען פּלאַצן די אילוזיעס וועגן אַ יידיש־פּוילישער שותּפות. געקומען איז דאָס צוליב אַן אויסטערלישן עפּיזאָד, וואָס האָט זיך אָפּגע־שפּילט אין זומער פון יאָר 1918. אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן איז אויפן מאַרק־פּלאַץ אָנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט עטלעכע ציווילע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן זיך געפרעגט אויף וועוועטשע בראָמבערג. אין אויגנבליק האָט איבערן שטעטל זיך פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן די שבתדיקע געסט און פאַר דער דאַנציקער קאָמיעניצע האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און די געהיימניספולע שליחים האָבן בראָמבערגן מיטגענומען מיט זיך אין זייער אויטאָמאָביל און אַוועק פון שטעטל. דאָס האָט אויפגערודערט נישט נאָר די יידן, נאָר אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג. עס האָט זיך גלייך פאָרמירט אַ געמישטע דעלעגאַציע, וואָס איז נאָך דעם זעלבן טאָג אָפּגעפאָרן אין דער קרייזשטאָט פולאַוו, כדי צו אינטערווענירן ביי דער מאַכט.

עטלעכע טעג שפּעטער איז וועוועטשע בראָמבערג געוואָרן באַפרייט און ריינגעוואַשן פון דער אָנקלאַגע, וואָס האָט אָבער אַנטפּלעקט דאָס פּריי־מיטיווע פּרצוף פון די נייע מאַכטהאָבער. די גראָטעסקע אָנקלאַגע, וואָס איז ווערט די פּען פון אַ גאָגאָל, האָט זיך גענומען פון אַ טעלעגראַמע צו וועוועטשע בראָמבערג פון דאַנציק. דער נאָמען „בראָמבערג" האָט אַרויס־גערופן פאַרדאַכט ביים טעלעגראַפן־אַמט אין פולאַוו, וועלכער האָט דאָס אינטערפּרעטירט ווי „אַ יידישע פאַרשווערונג" קעגן דער שטאָט ביד־גאָשטש אין פּאָמערן, וואָס האָט אונטער די דייטשן געהייסן בראָמבערג. דער טעלעגראַף־באַאַמטער האָט וועגן דעם מיטגעטיילט די מאַכט־אָרגאַ־נען, וועלכע האָבן גלייך ענערגיש געהאַנדלט.

ענלעכע עפּיזאָדן פון פאַרדאַכט און בילבולים אויף יידן, וואָס האָבן נישט אין איין פאַל זיך געענדיקט טראַגיש, זענען דאַן נישט געווען קיין זעלטנהייט אין דער ווידער־געבוירענער מלוכה, באַזונדערס בעת דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה.

און דאָך האָט די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט געבראַכט מיט זיך אַן אויפשוווּנג פון יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָט אָנגע־

שפּאָרט אַפילו צו די קלענסטע פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך, טראָץ דעם עקאָנאָמישן באַרג־אַראָפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג. אויף די מאַרק־פלעצער און אין די בתי־תפילה זענען אָנגעגאַנגען היציקע וויכוחים צווישן דעם אויפגעקלערטן יונגוואַרג, פון וועלכן עס האָט זיך געשומען אויסקריסטאַליזירן דער אַקטיוו פון די פאַרשידענע פּאַרטיי־קרייזלעך, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם אָנשפּאַר פאַר דער וועלטלעכער יידישער קולטור.

פאַר די גראָשנס, וואָס מען האָט זיך אָפּגעשפּאָרט פון מויל, האָט מען געדונגען בידנע לאָקאַלן אויף פאָלקס־שולן, אָוונט־קורסן און ביבליאָטעקן. די איינצלנע עקזעמפּלאַרן פון יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס די מער־פאַרמעגלעכע שטעטלדיקע יונגעלייט האָבן אַבאָנירט, זענען געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן יעדן פּובליציסטישן אַרטיקל און אַריינגעטייטשט רמזים אין יעדער דערציילונג און ליד.

עס האָבן זיך פאַרמירט דראַמאַטישע קרייזן, ספּאָרט־קלובן, כאָרן און דער גרעסטער יום־טוב אין שטעטל איז געווען דער באַזוך פון אַ לעקטאָר פון דער שכנותדיקער גרעסערער שטאָט, ווייל נישט אַלע מאָל האָט מען זיך געקענט דערלויבן דעם לוקסוס פון ברענגען אַ רעדנער פון וואַרשע.

קוזמיר האָט זיך געפונען אין אַ באַזונדערס גינסטיקער לאַגע, צוליב די זומער־געסט — באַרימטע שרייבער, שוישפּילער, מאָלער און פּאָליטישע פירער. דאָס האָבן זיי יעדעס יאָר במשך פון עטלעכע חדשים פאַרוואַנדלט דאָס שטעטל אין אַן אַרענע פון אימפּראָוויזירטע פעסטיוואַלן, קאָנצערטן, רעפעראַטן, טעאַטער־פאַרשטעלונגען און אַפילו קונסט־אויסשטעלונגען, וואָס האָבן צוגעצויגן דאָס יונגוואַרג אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך.

אומפאַרגעסלעך איז פאַרבליבן דער זומער, ווען די „ווילנער טרופּע" האָט אין קוזמיר געגרייט די אויפפירונג פון אַנסקיס „דיבוק", אונטער דער רעזשי פון דוד הערמאַן. די טרופּע איז איינגעשטאַנען אין שענדעראָוויטשעס פּענסיאָנאַט און דאָרט געמאַכט די פּראָבן אויף דער גרויסער

ווראַנדע. דאָס שטעטלדיקע יונגוואַרג האָט זיך פאַרשטעקט הינטער דער ווערענדע, כדי צו זען די פּראָבן פון אַנסקיס ווערק. די עקזאַלטירטע בחורים און מיידלעך האָבן אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז נח נאַכבוש, וועלכער האָט געשאַפן די קלאַסישע קרעאַציע פון משולח, האָט די דאָזיקע מיסטישע געשטאַלט מאָדעלירט לויט דעם שטעטלדיקן פּרוש, אהרן דעם שוחטס.

דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט די באַרימטע זומער־געסט האָט געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דער יידישער יוגנט אין קוזמיר. אַפילו דער עלטערער עולם האָט זיך געפילט היימיש מיט דער קינסטלערישער באַהעמע, פאַזירט פאַר די מאָלער און נישט געהאַט דעם מינדסטן פאַריבל, ווען זיי האָבן זיך דערקענט אין די דערציילונגען און פּעליעטאָנען פון די יידישע שרייבער.

בלויז איין מאָל איז שיער נישט געקומען צו אַ סקאַנדאַל, ווען ז. סעגאַלאָוויטש האָט אין אַ סקיצע רעאַליסטיש געשילדערט אַן אמתע ראָמאַנטישע פּאַסירונג מיט וועוטשעלע באַלעגאָלע אָדער „פּיאַק" (שיכור), ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל. דער היציקער וועוטשעלע האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט סעגאַלאָוויטשן אָנברעכן די ביינער, ווי נאָר ער וועט קומען קיין קוזמיר. ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט סעגאַלאָוויטשן, איז אָבער וועוטשעלעס כעס געוואָרן אָפּגעקילט און ער האָט זיך אַפילו האַרציק צעלאַכט, ווען סעגאַלאָוויטש האָט אים אָנגעבאָטן אַ „פינפאונצוואַנציקער", אַז ער זאָל אים באַשרייבן...

XI

די אסתּרקע־לעגענדע

די היימישקייט מיט די קינסטלער און שרייבער, וועלכע זענען אין די זומער־חדשים געקומען קיין קוזמיר, האָט סטימולירט די פֿאַנטאַזיע פון די טוריסטישע וועגווייזער אין שטעטל און פון יאָר צו יאָר האָבן זיי אויסגעברייטערט דעם רעפּערטואַר פון די מעשיות און אַנעקדאָטן אַרום דער געשיכטע פון אָט דעם אַלטן פּוילישן ישוב. דער צענטראַלער מאָטיוו אין זייערע אימפּראָוויזאַציעס איז געווען די אסתּרקע־לעגענדע. אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט די צוויי יאַנקלס — יאַנקל שוואַרצמאַן און יאַנקל גאָלדפּאַרב, וועלכע מען האָט גערופן ביי זייערע צונעמען: „פֿאַקטאָר" און „יאַפּאַנטשיק".

דער צונאָמען „פֿאַקטאָר" האָט געהאָט צו טאָן מיט יאַנקל שוואַרצמאַנס נעבן־באַרוף — מעקלעריי, און דער צונאָמען „יאַפּאַנטשיק" האָט געשטאַמט פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, ווען אין די וויכוחים צווישן די שטעטלדיקע פּאָליטיקער האָט יאַנקל גאָלדפּאַרב מיט ברען פּאַרטייִדיקט יאַפּאַן.

אָט די צוויי „פּראָפעסיאָנעלע" יידישע וועגווייזער איבער די היסטאָרישע פּלעצער אין קוזמיר האָבן גערעדט אַ פּרעכטיקן פּויליש, וואָס האָט איבערראַשט נישט נאָר סתם טוריסטן, נאָר אַפילו פּוילישע שרייבער, וועלכע האָבן באַוווּנדערט די אידיאָמאַטישע פּאַרביקייט פון זייער לשון. דערביי איז געווען פּאַרשידן דער נוסח פון די מעשיות, וואָס זיי האָבן דערציילט.

דער אַלטיטשקער יאַנקל פֿאַקטאָר, אַ מיטלוווּקסיקער, מיט אַ פּאַרפּוצט גרוי בערדל און פּענסנע, פּאַרהאָנגען אויף אַ שוואַרץ שנירל, האָט מיט גרויס

ערנסט געשילדערט די ביינאַכטיקע נסיעות פון קעניג קאַזשימיעזש קיין באַכאָטניצע, ווו אסתרקעס פּאַלאַץ האָט זיך געפונען אויף אַ באַרג ביים ברעג פון דער ווייסל. אין אַן ערנסטן טאָן, גלייך ווי עס וואָלט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן אַ היסטאָרישן פאַקט, האָט יאַנקל פאַקטאָר פאַרזיכערט, אַז דער „גוטהאַרציקער קיניג פון די פויערימלעך" („דאָבראָדושני קרול כלאָפּקוּוו") האָט זיינע יידישע גאָלדשמידן פון שפּאַניע באַפוילן צו מאַכן די גאָלדענע פּעדים, מיט וועלכע אסתרקע האָט אויסגעהאַפטן דאָס פּרוכת פאַר דער קוזמירער שול.

דאַקעגן דער יינגערער יאַנקל יאַפּאַנטשיק ,אַ הויכוווקסיקער, מיט אַ געדיכט־געקרייזלטער שוואַרצער באָרד און שעלמיש־קלוגע אויגן, וועל־כער איז פון דער נאַטור געווען אַ ליץ, האָט זיינע מעשיות באַווירצט מיט שילדערונגען וועגן די כשרע יידישע מאכלים, „טשאָלנט און געפילטע פיש", וואָס אסתרקע האָט געגרייט פאַרן קיניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן...

דער דאָזיקער וויציקער עפּיזאָד פון יאַנקל יאַפּאַנטשיקס „מגילת אסתר" האָט אין „פּאָלקס־פּוילן" אויפגעטויכט אין אַ פּראַגמאַטישן גלגול, ווען דער קאָמיסאַר פון דער סאָציאַליזירטערווירטשאַפט אין יידן־ריינעם קוזמיר, האָט איינגעשטעלט אַ קאָאָפּעראַטיוון רעסטאָראַן אין דער גע־וועלבטער קראָם, וואָס האָט באַלאַנגט צום שטעטלדיקן גביר שיע פריד־מאַן. דער רעסטאָראַן האָט באַקומען דעם נאָמען „עסטערקאַ" און אַלס פּערמאַנענטע ספּעציאַליטעט אויפן שפּייז־צעטל זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן צוויי מאכלים „ריבאַ פּאָ זשידאָווסקו" (געפילטע פיש) און „טשאָלענט".

חוץ די טוריסטישע וועגווייזער האָט די אסתרקע־לעגענדע אויך גע־וועבט דער קוזמירער שניידער לייביש געצעלעס — אַ נידעריק, דראָבנע יידעלע מיט אַ לאַנגער באָרד, אַ מין לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דעם אַנעקדאָטישן יידעלע פון די אַזוי־גערופענע „ארץ־ישראל־ניסלעך". ביזן לעצטן יאָר פאַר זיין טויט האָט לייביש געצעלעס יעדן פּורים אויפגעפירט די „קוזמירער אסתר המלכה", וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט און אויך געשפּילט די ראָל פון קיניג קאַזשימיעזש.

פון מיינע גאַר פריע קינדער־יאָרן איז מיר פאַרבליבן לעבעדיק אין

זכרון די סצענע פון דעם דאָזיקן פורים־שפּיל, ווען דער קליינטשיקער לייביש געצעלעס איז פּלוצים דערשינען ווי אַ ריז אויף הויכע אונטער־געבויטע שטיוול, און אסתּרקע, וועלכע איז געשפּילט געוואָרן דורך אַ בחור, האָט דעם קעניג באַוויזן דאָס גאָלדענע פּרוכת, וואָס זי האָט געהאַט אויסגעהאַפטן פאַר דער קוזמירער שול.

די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין וועוויטשע בראַמבערגס סאַלאָן, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. און בעת דער פאָרשטעלונג איז דאָס פּרוכת אַרויסגענומען געוואָרן פון דעם גרויסן הילצערנעם קו־פערט, ווו עס איז געווען באַהאַלטן אַ גאַנץ יאָר, און בלויז אין די יום־טובים האָט עס באַצירט דעם אָרון־קודש פון דער שול.

די פורים־שפּיל פון לייביש געצעלעס איז געהאַט פאַרשריבן גע־וואָרן דורך דעם ערשטן שטעטלדיקן סטודענט חיים זיסקינד, וועלכער האָט צוליב אַ דורכגעפאַלענער ליבע איבערגעריסן די שטודיען אין וואַר־שע און זיך אָפּגעשלאָסן מיט זיינע ביכער אין אַ צימער, הינטער דער גרויסער שפּייז־קראָם פון זיינע עלטערן. אין שטעטל האָט מען דער־ציילט, אַז חיים זיסקינד שרייבט די געשיכטע פון אסתּרקע און איר קע־ניגלעכן געליבטן און אַז ער האָט וועגן דעם אָנגעזאַמלט אוצרות מיט דאָקומענטן און ביכער.

שוין נאָכן טויט פון לייביש געצעלעס, וועלכער איז געשטאָרבן אין עלטער פון איבער הונדערט יאָר, האָב איך ביי חיים זיסקינד געלייענט די געגראַמטע דיאַלאָגן פון דעם מערקווירדיקן פורים־שפּיל. איך בין דאַן געהאַט געקומען צו אים מיט מיינע ערשטע פּאָעטישע פּראָבעס, וואָס זענען פאַר אים געווען אַן איבעררעשונג. דער שטענדיק־פאַרכמורטער ביכער־וואָרעם איז פּלוצים געוואָרן אויפגעהייטערט און ער האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט זיין סוד וועגן דער אסתּרקע־געשיכטע, וואָס ער קלייבט זיך צו שרייבן. ער האָט מיר געוויזן גרויסע פאָליאַלן מיט היסטאָרישע כראָניקעס, אַלטע צייטשריפטן און קאַלענדאַרן, ווי אויך לאַטייניש־ע טעקסטן, וואָס ער האָט קאָפּירט אין די אַרכיוון. ווי אַ יקר־המציאות האָט ער מיר געוויזן אַ דין העפטל אין יידיש .דאָס איז געווען שמ״רס אַ דער־ציילונג וועגן אסתּרקען — „די יידישע קיניגין״.

ביים שרייבן די דאָזיקע כראָניק האָב איך שמ״רס דערציילונג ווידער אַמאָל איבערגעלייענט פון אַ מיקראָפילם אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק, די צעדריוולטע זייטלעך פון דעם העפטל, וואָס זענען אייב־געפרוירן געוואָרן אויף דער פילם־טאַשמע, האָבן אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַרכעאָלאָגישע איבערבלייבענישן נאָך אַ פאַרשווונדע־נער תקופה, הגם אויפן שער פיגורירט די דאַטע פון יאָר 1884, ווען דאָס ביכל איז דערשינען אין וואַרשע.

שמ״ר באַצייכנט דעם חיבור, ווי „איין וואהרער ראָמאַן, געגרינדעט אויף היסטאָרישע פאַקטען״ און אין דער הקדמה שטרייכט ער אונטער, אַז אַזאַ פאַל קען זיך טרעפן איין מאָל אין טויזנט יאָר, אַז אַ גרויסער קיניג זאָל הייראַטן „מיט אַ געמיינעם (!) מעדכען פון אַ פאַרהאַסט, פאַראַכטעט פאָלק״. אָנהאַלטנדיק דעם דאָזיקן נוסח פון אַ „וואַהרען ראָמאַן״, הייבט די דערציילונג זיך אָן מיט אַ גענויער דאַטע:

„דאָס וואַר אין 1343, אין חודש ניסן, ערב פסח...״ אין איינקלאַנג מיט דער פאַרשפרייטער פאָלקס־לעגענדע רעדט שמ״ר וועגן אסתרקעס פאָטער, רפאל, ווי וועגן אַן אָרעמען שניידער, אַ מטופל מיט זעקס קינ־דער און די צוואַנציק־יאָריקע אסתרקע, די עלטסטע פון די קינדער, ווערט געשילדערט אויפן פאָלגנדיקן אופן: „שלאַנק און זאַנפט, מיט צוויי וואַנגען, ווי צוויי בליענדע רויזן״.

שמ״ר שילדערט דעם ערשטן באַזוך פון אסתרקעס עלטערן ביי זייער טאָכטער אין פאַלאַץ און פאַראַפראַזירט דעם ביבלישן עפּיזאָד פון דער באַגעגעניש צווישן יוסף און זיינע ברידער אין קיניגלעכן פאַלאַץ אין מצרים: „יאָ, דאָס בין איך אייער טאָכטער, אסתר... איך וויל זאָגן ווי אַמאָל יוסף: גאָט האָט מיך געשיקט אַהער גוט צו טאָן מיין פאָלק״.

די „היסטאָרישע פאַקטן״ וועגן דער „יידישער קיניגין״ האָט שמ״ר, אפנים, געשעפּט פון דער „געשיכטע פון יידישן פאָלק״ פון פּראָפ. היינריך גרעץ, וואָס איז אין יאָר 1875 דערשינען אין דייטש און איז גלייך איבער־געזעצט געוואָרן אין פאַרשידענע אייראָפּעישע שפּראַכן, איינגעשלאָסן רוסיש. אין דעם דאָזיקן עלפבענדיקן ווערק פון דעם ערשטן מאָדערנעם גרויסן יידישן היסטאָריקער איז געבראַכט געוואָרן די פּאָפּולערע ווער־

סיע וועגן אסתרקע פון אָפּאָטשנע, דאָס יידישע ווייב פון קיניג קאַזשי־מיעזש דעם גרויסן, וועלכער האָט פאַר איר אויפגעבויט אַ פּאַלאַץ אין באָכאָטניצע, אין שכנות פון זיין זומער־רעזידענץ אין קוזמיר. לויט דער דאָזיקער ווערסיע האָט אסתרקע דעם יידן־פריינדלעכן קעניג געבוירן צוויי זין, ניעמיעזש און פעלקאָ, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אַלס קריסטן, און צוויי טעכטער, ווען די מוטער האָט געגעבן אַ יידישע דערציונג. גרעץ באַמערקט אָבער, אַז עס זענען נישטאָ קיין פעסטע דאָקומענטאַלע באַווייזן, וואָס זאָלן באַשטעטיקן דעם אסתרקע־עפּיזאָד.

דער צווייטער גרויסער יידישער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו, האָט אין זיין „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" איבערגעחזרט די זעלבע ווערסיע, איינגעשלאָסן די פּרטים וועגן אסתרקעס כלומרשט־ביטערן גורל נאָכן טויט פון קיניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, ווען אונטער דער קורץ־דויערנדיקער הערשאַפט פון קיניג לודוויק פון אונגאַרן, האָבן יידן אין פּוילן דורכגעמאַכט אַ פּעריאָד פון נייע גזירות.

די אַסתרקע־לעגענדע האָט אויך פאַרכאַפּט די פאַנטאַזיע פון צוויי מאָדערנע יידישע פּאָעטן — ש. י. אימבער און אהרן צייטלין. אימבערס פּאָעמע „אסתרקע" (דערשינען אין יאָר 1918, אין ברין, עסטרייך), איז אַ שפּילעוודיקע באַלאַדע מיט בולטע איינפלוסן פון יוליוש סלאָוואַצקי. ביי אימבערן איז אסתרקעס פאָטער אַ שמיד, נישט קיין שניידער. אימ־בערס פּאָעמע איז פול מיט טראַגישע אַקצענטן און איז בכלל אַן אָפּווייכונג פון דעם זיסלעכן שאַבלאָן וועגן אידילישן פאַרלויף פון דער קיניגלעכער ליבע. אסתרקעס מוטער דערטרינקט זיך אין ווייסל, צוליב דער פאַר־שווונדענער טאָכטער, און קיניג קאַזשימיעזש ווערט דערהרגעט בעת אַ יאַגד אויפן זעלבן אָרט, וווּ ער האָט געהאַט צום ערשטן מאָל באַגעגנט אסתרקען, און אַ פאַרכישופטער פון איר שיינקייט זי דאַן געהאַט מיטגע־נומען מיט זיך אין פּאַלאַץ אַריין.

אהרן צייטלינס „אסתרקע און קאַזשימיעזש דער גרויסער", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1932 אין וואַרשע, איז דאָס איינציקע סצעניש ווערק אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אויף דער דאָזיקער טעמע. אין דער פּוילישער שפּראַך האָט דער אסתרקע־מאָטיוו אַ סצענישן לבוש אין

דער דראַמאַטישער פּאָעמע „זשידזשי״ (יידן) פון קאַזשימיעזש גלינסקי, דערשינען אין 1901. דער לייטמאָטיוו אין גלינסקיס ווערק איז די טאָ־לעראַנץ מצד דעם קיניג קאַזשימיעזש לגבי די יידן און זיין באַקעמפן די בלבולים, וואָס זענען דאַן געוואָרפן געוואָרן אויף יידן, אַז זיי זענען שולדיק אין די מגפות. דער מחבר לייגט אַריין אין אסתרקעס מויל די פּאָעטישע ווערטער:

עס האָט דער קעניג מיר זיין האַרץ געגעבן,
און מיטן האַרץ — טויזנט גנאָדן פאַר ישראל.

דער היסטאָרישער פאַקט וועגן וואַרפן אויף יידן די שולד פאַר מגיפות, צוליב פאַרסמטע ברונעמער, קומט אויך צום אויסדרוק אין דער דראַמע פון אהרן צייטלין, וואָס איז אין ווינטער 1939 אויפגעפירט געוואָרן אין „יידישן קונסט־טעאַטער״ אין ניו־יאָרק דורך מאָריס שוואַרץ. דאָס דאָזיקע שטיק אין פיר אַקטן, געשריבן אין מעטרישער פּראָזע, ווערט דורך דעם מחבר באַצייכנט, ווי אַ „יידיש־פוילישע מיסטעריע״. דער אסתרקע־מאָ־טיוו ווערט אַרויסגעבראַכט אויף אַ ברייטער, געשיכטלעכער קאַנווע, זינט דעם באַגינען פון יידישן ישוב, ווען עס האָט זיך פאַרוועבט די לעגענדע, אַז דער נאָמען „פוילין״ האָט זיך גענומען פון דעם סימבאָלישן זאָג פון די יידישע וואַנדערער „פּה־לין״ — דאָ וועלן מיר איבערנעכטיקן. אָט דער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין צייטלינס מיסטעריע.

נעבן די געשטאַלטן פון קיניג קאַזשימיעזש און אסתרקע — פוילישע נאָטאַבלען, אַ רב און הויף־יידן פון מלך חסד — ווערט אַרויסגעפירט די סימבאָלישע געשטאַלט פון אַהאַסווער („וועלט־פאַנטאָם״) און די שאָטנס פון אַדאָם מיצקעוויטש און י. ל. פרץ. אין צייטלינס קאָנצעפּציע איז אסתר־קעס פאָטער געווען אַ קרעטשמער.

עס איז מערקווירדיק, אַז די לעגענדע וועגן פּה־לין האָט אהרן צייט־לין סצעניש אויפגעלעבט ביים אויפשטייג פון נאַצישן געשפּענסט, וואָס האָט קוים עטלעכע יאָר שפּעטער גורם געווען דעם חורבן און דעם סוף פון יידישן „איבערנעכטיקן״ אויף דער פוילישער ערד.

דער פּאָעט יעקב גלאַטשטיין האָט אויסגעשיילט די אסתרקע־לעגענדע

פון איר ראָמאַנטישן רעקוויזיט און אין אַ געמיש פון סורעאַליסטישע אי־מאַזשן און פאָלקלאָריסטישע מאָטיוון אַנטפּלעקט די בין־השמשותדיקעווירקלעכקייט פון שטעטל. ער האָט זיך צוגעהערט צו די גוזמאות פון דעם יידישן וועגוויזער, וועלכער האָט אים געפירט צום קעניגלעכן שלאָס, אָבער אין גלאַטשטיינס פּאָעטישער וויזיע האָט זיך אויסגעפורעמט אַזאַ פּאָרטרעט פון דעם מלך חסד:

„קעניג קאַזשמיעזש האָט געטראָגן אַ פּאַפּירענע פורים־קרוין און האָט געהאַט אַ זיידענע באָרד. ער איז געווען אַ ביסל טיפּעשעוואַטע און האָט געכאַפּט דעם אַנבליק פון קעניג אחשורוש. אָבער ער איז געווען אַ פּייערדיקער פאַרליבטער, וואָס האָט געטראָגן דאָס יידישע מיידל אַרויף, אַרויף, העכער און העכער, ווו מען האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט די לופט־שלעסער... און אין די לאַנגע טעג, ווען דער קעניג האָט געקיניגט ערגעץ ווייט, האָט אסתרקע אַרונטערגעקוקט מיט בענקשאַפט צום פּלומפּ, צו די פאַרשוואַרצטע הייזער און צו אירע ברידער. ביינאַכט האָט זי צעפלאָכטן אירע צעפּ און געזונגען: „גיי איך מיר אַרויס אויף דעם גאַניקל דאָס שטעטעלע באַקוקן". אין אַזעלכע טרויעריקע וואַרטענישן אויף דעם קרול, מיט דער זיידענער באָרד, האָט זי צוגעבונדן אַ בריוועלע צום סאַמע עק פון דער גילדענער פּאַווע, דאָס בריוועלע איז געווען געשריבן צום יידישן פאָלק, נאָך וועלכן דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען פונ־ווייטנס. אָבער דעם קרולס כישוף־מאַכער האָט געמאַכט אַ שטורעם־ווינט און פאַרבליצט און פאַרדונערט די גאַנצע געגנט, די גילדענע פּאַווע האָט אין דעם בייזן געוויטער נישט געקאָנט טרעפן צום יידישן פאָלק און דאָס בריוועלע איז איר אַרויסגעפלויגן פון עק און פאַרפאַלן געוואָרן."

די דאָזיקע ליריש־גראָטעסקע פאַרצייכענונגען האָט גלאַטשטיין געמאַכט אין זיין בוך „ווען יאָש איז געקומען". עס איז געווען דעם פּאָעטס „האַרצרייזע" — דער ערשטער צוריקקער פון ניו־יאָרק אין זיין היימשטאָט לובלין און אין די אַרומיקע יידישע שטעטלעך. עס איז געווען ערב דעם היטלער־מבול און אין קוזמיר האָט דער וואָרט־ווירטואָז פון לובלין דערפילט דעם שאָטן פון טויט, וואָס האָט זיך שוין געגומען אָנרוקן אויף די יידן אין פוילן:

„— ווייל וואָס איז אייגנטלעך געשען אין קוזמיר ? — הערט וועט איר פאַרשטיין. דער ייד האָט זיך געהאָט זיין פאַרפינצטערט שטיק אייגנס און דער גוי האָט זיך געהאַט זיין לעבן. מיר זענען אַלעמאָל דערגאַנגען ביז צו דער ראָגאַטקע. נאָך דער ראָגאַטקע ליגט דער טויט. אַ גרויסער בעת-עולם מיט זיידע-באָבעס, דאָס הייסט, כאַפּ זיך אַ שפּאַציר ביז צו דער ראָגאַטקע און קום צוריק, ווייל דו זעסט דאָך שוין מיט וואָס דאָס שמעקט ? מיט קברות-בלעטלעך".

*

אויף דער קוזמירער מיניאַטור-אַרענע האָט צווישן די צוויי וועלט מלחמות זיך אָפּגעשפּילט די פולע גאַמע פון יידישע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן אין פוילן — טראָץ דעם עקאָנאָמישן באַרג-אַראָפּ פון שטעטל. אַ באַראָמעטער פון דער וואַקסנדיקער נויט און דער ירידה פון די אַמאָליקע שטעטלדיקע גבירים איז געווען די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, ווו דער פאַר-וואַלטער, שאול פרידמאַן, אַליין אַ זון פון אַן אָפּגעקומענעם שטעטלדיקן גביר, האָט נישט אויפגעהערט צו אַלאַרמירן די צענטראַלע אין וואַרשע וועגן פאַרגרעסערן די הלוואות, וואָס ער האָט די שטעטלדיקע יידן גאַנץ אָפט געגעבן אויף אייגענער אחריות — קעגן די איינגעשטעלטע ביוראָ-קראַטישע תקנות.

די באַנק איז פאַר שאול פרידמאַן געווען אַ גוטער אָבסערוואַציע-פּונקט פאַר די טאָג-טעגלעכע געראַנגלענישן פון די שטעטלדיקע יידן, וואָס ער האָט פאַראייביקט אין דעם ראָמאַן „די מענטשן פון גאָדלבאָ-זשיץ". צום שרייבן דאָס דאָזיקע ווערק איז דער קוזמירער תושב דער-מוטיקט געוואָרן דורך דעם פּאָעט און גלענצנדיקן איבערזעצער שלמה שיינבערג פון שכנותדיקן פולאַווו, וועלכער האָט די דאָזיקע מיטע-לע פּראָווינץ-שטאָט ביי דער ווייסל, קוים צען מייל פון קוזמיר, פאַר-וואַנדלט אין אַ וויכטיקן יידישן ליטעראַרישן צענטער. שלמה שיינבערג האָט אין פולאַווו אַנטוויקלט אַ דינאַמישע פאַרלאַגס-טעטיקייט און אַרויס-געפירט אַ ריי נייע, באַגאַבטע שרייבער. שיינבערגס אַנטאַגאָניסטן האָבן

זיין פאַרמעסט מיט וואַרשע פּרובירט מינימיזירן מיט דער איראָנישער באַצייכענונג „די פּולאַווער אַקאַדעמיע".

אין יאָר 1936 איז אין שיינבערגס „יידישע אוניווערסאַל־ביבליאָטעק" דערשינען דער גרויסער ראָמאַן פון דעם 33־יאָריקן שאול פרידמאַן, וועלכער האָט זיין ליטעראַרישן דעביוט געמאַכט אונטערן פּסעוודאָנים לייב ראַשקין. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז שאול פרידמאַן דערמאָר־דעט געוואָרן דורך די נאַציס.

זיין ראָמאַן „די מענטשן פון גאָדלבאָזשיץ" איז בלי ספק דאָס אָרי־גינעלסטע פּראָזע־ווערק אין יידיש, וואָס איז דערשינען אין פּוילן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דעם ווערק גייט אַדורך אַ רייכע גאַלעריע פון אויטענטישע קומירער יידישע טיפּן אונטער פאַר־שטעלטע נעמען, מיט אַלע זייערע ליכט־ און שאָטן־זייטן און משפּחה־קאָנפליקטן, וואָס האָבן אָפּט אָפּגעהילכט אין די געסלעך פון שטעטל.

XII

„צווײ לבנות" — צווײ װעלטן

אין די לעצטע יאָרן פאַרן חורבן איז דער קוזמירער מאַרק־פּלאַץ אַלץ מער און מער געװאָרן אַ טרעף־פּונקט פאַר יידישע שרייבער און די טיף־אַסימילירטע יידיש־פּוילישע שרייבער, װעמענס ראָל אין דער פּוילישער ליטעראַטור איז כסדר געװאַקסן. אין װאַרשע, קראָקע אָדער לאָדזש זענען זײ געװען אָפּגעפרעמדט צװישן זיך און האָבן געלעבט אין באַזונדערע װעלטן, אָבער אין קוזמיר האָט מען אויף דער װעראַנדע פון בערענס׳ רעסטאָראַן, אָדער אונטער די סטיליזירטע הילצערנע דעכלעך פון די ברונעמס אויפן מאַרק, געקענט טרעפן משה בראָדערזאָן און יוליאַן טווּים זיך דערציילן אַנעקדאָטן, אָדער ז. סעגאַלאָװיטשן אין אַ װיכוח מיט אַנטאָני סלאָנימסקי װעגן יידישער אַסימילאַציע.

אין קוזמיר האָבן זייער מוזע אויך געזוכט די אַװאַנגאַרד־פּאָעטן אַנאַ־טאָל שטערן און אַדאַם װאַזשיק. װי אַ קוזמירער תושב איז באַטראַכט געװאָרן דער הויך־טאַלאַנטירטער פּראָזאַיקער אַדאָלף רודניצקי, אַן אָפּ־שטאַמלינג פון אַן אַלטער חסידישער משפחה אין גאַליציע, װעלכער האָט אין זיינע ערשטע דערציילונגען און ראָמאַנען אויסגעמיטן װעלכע עס איז אידענטיפיקאַציע מיט יידן. אין קוזמיר פלעגט ער אָבער אָפט קומען צום דאַװענען אין די חסידים־שטיבלעך.

אין קוזמיר האָט איר שטענדיקע זומער־היים געהאַט די שרייבערין מאַריאַ קונצעװיטש, אין װעמענס דערציילונגען און ראָמאַנען עס זענען פאַראַן פיל יידישע העלדן, װאָס זי האָט געשילדערט מיט גרויס װאַרעמקייט. אין די פריע דרייסיקער יאָרן האָט מאַריאַ קונצעװיטש פאַרעפנטלעכט

אַ באַנד סקיצן וועגן קוזמיר „צווײ לבנות", וואָס איז דערשינען אין צאַל־רייכע אויפלאַגעס און איז אויך באַנײט געוואָרן אין קאָמוניסטישן פּוילן אין יאָר 1960, ווען אין שטעטל זענען שוין מער נישט געווען קײן ייִדן.

אין קרעפּטיקער, לירישער פּראָזע מיט גראָטעסקע אונטערטענער שילדערט מאַריאַ קונצעוויטש ייִדישע און פּוילישע טיפּן אין שטעטל און אויך די זומער־געסט, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ באַזונדערע וועלט. מיט אמתער ליבשאַפט רעדט מאַריאַ קונצעוויטש וועגן די קוזמירער ייִדן, אָבער מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט פון אַ גלויביקער קריסטין, שילדערט זי דעם תהום צווישן די צווײ אמונות אין שטעטל. זי שטרייכט אָבער אונטער, אַז אין אַנבליק פון טויט איז אַלעמאָל פאַרגעקומען אַ „פאַרברידערונג" צווישן ייִדן און קריסטן, וועלכע זענען צונויפמען געגאַנגען אויף ייִדישע און קריסטלעכע לוויות.

דער תהום צווישן די צווײ אמונות ברענגט זי אַרויס אין אַ שילדערונג פון אַ יום־כּיפּורדיקן דאַווענען אין דער קוזמירער שול און דער גאָטעסדינסט אין דער שכנותדיקער קירכע, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם שאַרפן קאָנטראַסט צווישן דעם יאָמערן פון די ייִדן און שעפּטשענדיקן מתפּלל־זײַן פון די קריסטן. די ייִדישע תּפֿילות כאַראַקטעריזירט זי ווי אַ כּסדרדיק שרײַען צו גאָט: „שיק אונדז אַראָפּ דעם אויסלייזער! זאָל ער אונדז ווײַזן דעם וועג, ווי אַזוי דורכצושווימען דעם טויט, ווי אַזוי צו גיין ווייטער מיטן גוף אָדער מיט דער נשמה". דאַקעגן אין דער קירכע הערט מען נישט, אַז די מתפּללים זאָלן פאָדערן, אַז גאָט זאָל זיי שיקן דעם „אויסלייזער", ווײַל „דאָ איז עס שוין געשען".

אין דער אײַנלייטונג צו דער נאָכמלחמהדיקער אויסגאַבע פון די „צווײ לבנות", רעדט מאַריאַ קונצעוויטש מיט גרויס נאָסטאַלגיע וועגן די פאַרשוווּנדענע ייִדן פון קוזמיר:

„איך קער זיך אום צום טאָל ביי דער ווייסל... צו די חורבות, וווּ עס שרעקט דער פאַרליבטער קיניג און דער גייסט פון אסתרקע זוכט די ביינער פון חיים דעם איבערשיפער, משה דעם טרעגער און שלום דעם צושטעלער פון מנורות... איך קער זיך אום צום מאַרק, וווּ אויף דער ווערענדע פון רעסטאָראַן, וואָס איז באַלויכטן דורך דער לבנה, פירן די

Chaim Goldberg

קינסטלער ווייטער זייער אומענדלעכן דיאַלאָג וועגן איבערבויען די וועלט אין אַ מענטשלעכער פאָרם און אינהאַלט".

די אָפּגעפרעמדקייט צווישן יידן און פּאָלאַקן, וואָס האָט געהערשט אין דער שרייבער־וועלט, איז געווען פיל שוואַכער אין דער קינסטלער־קאָלאָניע אין קוזמיר. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען דעם איינפלוס פון דעם רעקטאָר פון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע, פּראָפ. טאַדעאוש פּרושקאָווסקי, אַן אויסגעפּרוּווטער ליבעראַל, וועלכער איז אין 1942 דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציס פאַר זיין אַקטיווקייט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

פּרושקאָווסקי האָט אין קוזמיר זיך אויפגעבויט אַ ווילע פון ווייסן שטיין, וואָס מען האָט גערופן „דאָס ווייסע הויז", און אויך אַ פלי־פעלד פאַר זיין פּריוואַטן עראָפּלאַן — דער איינציקער עראָפּלאַן, וואָס מען האָט ביז צום אויסברוך פון קריג געזען פליען אונטער די קוזמירער הימלען. אַ קינסטלער מיט ברייטע האָריזאָנטן, האָט פּרושקאָווסקי געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע תלמידים אויף דעם יידישן שטייגער־לעבן אין קוזמיר און דער אייגנאַרטיקער „יידישער אַרכיטעקטור" פון די אַלטע הייזקעס, וואָס ער פלעגט אַליין מאָלן מיט גרויס ענטוזיאַזם.

אין פּרושקאָווסקיס היים אין וואַרשע האָב איך געזען זיינע יידישע מאָטיוון פון קוזמיר הענגען אין שכנות פון פּוסענס גרויסן לייוונט פון דעם ציקל ביבלישע סצענעס, וואָס דער גרויסער פראַנצויזישער מאָלער פון פריען 17טן יאָרהונדערט האָט געמאָלן. דאָס בילד האָט פאַרגעשטעלט ווי משה שלאָגט דעם שטיין, כדי פון אים אַרויסצובאַקומען וואַסער (ויך את הסלע במטהו פעמיים — במדבר ב, יא). אין זיין ווילע אין קוזמיר האָט פּרושקאָווסקי געהאַט אַ גרויסע זאַמלונג פון יידישע ריטועלע חפצים, וואָס ער האָט אָפט איינגעשלאָסן אין זיינע „שטיל־לעבן"־קאָמפּאָזיציעס.

עס איז דעריבער איראָניש, אַז גראָד די יידן צווישן פּרושקאָווסקיס תלמידים זענען געווען די איניציאַטאָרן פון דער נעאָקאַטוילישער קינסטלער־גרופּע „די ברודערשאַפט פון הייליקן לוקאַטש", וואָס האָט געשטרעבט צו „רעוואָלוציאָניזירן" די שאַבלאָנע קירכלעכע קונסט. דער פירער פון דער גרופּע איז געווען דער מיטלוווקסיקער, מאַגערער יאַן

גאָטאַרד, מיט אַ בלאַס פּנים פון אַ ישיבה־בחור, וועלכער האָט געטראָגן אַ טיפּיש „גויש" היטל מיט אַ שוואַרצן, גלאַנציקן דאַשעק. ער פלעגט מאָלן די קוזמירער קירכעס און די בעטלער מיט גרויסע צלמים און פּאַ־טשערקעס, אָנגעהאָנגען אויף דער ברוסט.

דער גורל האָט אָבער געוואָלט, אַז גאָטאַרד זאָל אומקומען מיטן טויט פון אַ יידישן מאַרטירער. צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע משו־מדים איז ער אין יאָר 1941 פאַרשיקט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. פּראָפ. פּרושקאָווסקי האָט אים אַרויסגעראַטעוועט און אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט. עמיץ האָט אים אָבער געמסרט און ווען די געסטאַפּאָ איז אים געקומען זוכן, האָבן זיי אים פאַרביטן מיט אַן אמתן קריסט, וועלכער איז געוואָרן אַרעסטירט.

ווען גאָטאַרד האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, איז ער אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און אַוועק אין דער געסטאַפּאָ, אויפגעקלערט דעם טעות און באַפרייט דעם קריסט. גאָטאַרד איז פאַרשיקט געוואָרן קיין טרעב־לינקע, ווּ ער איז אומגעקומען.

צו די באַליבטסטע תלמידים פון פּראָפ. פּרושקאָווסקי האָבן באַלאַנגט די צוויי באַגאַבטע יידישע קינסטלער, די צווילינג־ברידער אפרים און מנשה זיידענבייטל, וועלכע זענען געווען אַזוי ענלעך צו זיך, אַז עס איז געווען אוממעגלעך צו דערקענען, וועלכער פון זיי איז אפרים און וועל־כער מנשה. זיי זענען געווען פון דער זעלבער הייך, מיט שאַרפע אָדלער־נעז, שוואַרצע האָר און האָבן אויך אַלעמאָל געטראָגן די זעלבע מלבושים. זייער עלטערער ברודער, דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער יוסף זיידענ־בייטל, איז געווען דער שעפער פון דער מאָדערנער יידישער גראַפיק אין פוילן.

מנשה און אפרים זיידענבייטל זענען געווען די הויפּט־אַטראַקציע אויפן יערלעכן קינסטלער־באַל, וואָס איז פאָרגעקומען אין די חורבות פון קיניגלעכן פּאַלאַץ. דער עולם פלעגט אויסברעכן אין אַ שטורמיש געלעכ־טער, ווען איינער פון די ברידער זיידענבייטל איז צוגעדעקט געוואָרן מיט אַ קאַסטן אין איין עק פון דער חורבה און אין אויגנבליק איז „ער" אַפּערגעקומען פון אונטערן קאַסטן, וואָס האָט זיך געפונען אין צווייטן

עק. בלויז די מאָלער האָבן געוווסט דעם סוד, אַז אין קאַסטן ביים אַנדערן עק פון הויף איז פריער פאַרשטעקט געוואָרן דער צוויטער זיידענבייטל.

גאָר היימיש מיט די יידן אין שטעטל זענען געווען די יידישע קינסטלער פון עלטערן דור, וועלכע זענען יאָר־איין, יאָר־אויס געקומען קיין קוזמיר. צו זיי האָבן באַלאַנגט: הענריק בערלעווי, וו. וויינטרויב, אברהם אָסטזשעגאָ, משה אַפּלבוים, י. טיקאָטשינסקי, יצחק ברוינער, נתן שפּיגעל, י. ראַבינאָוויטש, פעליקס פרידמאַן, נתן קאָזשען, חיים האַנפט, יוסף שליווניאַק און יעקב ראָטבוים, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ באַזונדערס נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער שטעטלדיקער יוגנט.

יעקב ראָטבוים, אַ באַגאַבטער פּאָרטרעטיסט, האָט שוין דאַן געהאַט אָנגעהויבן זיין צווייטע קינסטלערישע קאַריערע, ווי אַ רעזשיסער פון יידישן אַוואַנגאַרד־טעאַטער. ער פלעגט אין קוזמיר אויפטרעטן מיט רע־ציטאַציעס פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. די דאָזיקע אָוונטן האָבן אַלעמאָל צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, אַפילו פון צווישן די אַסימי־לירטע יידישע זומער־געסט, די אַזוי גערופענע „שמענדריקעס", ווי ז. סעגאַלאָוויטש האָט זיי סאַרקאַסטיש באַצייכנט אין זיינע פעליעטאָנען וועגן קוזמיר.

אין זומער פון יאָר 1929 בין איך צוזאַמען מיט יעקב ראָטבוים אויפגעטראָטן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, געווידמעט דעם אָנטייל פון יידן אין דער מאָדערנער פּוילישער פּאָעזיע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער ווערענדע פון שענדעראָוויטשעס פּענסיאָנאַט. דער אָוונט האָט גע־מוזט ווערן איבערגעחזרט, ווייל בלויז אַ העלפט פון עולם האָט געקענט אַריין אין זאַל. נאָך מיין איינלייטונג, האָט יעקב ראָטבוים רעציטירט לידער פון יוליאַן טווים, יוזעף וויטלין, ברונאָ יאַשענסקי, אַנאַטאָל שטערן און אַדאַם וואַזשיק — אין מיין יידישער איבערזעצונג און נאָך יעדן ליד פאַרגעלייענט דעם פּוילישן אָריגינאַל. דאָס איז געווען אפשר דער איינציקער פאַל פון אַ צווייִשפּראַכיקן פּאָעטישן אָוונט, אין יידיש און פּויליש, וואָס איז, אגב, בייגעוווינט געוואָרן דורך צוויי פון די פּאָעטן — אַנאַטאָל שטערן און אַדאַם וואַזשיק.

דורך די יאָרן, וואָס יעקב ראָטבוים האָט פאַרבראַכט די זומער־

חדשים אין קוזמיר, האָט ער אין קויל־ און סאַנגווין־צייכענונגען פאַר־אייביקייט אַ גרויסע צאָל שטעטלדיקע טיפּן.

קוזמיר האָט אויך אַרויסגעגעבן צוויי אייגענע קינסטלער. דאָס זענען שמואל וואָדניצקי און דער פיל יינגערער חיים גאָלדבערג. שמואל וואָד־ניצקי, אַ געוועזענער ישיבה־בחור פון אַ באַלעבאַטישער היים, וועלכער האָט געהאַט אַ קרעמל אויפן קוזמירער מארק־פּלאַץ, האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די קינסטלער־געסט מיט זיינע צייכענונגען פון שטעטלדיקע מאָטיוון, וואָס האָבן געאָטעמט מיט אוממיטלבאַרקייט און געהאַט אַ פאָלקסטימלעכן חן, הגם זיי זענען געווען אָפט אומבאַהאָלפן אין דער פאָרם. וואָדניצקי, וועלכער האָט ערב דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך באַזעצט אין ארץ ישראל, האָט נישט אויפ־געהערט פון זכרון צו צייכענען סצענעס פון זיין היים־שטעטל.

אויך פאַר חיים גאָלדבערג איז קוזמיר פאַרבליבן דער קערן פון זיינע קינסטלערישע רעגונגען, הגם ער האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו דער שטעטלדיקער טעמאַטיק און דערביי זיך באַנוצט מיט די פאַרשידנ־סטע קינסטלערישע מיטלען — מאָלעריי, סקולפּטור און מעטאַלאָפּלאַס־טיק.

חיים גאָלדבערג איז געקומען פון דער טיפסטער נויט אין שטעטל. אין די זומער־חדשים פלעגט ער נאָכגיין אין די פוסטריט פון די קינסט־לער־געסט. ער האָט זיי געהאָלפן טראָגן די סטאַלוגעס, די פאַרב־קעסט־לעך און שווייגנדיק אַ פאַרגאַפטער אָבסערווירט, ווי יעדער מאָלער איינ־טערפּרעטירט אַנדערש דעם זעלבן פראַגמענט פון דער שטעטלדיקער לאַנדשאַפט. די מאָלער האָבן דעם פאַרחלומטן יינגל נישט נאָר געגעבן פאַרב, פענדזלס און פּאַפּיר, נאָר אַפילו ביי אים געקויפט זיינע צייכענונ־גען און אַקוואַרעלן און אַזוי אַרום אים געשטיצט אויף אַ דיסקרעטן אופן. זיי האָבן אויך גאָלדבערגן געהאָלפן אַנקומען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אין קראָקע און שפּעטער אין וואַרשע.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז חיים גאָלדבערג געוואָרן מאָביליזירט אין דער פּוילישער אַרמיי. ער האָט געקעמפט בעת דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע און נאָך דער קאַפּיטולאַציע איז ער פאַר־

וואָגלט געוואָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. אין די וויסטעניש פון סיביר איז ער דורכגענומען געוואָרן מיט אַ דראַנג צו פאַראייביקן די געסלעך און די יידן פון זיין היימשטעטל. ער האָט דאָס געטאָן אין צייכענונגען, אייל־בילדער, האָלץ־סקולפּטורן און מעטאַלאָפּלאַסטיק, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך די געוואַגטע וויזיאָנערישקייט און ברויזנדיקער טעמפּע־ראַמענט פון דעם קינסטלער.

די דאָזיקע אַרבעט האָט חיים גאָלדבערג פאָרגעזעצט אין פּוילן, וווהין ער איז צוריק געקומען נאָך דער באַפרייונג. מיט באַזונדערן אימפּעט האָט ער די שטעטלדיקע מאָטיוון געמאָלן פון זכרון אין מדינת ישראל, נאָך דעם ווי ער האָט צום לעצטן מאָל געהאַט באַזוכט קוזמיר און געזען, אַז עס איז דאָרט נישט פאַרבליבן מער קיין שפּור פון יידישן לעבן.

XIII

חורבן קוזמיר

אין די טראַגישע טעג פון סעפּטעמבער 1939 האָט קוזמיר פּלוצים אויפגעטויכט אויף דער טראַגישער מאַפּע פון דעם זיך צעפאַלנדיקן פּוילישן שטאַט. אַ קאַראַוואַן פון אויטאָמאָבילן מיט מיטגלידער פון דער רעגירונג האָט אויף אַ ביינאַכטיקן אָפּרו זיך אָפּגעשטעלט אין שטעטל, וואָס ליגט אָן אַ זייט פון באַן־שליאַך. דאָס זענען די מיניסטאָרן פון סאַנאַציע־רעזשים אין בהלה אַנטלאָפן פון וואַרשע און איבער לובלין זיך געלאָזט צו דער רומענישער גרענעץ.

עטלעכע טעג שפּעטער, ווען אויף קוזמיר זענען געפאַלן די ערשטע באָמבעס פון נאַצישע עראָפּלאַנען, האָט ביים ווייסל־ברעג אין שטעטל זיך פאַרהאַלטן אַ ריזיקער גאַלאַר, וואָס איז פון קראָקע געשווומען מיט 27 קאַסטנס. אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט האָט זיך געפונען דער אומשאַצבאַרער אוצר פון קעניגלעכן וואַוועל־פּאַלאַץ — די גאָלדענע קרוינען פון די פּוילישע מלכים, מיטלאַלטערלעכע גאָבעלינען און מאָלערייען, און דער סימבאָל פון פּוילישער גרויסמאַכט — די שווערד פון קעניג כראָברי פון דער מעכטיקער פּיאַסט־דינאַסטיע. מיט דער דאָזיקער שווערד האָט דער אור־זיידע פון קיניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, אין יאָר 1018, בעת זיין זיגרייכן פאַרויסמאַרש צום מזרח, אַ קלאַפּ געטאָן אין טויער פון דעראָבערטן קיעוו.

אַלע איינוווינער פון קוזמיר זענען מאָביליזירט געוואָרן צום איבערלאָדן אויף וועגענער די ריזיקע קאַסטנס מיט די פּוילישע נאַציאָנאַלע הייליקייטן, ווייל דער פאַרקער אויף דער ווייסל איז שוין געהאַט פאַרשטאָפּט געוואָרן פון די איינגעפאַלענע בריקן אין פּולאַווו און דעמבלין, וואָס זענען

באָמבאַרדירט געוואָרן פון נאַצישע עראָפּלאַנען. פון קוזמיר האָט דער קאַראַוואַן דורך זייטיקע וועגן זיך דערשלאָגן צו דער רומענישער גרענעץ און פון דאָרט איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן קיין קאַנאַדע, ווו די אוצרות זענען געוואָרן אויפגעהיטן דורך די יאָרן פון קריג.

עס איז געווען אַ זוניקער האַרבסט און די קוזמירער סעדער זענען געווען איינגעטונקען אין צייטיק־געוואָרענע פּירות. די אומגעווייגלעכע געדעטעניש איז געווען ווי אַ חוזק־צושפּיל צום אומגליק, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אויפן שטעטל. אין די ערשטע וואָכן פון קריג האָט זיך גע־דאַכט, אַז די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט פאַרגעסן וועגן קוזמיר. דאָס שטעטל איז אָבער פּלוצים געוואָרן אויפגערודערט, ווען פון שכנותדיקן פּולאַווו האָט זיך דערטראָגן די ידיעה, אַז די נאַציס האָבן אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן איינשטעלן אַ געטאָ פאַר דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז געווען סוף אָקטאָבער 1939 — אפשר איינע פון די ערשטע פאַראָרדענונגען וועגן געטאָס אין אָקופּירטן פּוילן, לכל הפּחות אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, וואָס האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין די נאַ־צישע מאָרד־פּלענער לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן.

דער אורשפּרינגלעכער נאַצישער פּלאַן איז געווען צו פאַרוואַנדלען לובלין אין אַ יידישן רעזערוואַט, ווו עס זאָלן צונויפגעטריבן ווערן די העכער דריי מיליאָן פּוילישע יידן. אין די ראַמען פון אָט דעם געפּלאַנטן רעזערוואַט איז פּולאַוו באַשטימט געוואָרן אַלס „קרייז־הויפּטמאַנשאַפט", אין וועלכן עס זענען איינגעשלאָסן געוואָרן דרייצן אַרומיקע שטעטלעך, קוזמיר בתוכם. די נאַציס האָבן שנעל אויפגעגעבן דעם דאָזיקן פּלאַן, אָבער די ערשטע טויט־פאַבריקן האָבן זיי טאַקע גענומען בויען אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט — מיידאַנעק, בעלזשעץ און סאָביבאָר.

אין דעצעמבער 1939 איז פאָרגעקומען דער גירוש פון די פּולאַווער יידן, וועלכע זענען צונויפגעדרענגט געוואָרן אין די געטאָס פון די שכנות־דיקע שטעטלעך — וואָנוואָלניץ, קאָנסקאָוואָליע, ריקי און אָפּאָלע. אין קוזמיר איז די פאַראָרדענונג וועגן געטאָ געקומען ערשט אין פרילינג פון יאָר 1940. עס זענען איינגעשטעלט געוואָרן צוויי געטאָס מחוץ דעם

מאַרק־פּלאַץ, ווו די יידישע קראָמען און ווינונגען זענען גלייך איבער־גענומען געוואָרן דורך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג.

דער צוזאַמענשטעל פון קוזמירער יודענראַט — ענלעך ווי אין אַ צאָל אַנדערע שטעט און שטעטלעך — שטרייכט דורך די פאַרשפּרייטע טעאָריע, אַז די מיטגלידער פון אַלע יודענראַטן אַן אויסנאַם זענען גע־ווען פאַררעטער און קאָלאַבאָראַנטן. אין קוזמיר זענען אין יודענראַט אַריין די חשובסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע יידן פון עלטערן און ייִנ־גערן דור, די פירער פון אַלע פּאַרטייאישע גרופּירונגען — פון לינקע פּועלי־ציון, ביז מזרחי. דער פאָרזיצער איז געווען חיים פייערשטיין, דער איינציקער פון דער אַסימילירטער פייערשטיין־משפּחה, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין דער קהילה. דער סעקרעטאַר פון יודענראַט איז געווען יונה לוסטיק, אין וועמענס היים עס האָבן נאָכן חורבן זיך אַנטפּלעקט די לעצטע יידישע אותיות אין קוזמיר.

אַ יאָר נאָך דער איינשטעלונג פון געטאָ אין קוזמיר איז צו מיר דערגאַנגען דער לעצטער בריוו פון מיינע עלטערן, דאַטירט פון 20סטן מאַי, 1941. די פאַרגעלטע זייטלעך פון דעם דיקן בייגעלע פּאַפּיר זענען געווען פאַרהאַרטעוועט פון דער שוואַרצער טינט, מיט וועלכער דער נאַצישער צענזאָר האָט פאַרשמירט מער ווי אַ העלפט פון די שורות, וואָס מיין פאָטער האָט געשריבן מיט דראָבנינקע, קלאָרע פּוילישע אותיות.

אין דעם בריוו, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען קיין ניו־יאָרק איבער סאַן־פראַנציסקאָ, זאָגט זיך גלייך ביים אָנהייב: „די איינציקע פרייד אין אונדזער איצטיקן לעבן איז אייער גליק”. נאָך דעם דאָזיקן רמז הייבט זיך אָן דער שוואַרצער פלעק פון צענזאָר, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף אַ האַלב זייטל, ביז די ווערטער: „מיר ווינען שוין מער נישט אין הויז פון די בראָמבערגס...” דאָ איז דער זאַץ ווידער איבערגעריסן דורך אַ שוואַרצן פלעק. דער נאַצישער צענזאָר האָט אַפּנים פאַרשמירט די מיט־טיילונג פון מיין פאָטער וועגן זיין נייער היים אין געטאָ, וואָס ווערט אָבער קלאָר פון דעם צוריק־אַדרעס אויפן קאָנווערט: „אוליצאַ נאַד־זשעטשנאַ”. דאָס איז די גאַס לענגאויס דעם שטעטלדיקן טייכל, ווו עס

האָט זיך געפונען דער צווייטער טייל פון געטאָ. די הילצערנע כאַטקעס זענען דאָרט באַוווינט געווען מייסטנס פון פּאָלאַקן, ווען מען האָט אַוועקגעגעבן די יידישע הייזער אויפן מאַרק־פּלאַץ.

„אונדזער איינציקער ווונטש איז — זאָגט זיך ווייטער אין דעם בריוו —אַז מיר זאָלן זיך נאָכאַמאָל קענען זען. מיר האָפן צו גאָט, אַז די מלחמה זאָל זיך ענדיקן...״ דאָ קומט ווידער אַ שוואַרצער פלעק. ביז צו די אונטערשריפטן פון מיין פאָטער, מוטער, צוויי ברידער, זייערע פרויען און קינדער. דער דאָזיקער בריוו איז געשיקט געוואָרן נישט פון קוזמיר, נאָר פון פולאַוו, אפנים דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ פוילישן פריינד, וועלכער האָט גענומען אויף זיך אָט־די ריזיקאַלישע שליחות. אויף די פּאָסט־מאַרקן מיטן איבערשריפט „גענעראַלגאָווערנע־מענט״ געפינט זיך די אָפּבילדונג פון קיניגלעכן וואַוועל־פּאַלאַץ אין קראָקע, וואָס איז דאַן געווען די רעזידענץ פון נאַצישן גענעראַל-גובער־נאַטאָר, ד״ר האַנס פראַנק. עס איז אויך פאַראַן אַ סטעמפּל מיט אַ האַקנ־קרייץ אין די נעגל פון אָדלער און אַן אונטערשריפט: „געעפנט — אָבער־קאָמאַנדאָ דער וועהרמאַכט״.

פון די עלף מיטגלידער פון מיין משפחה אין קוזמיר, וועלכע האָבן געחתמעט דעם לעצטן בריוו פון געטאָ, איז לעבן געבליבן בלויז איינער — אַ זון פון מיין עלטסטן ברודער, נח. אין 1945, גלייך נאָך דער נאַצי־שער מפּלה, האָב איך דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן אַמעריקאַנער יידישן אָפיציר, באַקומען אַ קורץ בריוול, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווער־טער: „טייערער אָנקל! דעם בריוו שרייבט דיר פּיניע. איך בין דער איינציקער געראַטעוועטער פון אונדזער גאַנצער משפחה אין קוזמיר...״

דאָס בריוול איז געקומען פון דעם נאָר וואָס געעפנטן לאַגער אין לאַנדסבערג, דייטשלאַנד, ווו מיין 18־יאָריקער פּלימעניק, פּיניע שניידער־מאַן, האָט זיך געפונען אויפן לעצטן עטאַפּ פון זיינע וואַנדערונגען איבער געטאָס און שקלאַפן־לאַגערן, אין אַ כסדרדיקן אַנטלויפן פון לויערנדיקן טויט.

„יעדעס מאָל, ווען עס זענען מיר אויסגעגאַנגען די כוחות — האָט זיך ווייטער געזאָגט אין דעם בריוו — און איך האָב שוין אַליין געבעטן

אויפן טויט, האָב איך זיך דערמאָנט אין לעצטן בריוול פון מיין טאַטן, וואָס איז צו מיר דערגאַנגען קיין סקאַרזשיסקאָ. ער האָט מיר געשריבן: „מיין קינד, האַלט זיך. איך גלויב, אַז דו וועסט איבערלעבן, ווייל מען זאָגט, אַז די יידן, וועלכע אַרבעטן אין סקאַרזשיסקאָ, וועלן בלייבן לעבן. געדענק! אונדזער גאַנצע פאַמיליע איז שוין נישטאָ, אָבער דו וועסט זיכער בלייבן. דו וועסט זיין דער איינציקער, וואָס וועט דערציילן, ווי טראַגיש מיר יידן זענען אומגעקומען".

ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיין פלימעניק אין לאַנדסבערג האָט ער מיר געגעבן אַ פּעקל לאַנגע בויגנס פון אַ דייטשן בוכהאַלטעריע־בוך באַדעקט מיט אַ דראָבנינקן שריפט אין יידיש, אָן שום מאַרגינעס. עס איז איין ענדלאָזער זאַץ וועגן דער ענדלאָזיקייט פון די נאַצישע פאַר־ברעכנס, יידישע ליידן און דער גלייכגילטיקייט פון דער גרויסער וועלט, געשריבן אין אַן אויסברוך פון ביטערניש, וואָס פלייצט אַריבער די ברעגן פון פּאַפּיר.

עס איז אַ פּאַרמלאָזע, דערשיטערנדיקע כראָניק וועגן די פאַרשידענע שטופן פון נאַצישן גיהנום, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, נאָך דעם ווי ער איז אַוועק פון קוזמיר, ערב דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ. דאָס איז געווען אין מערץ 1942, אויפן הויכפּונקט פון דעם ראַציאָנאַלי־זירטן מאַסן־מאָרד אין בעלזשעץ, ווו די קוזמירער יידן זענען געוואָרן אומגעבראַכט. ביז דאַן איז קוזמיר געווען ווי אַ פאַרגעסן אינדזעלע אויפן שטח פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון וואַנען די יידן זענען פון לאַנג שוין געהאַט פאַרשיקט געוואָרן צום טויט אין די שכנותדיקע לאַגערן פון מיי־דאַנעק און סאָביבור. נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט פון געטאָ, האָט מען אין קוזמיר נאָך ווי עס איז געלעבט מענטשלעך און יידן האָבן אַפילו געחוזקט פון זייער אייגענעם גורל.

ביים שילדערן די לעבנס־באַדינגונגען אין קוזמירער געטאָ האָט פיניע שניידערמאַן געניצט אַ נאַטירלעכע מעטאַפאָרע, וואָס האָט צו טאָן מיט דער קוזמירער לאַנדשאַפט, ווו נאָכן ערשטן פרילינגדיקן רעגן פלעגן די בערג באַדעקט ווערן מיט אומצאָליקע שלימאַקעס פון פאַרשידענער גרויס:

„מיר זענען געווען צונויפגעדרענגט ווי שלימאַקעס אין זייערע מוש־לעס. מיר זענען אָבער ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אונדזער נאַריש לעבן אין די שטיבלעך פון דער נאַדזשעטשנאַ גאַס און ווייטער געטריבן פּאָ־ליטיק. איינער האָט געזאָגט, אַז היטלער מוז פאַרשפּילן, אַ צווייטער האָט געהאַלטן, אַז ער וועט געווינען און אַ דריטער האָט אויסגעפירט: „מיר זענען סיי ווי פאַרלוירן”. די פּעסימיסטן האָט מען נישט ליב געהאַט אין קליינעם געטאָ און מען האָט זיי גערופן: „די שוואַרצע קראָען”. אין אַ גאַר געהויבענער שטימונג איז געווען סוכער דער הויקער, וועלכער האָט זיך געוויצלט: „וואָס ווילט איר האָבן פון דעם היטלערן, ער איז דאָך אַ טייערער מענטש, ער האָט אויסגעגלייכט אַלע יידן. איך, סוכער הויקער און חיים פּייערשטיין, זענען גלייך... עס איז דאָך בעסער ווי פאַרן קריג, איך וווין אין די זעלבע פּאַלאַצן, ווי אונדזערע אַריסטאָקראַטן”. אַזוי האָט מען דיסקוטירט און זיך געוויצלט אַ גאַנצן טאָג, ביז אַ יידישער פּאָ־ליציאַנט איז געקומען זוכן מענטשן צו דער אַרבעט און דער עולם איז זיך צעלאָפן אין די באַהעלטענישן”.

דאָס איז געווען די שטימונג צווישן די קוזמירער יידן ,ערב דער ליקווידאַציע פון געטאָ. אין אַ ווייטערדיקער פאַרצייכענונג ווערט געשיל־דערט די פּאַניק צווישן די יידן אין שטעטל, ווען די נאַציס האָבן אַרויס־געגעבן אַ באַפעל וועגן דער ערשטער אויסזידלונג:

„אין אַ שיינעם פרימאָרגן קומט ווי אַ דונער די פאַראָרדענונג וועגן אַ טראַנספּאָרט פון 500 יידן, וואָס מוזן גלייך אַרויסגעשיקט ווערן קיין אָפּאָלע. דער יודענראַט מוז דורכפירן די איבערזידלונג מיט דער הילף פון דער יידישער פּאָליציי. דער עולם וויינט און קלאָגט, און מען פּאַקט דאָס ביסל אָרעמקייט. ווי פון דער ערד וואַקסן אויס פּויערים, וועלכע באַזעצן די הייזער, און לאָזן די יידן נישט מיטנעמען קיין שום זאַכן. מען זוכט באַקאַנטע פּאָלאַקן, ביי וועמען זיך אויסצובאַהאַלטן, אָבער זיי זאָגן: „די זאַכן וועלן מיר אייך אויסבאַהאַלטן, נאָר איר מוזט גיין דאָרט, וווּ אַלע יידן גייען”.

„מיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ דערלויבעניש צו בלייבן, ווייל איך בין געווען באַשעפטיקט אין אַרבעטס־אַמט און מיינע דריי ברידער האָבן

זיך געמאָלדן אין אַרבעטס־לאַגער ביים האַקן שטיינער. דער זיידע, די באַבע, דער אָנקל שלום, זיין פרוי און קינד, האָבן אָבער געמוזט פאָרן. איך האָב פּרובירט אינטערווענירן, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען און איך האָב באַשלאָסן מיטצופאָרן. אפשר וועל איך זיי קענען מיט עפּעס העלפן.

„אין אָפּאָלע זענען מיר באַגעגנט געוואָרן דורך רייטער־פּאָליציי מיט גראָבע שטעקנס אין די הענט. זיי האָבן גענומען אונטערטרייבן די לאַנגע שורה פויערישע וועגענער, וואָס האָבן געפירט דעם מענטשן־טראַנספּאָרט צו די פּריש־אויפגעשטעלטע באַראַקן. פון דער וייטנס האָב איך באַ־מערקט, ווי צוויי נאַציס אויף פערד שלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ פון די יידן. איך לויף צו נאָענט און באַמערק, אַז מען שלאָגט דעם זיידן. אויך איך באַקום עטלעכע קלעפּ, אָבער עס געלינגט מיר דעם זיידן אַראָפּצונעמען פון וואָגן. איך טראָג אים אַריין אין באַראַק אַריין, ווו מע־נער, קינדער און פרויען ליגן צונויפגעדרענגט אויף דער ערד. ער רעדט עפּעס מאָדנע רייד און איך זע, אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף. די באָבעשי וויינט. שלום, זיין פרוי און קינד וויינען. מיטאַמאָל האָט דער זיידע געעפנט די אויגן און צו מיר גענומען שעפּטשען: „פּיניעלע, ראַ־טעווע דיך אַרויס פון דאַנען. דערמאָן די קינדער, אַז זיי זאָלן זאָגן נאָך מיר קדיש". אַזוי האָט מיין זיידע אויסגעהויכט די נשמה.

„ווען איך האָב פּרובירט אַרויס פון באַראַק האָב איך זיך איבער־צייגט, אַז די טירן זענען געשלאָסן. קיין פענצטער זענען נישט געווען און נאָך אַ באַראַטונג מיט נאָך עטלעכע יונגע בחורים, וועלכע האָבן פונקט ווי איך באַגלייט זייערע עלטערן, האָבן מיר באַשלאָסן אונטער־צוגראָבן די ערד ביי דער וואַנט פון באַראַק און זיך אַרויסצוקריגן. נאָך עטלעכע שעה גראָבן מיט די הענט האָבן מיר געמאַכט אַן עפענונג און אַרויס. קומענדיק קיין קוזמיר האָב איך דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט אין אָפּאָלע, פון וואַנען אַלע יידן ווערן געשיקט קיין בעלזשעץ... די יידן, וועלכע זענען פאַרבליבן אין קוזמיר, זענען אָבער געווען זיכער, אַז מיט זיי וועט גאָרנישט געשען. דעם 30סטן מערץ איז געקומען די פאַראָרדע־נונג וועגן דעם לעצטן טראַנספּאָרט".

אויף צומאָרגנס איז פאָרגעקומען דער ערב־פּסחדיקער יציאת־קוז־מיר. עס איז געווען י״ג ניסן תש״ג, וואָס איז אויסגעפאַלן אין אַ דינסטיק, אין טראַדיציאָנעלן שטעטלדיקן יאַריד־טאָג, ווען פון די אַרומיקע דערפער פלעגן פון פריען באַגינען ציען קיין קוזמיר לאַנגע רייען פויערישע וועגענער, אָנגעהויפט מיט גרינוואַרג, פּירות, מילכיקס, עופות און קעלבער.

אין אָט דעם דינסטיק פון 31סטן מערץ 1942, זענען די פויערישע וועגענער געקומען ליידיק, כדי אויפצולאָדן די יידן צו זייער לעצטער נסיעה — קיין בעלזשעץ. אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען צונויפגעטריבן געוואָרן די פאַרבליבענע יידן פון ביידע געטאָס, אַן ערך דרייהונדערט נפשות. אין זייערע טלומיקלעך האָבן די צונויפגעדרענגטע יידן געהאַט פאַרשטעקט די פריש־געבאַקענע מצות, וואָס די קהילה האָט געהאַט אויס־געטיילט אויף פּסח.

בלויז אַ קליינע גרופּקע יידן, צווישן זיי די משפחה פון מיין עלטסטן ברודער, האָט אין לעצטן מאָמענט זיך באַוויזן אַדורכצורייסן דורך דעם פּאָליציי־קאָרדאָן, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם מאַרק־פּלאַץ, און אַריבער קיין יונאַוווצע אויפן קעגנאיבערדיקן ווייסל־ברעג, וווּ דאָס געטאָ איז ליק־ווידירט געוואָרן מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. פון דער גרופּקע איז לעבן געבליבן בלויז איינער, פּיניע שניידערמאַן, דער לעצטער פון מיין ברודערס פיר זין, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער קריעת־ווייסל פון דער גרופּע קוזמירער יידן אין דעם דאָזיקן ערב פּסח פון יאָר תש״ג. ער האָט וועגן דעם געמאַכט די קורצע פאַרצייכענונג:

„עס איז דער 31סטער מערץ. אַ טריבער פרימאָרגן. אַ לייכטער פּרילינג־רעגן באַגלייט אונדז אויפן וועג. מיר קומען אָן צו דער ווייסל, אָבער עס איז אוממעגלעך זיך דורכצוקריגן — נישט צום גיין און נישט צום פאָרן... דאָס אייז קראַכט מיט אַ געהילך פון קאַנאָנען־שאָסן. דער עולם וויינט און וויל שוין צוריקגיין. אָבער פּלוצים ווערט אַ שרעקלעכער ווינט, אַ הוראַגאַן, וואָס טראָגט אונדז ממש פאָרויס און לאָזט אונדז נישט גיין צוריק. מיין פאָטער שרייט אויס: „אצבע אלהים — מיט גאָטס הילף וועלן מיר אַריבער״. העכער צוויי שעה צייט זענען מיר אַזוי געגאַנגען,

אייגנטלעך געשפּרונגען איבער די אייז־קריעס, וואָס האָבן זיך געקרישלט אונטער די פיס, ביז מיר האָבן ענדלעך דערגרייכט דעם ברעג״.

ס'איז אָבער נישט פאַרבליבן קיין איינציקער יידישער עדות, וועלכער זאָל קענען דערציילן וועגן דעם ענדגילטיקן יציאת קוזמיר, וועגן אויף די פויערישע וועגענער זענען אויפגעלאָדן געוואָרן בלויז די קראַנקע און זקנים, און די געזונטע מענער און פרויען זענען נאָכגעגאַנגען אין זייער אייגענער לוויה צו די גאַז־קאַמערן קיין בעלזשעץ.

בלויז פון היימישע שטעטלדיקע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן מיך דערקענט גלייך ביי דער ערשטער באַגעגעניש, דרייצן יאָר נאָך אָט דעם לעצטן „יידישן יריד״ אין קוזמיר, האָב איך אין פאַרשידענע וואַריאַנטן געהערט וועגן דער העלדישער האַלטונג פון שטעטלדיקן רב, דעם וווּנדערלעכן מנגן ר' ישראל זילבערמינץ, וועלכער איז געוועזן איינגעהילט אין אַ טלית און מיט אַ ספר־תורה אין דער האַנט איז ער זינגענדיק געגאַנגען נעבן דעם ערשטן וואָגן, וואָס האָט פאַרלאָזט דעם מאַרק־פּלאַץ.

XIV

נאָכן מבול

דורך די יאָרן פון קריג, האָב איך נישט אויפגעהערט אין חלום צוריק צו קומען אין מיין היימשטעטל. איך האָב געוווּסט, אַז אין קוזמיר איז נישט פאַרבליבן אַפילו קיין איין ייִד, אָבער פאַר מיינע אויגן האָט כסדר אויפגעטויכט דער מאַרק־פּלאַץ מיט די ייִדן אין די שוואַרצע קאַפּאָטעס און קייַלעכדיקע היטעלעך — אויפן פאָן פון די געמויערטע הייזער, געפאַרבט אין בלוי, ווייס, אַמאַראַנט און סעלעדין.

עס האָבן פאַר מיר אויך אויפגעלעבט די מענטשלעכע פּנימער פון די לייבן, הירשן, פייגל און פיש אויף דעם הויך־געוועלבטן סופיט פון דער אַלטער שול און ווי היימישע געשטאַלטן האָבן זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַפילו די באַרעליעף־פיגורן פון די קריסטלעכע הייליקע אויף די פּאַלאַצלעך פון די ערשטע פּוילישע פּאַטריציער אין קוזמיר. צו אַ סימבאָלישער פיגור פון דעם אומגליק, וואָס איז באַפאַלן פּוילן, און ווי אַ רמז אויפן היטלער־מבול, איז אין מיינע חלומות אויסגעוואַקסן די גיגאַנטישע פיגור פון הייליקן קריסטאָפער, אַ מין עוג מלך הבשן, וועלכער שפּאַנט דורך אַ פאַרפלייצונג מיט אַ בוים אין האַנט, אַנשטאָט אַ שטעקן. איין קינד טראָגט ער אויפן אַקסל און די קעפּלעך פון דריי פּיצלעך קינדער קוקן אַרויס פון אַ בייטל, וואָס איז אים אָנגעהאָנגען אויפן גאַרטל. דאָס וואַסער גרייכט אים בלויז ביז צו די קנעכל און עקדישן בייסן אים די פיס.

איך בין אָבער קיין קוזמיר נישט דערפאָרן, ווען אין פרילינג פון יאָר 1946, קורץ נאָך דער באַפרייונג פון חרובן וואַרשע, האָב איך אונטערגענומען מיין ערשטע נסיעה קיין פּוילן. דעם באַזוך אין מיין היימשטעטל האָב

איך כסדר אָפּגעלייגט. די וויסטענישן פון וואַרשעווער געטאָ, די קופּעס אַש און שטיינער פון די אָפּגעמעקטע יידישע גאַסן האָבן אין מיר אָפּגעטויט דעם באַגער צו זען מיין היימשטעטל. איך האָב זיך געשראָקן פאַר דער קאָנפראָנטאַציע מיט דער טרויעריקער ווירקלעכקייט, וועגן וועלכער איך האָב זיך דערוווּסט בעת די ערשטע אומגעריכטע באַגעגענישן מיט לאַנדסלייט אין נידערשלעזיע, ווו עס האָבן זיך דאַן געהאַט צונויפגעזאַמלט די לעצטע לעבן־געבליבענע יידן פון כמעט אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

אין אַ פריען באַגינען בין איך אין „מעטראָפּאָל"־האָטעל אין וראָצלאַוו פּלוצים אויפגעוועקט געוואָרן דורך אַ קלאַפּן אין טיר. אין דעם דאָזיקן אויגנבליק איז ווי אַ מיראַזש פון מיינע אויגן פאַרשווונדן דאָס פאַנטאַסטישע געוועב פון אַ מערקווירדיקן חלום. עס איז געווען אַ געמיש פון פאַרשיידענע שטובן אין מיין היים־שטעטל. עס האָבן זיך אויך געפּלאָנטערט די מענטשן, אָבער אין צענטער פון דעם אַלעמען איז געווען דער סאַלאָן אין הויז פון שטעטלדיקן גביר, וועוויטשע בראַמבערג, מיט אַן אַלטן אַסטראָנאָמישן וואַנט־זייגער, וואָס האָט געוויזן דעם גאַנג פון די מזלות. מיטאַמאָל האָט דער זייגער זיך גענומען פונאַנדערפאַלן. די ווייזערס זענען ווילד געשפּרונגען איבער די שעהן און דער ציפער־בלאַט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געזיכט פון אַ משונהדיקן לץ, וועמענס געכיכעריי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן געקלאַפּ אין דער טיר, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

ווען איך האָב געעפנט די טיר, איז פאַר מיר געשטאַנען אַ לאַנדסמאַן פון מיין שטעטל, וועמען איך האָב שוין נישט געהאַט געזען קנאַפּע דרייסיק יאָר. איך האָב אים אָבער גלייך דערקענט, ווייל זיין געזיכט האָט בליצאַרטיק ביי מיר אַרויסגערופן דאָס בילד פון זיין פאָטער, דעם שטעטלדיקן סופר. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, גלייך ווי דאָס בלאַסע, טיף־פאַרזאָרגטע פּנים פון זיין פאָטער מיט די פאַרמרוזשעטע אויגן און געדיכטע ברעמען וואָלט אויסגעשיילט געוואָרן פון דער לאַנגער געלער באָרד און געקרייזלטע פּיאות.

דעם סופרס זון, וועלכער איז אין דער פריער יוגנט שוין געווען אַ פאַרבאָרגענער אַפּיקורס, אָבער האָט דאָך דעם פאָטער געהאָלפן שרייבן מזוזות און מגילות, האָט מיט אַ זעלטענער בליציקייט פאַר מיר אויפגעוויקלט

די טראַגישע מגילה פון מיין שטעטל. ער האָט מיר דערציילט וועגן מיינע אומגעקומענע ברידער און זייערע משפחות. ער האָט מיר אָנגערופן די נעמען פון די היימישע פּאַלאַקן, וועמען מען האָט געגעבן צו באַהאַלטן די כלי־קודש פון דער אַלטער שול. דאַן האָט ער געמאַכט אַ שפּרונג צום איצטיקן פוילן און מיט עמפּערונג צוריקגעוואָרפן מיין קריטישע באַמער־קונג וועגן דעם, ווי אַזוי אונטער די קאָמוניסטישע רעזשימען ווערט צע־טראָטן יעדע מענטשלעכע ווירדע.

פּאַר מיין באַגעגעניש מיט אים האָב איך שוין פון אַנדערע לאַנדסלייט געהאַט געהערט וועגן די ביטערע צרות, וואָס דעם סופרס זון האָט געהאַט אויסצושטיין אין סאָוויעט־רוסלאַנד, טראָץ דעם — און אפשר טאַקע דער־פאַר, — וואָס ביים אויסברוך פון קריג איז ער אַרויס פון תפיסה, נאָכדעם ווי ער איז געהאַט אָפּגעזעסן עטלעכע יאָר פאַר קאָמוניסטישע אַקטיווי־טעטן. איך בין דעריבער איבערראַשט געווען צו הערן, ווי דער דאָזיקער בחור, וועלכער האָט פון זיין פאָטער געירשנט דעם איינגעבויגענעם רוקן און בטלנישן אויסזען, איז נישט דערשיטערט געוואָרן אין זיין אמונה אין קאָמוניזם, וואָס האָט אים דערלאַנגט אַזעלכע שווערע קלעפּ. ער האָט זיך שטאַרק צעלאַכט, ווען איך האָב אים צוגעטראָפן מיט מיין באַמערקונג, אַז פונקט ווי זיין טאַטע איז געוואָרן אַלץ פרומער, וואָס מער דער דלות האָט געפּייניקט אין שטוב, אַזוי איז ער אויך אַלץ אָפּגעהיטענער אין זיין קאָמו־ניסטישער אמונה, ווען אַרום ווערט די אַנטוישונג אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

מיין לאַנדסמאַן, אַן אמתער בוך־וואָרעם און פון פאַך אַ בוכבינדער, האָט פון די 900 זלאָטעס, וואָס ער האָט פאַרדינט אַ חודש, נישט געקענט זיך קויפן קיין העמד, שוין אָפּגערעדט פון שיך, אָדער אַ מלבוש. ער האָט זיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען פון מיר וועלכע עס איז מתנה אין דער פאָרם פון געלט אָדער מלבושים, הגם פון הילוך איז געווען צו זען, אַז ער געהערט נישט צו די פּריווילעגירטע אין זיין פאַרווירקלעכטן קאָמו־ניסטישן גן־עדן... ער האָט באַוויליקט צוצוגעבן, אַז דער קאָמוניזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אויך אין פוילן, וואָס ער האָט באַצייכנט אַלס „די ערשטע פאַזע פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג", איז ווייט פון פּערפעק־

ציע. ער האָט אָבער די שולד געלייגט אויף די „קאַריעריסטן", וועלכע כאַפּן דערוויל אַריין און לעבן אַ גוטן טאָג.

„איך בין אַן איינפּאַכער זעלנער", — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ, — „און איך זוך קודם־כל צו זיין אין אָרדענונג מיט מיין אייגן געוויסן".

ווען איך האָב אים געפרעגט, צי זיין געוויסן איז טאַקע אין אָרדענונג, ווען ער פאַרשווייגט די פאַרברעכנס פון די קאָמוניסטישע רעזשימען, האָט ער מיט אומגעדולד אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

„לאָמיר בעסער וועגן דעם נישט רעדן. מיר וועלן זיך סיי ווי סיי נישט פאַרשטענדיקן".

ער האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס און גענומען פרעגן וועגן לאַנדסלייט אין אַמעריקע, וועגן וועלכע ער האָט געוואָלט וויסן וואָס מער איינצלהייטן, ווי אַזוי זיי לעבן און ווי די קינדער ווערן דערצויגן. עס איז מיר דעריבער שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי הינטער דער עקשנות פון דעם פאַרביסענעם קאָמוניסט איז דאָך פאַראַן אַזאַ סענטימענטאַלע וואַרעמקייט פאַר לאַנדסלייט און יוגנט־פריינד פון שטעטל.

דעם סופרס זון, וועלכער האָט פאַרן קאָמוניזם מקריב געווען די בעס־טע יאָרן פון זיין יוגנט, האָט נאָך אַלץ געחלומט וועגן „סאָציאַלן יושר". ער איז אַפילו נישט דערשיטערט געוואָרן דערפון, וואָס אונטער דעם נייעם רעזשים פון „פאָלקס־פוילן", האָט ער נישט געקענט צוריק זיך אומ־קערן אין אונדזער היימשטעטל און האָט געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ גראָד אין דייטשן נידערשלעזיען. ער האָט אויך מיך נישט צו שטאַרק צוגערעדט צו פאָרן קיין קוזמיר, הגם ער האָט געהאַלטן, אַז אין מיין אַמעריקאַנער מיליטערישן אוניפאָרם (עס איז געווען אַ מונדיר פון אַ קריגס־קאָרעספּאָנ־דענט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי) וועט מיר גאָרנישט געשען. דערביי האָט ער די באַמערקונג וועגן אַמעריקאַנער מונדיר געמאַכט אין אַ טאָן פון שאַרפן סאַרקאַזם.

ווען נאָך לאַנגע וואַקלענישן האָב איך דאָך באַשלאָסן צו פאָרן קיין קוזמיר, איז געקומען דער פּאָגראָם אין קעלץ. אין מיטן העלן טאָג זענען צוויי־און־פערציק יידישע מענער, פרויען און קינדער דערמאָרדעט געוואָרן

דורך אַ המון, וואָס איז אויפגעהעצט געוואָרן דורך דעם מיטלאַלטערלעכן בלבול וועגן ריטואַל־מאָרד, און דאָס ממש אויף צומאָרגנס נאָכן אויסלעשן די נאַצישע קרעמאַטאָריעס אין אוישוויץ, מיידאַנעק, בעלזשעץ און טרעב־לינקע.

פון קעלץ האָט די פּאָגראָם־מגיפה זיך אויסגעשפּרייט איבער אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן און די איינזאַמע יידן, וועלכע האָבן נאָר וואָס זיך געהאַט אומגעקערט פון די שקלאַפן־לאַגערן, האָבן דערפילט, אַז די לעגענדע פון „פה־ליך" איז געוואָרן פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס.

אין אָט די בהלהדיקע טעג פון יציאת־פּוילן, האָב איך אין וואַרשע אויף דער גאַס אומגעריכט געטראָפן מיין לערערין פון די פריִע יוגנט־יאָרן, סאָניאַ שענדעראָוויטש־ווישניאַ, וועלכע איז דורך אירע שילער און שילע־רינס גערופן געוואָרן פשוט „סאָניאַ", ווייל אַזוי האָט זי פאַרלאַנגט. די פאַ־מיליאַרקייט צווישן די קינדער און זייער דערציִערין איז געווען בלויז אַ טייל פון די פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן, וואָס סאָניאַ האָט געמאַכט אין איר שול, און דערמיט האָט זי עטלעכע דורות פון יידישן יונגוואַרג צוגע־בונדן צו זיך מיט אומצערייסבאַרע פעדים פון פאַרערונג און ליבשאַפט.

סאָניאַ איז נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון קוזמיר, נאָך איר ערשטן באַזוך זינט דער באַפרייונג. אירע קריסטלעכע פריינד האָבן פאַר־בראָכן די הענט, ווען זיי האָבן זי דערזען און זיך ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל אַוועק פון שטעטל, איידער עס פאַלט צו די נאַכט. אין דער געגנט האָבן נאָך געבושעוועט די אונטערערדישע באַנדעס, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט זייער יאַגד אויף די רעשטלעך לעבנגעבליבענע יידן, הגם עס איז שוין געווען דאָס צווייטע יאָר פון קאָמוניסטישן רעזשים.

סאָניאַ ווישניאַ און אירע צוויי טעכטער האָבן באַלאַנגט צו די געציילטע קוזמירער יידן, וועלכע האָבן אין ערב פּסח פון יאָר 1942, בעת דער ענד־גילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ, זיך געראַטעוועט קיין יונאָווצע. דאָקעגן סאָניאַס מאַן, שמעון ווישניאַ, — דער העברעיִשער לערער אין קוזמיר — איז גלייך ביים אויסברוך פון דער מלחמה אַוועק אין סאָוועטיש־אָקופּירטן טייל פון פּוילן, אויף דער צווייטער זייט פון בוג, און האָט אַ צייט געלעבט אין קאָוועל. נאָך דעם נאַצישן איבערפאַל אויף סאָוויעט־רוסלאַנד, האָט ער

געטיילט דעם גורל פון טויזנטער אַנדערע פּוילישע יידן, וועלכע זענען ביים אַנטלויפן אומגעקומען.

סאָניאַ ווישניאַ האָט מיר דערציילט: די עפּאָפּייע פון אירע וואַנדערונגען איבער שטעט און שטעטלעך, ביז זי האָט זיך דערשלאָגן קיין וואַרשע, ווו פּוילישע פריינד האָבן פאַר איר געפונען אַ באַשעפטיקונג אַלס קעכין, און שפּעטער ווי אַ פּריוואַטע לערערין אין אַ דאָרף הינטער קעלץ, ווו זי איז פאַרבליבן ביז דער באַפרייונג. אויך די עלטערע טאָכטער, מיטאַ, האָט געפונען אַ באַהעלטעניש ביי פּוילישע פריינד אין וואַרשע, און די ייִנגערע, רינאַ, איז אַריינגענומען געוואָרן אין אַ קלויסטער. ענלעך ווי הונדערטער אַנדערע יידישע קינדער, האָט רינאַ, נאָך דער באַפרייונג, נישט געוואָלט זיך שיידן מיט אירע קריסטלעכע פריינד.

מיד און צעבראָכן פון די דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען דורך די פינף יאָר פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט סאָניאַ נישט געפילט זיך מער בכוח אַנצוהייבן זוכן אַ מקום־מנוחה מחוץ פּוילן, אָבער דער פּאָגראָם אין קעלץ האָט דורכגעשטראָכן אירע וואַקלעניש. צוזאַמען מיט דער ייִנגע־רער טאָכטער האָט זי געשוואַרצט די גרענעץ קיין עסטרייך און פון דאָרט מיט דער אומלעגאַלער עליה אַנגעקומען קיין ארץ־ישראל. אין לעצטן אָוונט, איידער זי איז אַוועק צום טרעפפּונקט פון דער „בריחה" אין וואַרשע, האָט סאָניאַ, אין אַ טאָן פון געצוימטער ביטערניש, מיר געזאָגט:

„פאַר מיר האָט דאָס קאַפּיטל קוזמיר זיך געענדיקט, נאָך דעם ווי מיינע תלמידים, זלמן אַשכנזי און שמואל גאָלדפּאַרב, זענען דערמאָרדעט געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט פון זייערע באַהעלטענישן. אויב דאָס האָט געקאָנט געשען אין אונדזער שטעטל, דאַן איז נישטאָ מער קיין שום האָ־פענונג פאַר יידן אין פּוילן".

אין קעלץ האָב איך געזען די צעשטיקלטע גופים פון די יידישע קרבנות און אין געריכט־זאַל זיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט די מערדער, וועמענס בליקן זענען כסדר געווען געווענדט צו זייערע מאָרד־אינסטרו־מענטן — די אייזנס און העק, וואָס זענען געלעגן אויפן ריכטער־טיש, ווי פאַקטישע באַווייזן. דאָך האָב איך דאָס בילד פון אַ האַק, וואָס פאַלט אויפן קאָפּ פון אַ ייד, בשום־אופן נישט געקענט צונויפבינדן מיט מיין היימ־

שטעטל, ווו במשך פון יאָרהונדערטער האָבן יידן אַ־טיר־אין־אַ־טיר אַזוי פרידלעך געלעבט מיט זייערע פוילישע שכנים.

ביים געזעגענען זיך האָט סאָניאַ מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל נישט וואַגן צו פאָרן קיין קוזמיר, אָבער אין איין אָטעם האָט זי צוגעגעבן, אַז אויב איך וועל דאָך ווען עס איז זיין אַמאָל אין קוזמיר, זאָל איך פאָטאָגראַ־פירן דעם מאָנומענט אויפן געמויערטן קבר פון איר משפחה, ווו עס זענען געקומען צו קבורה אירע עלטערן און דער ייִנגערער ברודער, זיגמונט שענדעראָוויטש.

„דאָס איז איינע פון די לעצטע מצבות — האָט סאָניאַ געזאָגט — וואָס זענען פאַרבליבן אויפן נייעם בית־עלמין. דאָס אַלטע בית־עלמין איז בכלל געוואָרן אָפּגעמעקט און פון דער שול זענען פאַרבליבן בלויז די נאַקעטע מויערן".

צוויי טעג שפּעטער נאָך דער באַגעגעניש מיט מיין לערערין, האָט אין האָטעל „פּאָלאָניאַ" — דאָן דער איינציקער האָטעל אין חרובן וואַרשע — זיך געמאָלדן צו מיר אַ יונגע, מיטלוווקסיקע פרוי מיט בלאָנד־געפאַרבטע האָר און אַ פאַרהאַרטעוועט געזיכט. איר פּוילישער נאָמען איז מיר געווען אומבאַקאַנט. ווי נאָר אָבער זי האָט אָנגערופן איר אמתדיקן נאָמען, האָבן זיך פלוצים געביטן די שטריכן פון איר געזיכט און איך האָב אין איר דערקענט מיין געוועזענע שול־חברטע רייזל לעווין.

איך האָב זי שוין נישט געהאַט געזען אַן ערך פופצן יאָר. עס זענען אָבער צו מיר דערגאַנגען אָפּקלאַנגען וועגן איר קאָמוניסטישער טעטיקייט און וועגן דער ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט ביים אָרגאַניזירן אַ שטרייק אין דער ביר־ברויערײַ אין דאָרף ראַגווו, הינטער קוזמיר, וואָס איז געווען באַקאַנט, ווי די „רויטע נעסט" פון דער געגנט. דעמאָלט איז זי טאַקע געוואָרן אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף עטלעכע יאָר תפיסה.

דעם לעצטן גרוס וועגן איר האָב איך אָפּגענומען אויף אַ פראָנט־אָפּשניט אין רעפּובליקאַנישן שפּאַניע, בעת אַן אומגעריכטער באַגעגעניש מיט איר עלטערן ברודער, משה לעווין, אַ פרייוויליקער פון פּוילישן דאָמ־בראָווסקי־באַטאַליאָן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע. דאָס איז געווען אין דעצעמבער 1937, אין באַלאַגערטן מאַדריד. די בערג אַרום דעם

מאַנזאַנאַרעס־טייך זענען געווען באַדעקט מיט שניי — אַ ווינטער־פּייזאַזש ענלעך צו אונדזער היימשטעטל ביי דער ווייסל.

ווען איך האָב רייזל לעווין דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט איר ברודער, וועלכער איז עטלעכע טעג שפּעטער געפאַלן, האָט זי צוגעלייגט דאָס טיכל צו די אויגן און פאַרבייסנדיק די ליפּן געשעפּטשעט: „נישטאָ מער קיין טרערן!”. נאָך אַ קורצער פּויזע האָט זי ממש אויסגעשריען:

„איך וויל אַרויס פון דאַנען, העלף מיר! איך וויל אָבער נישט גנבענען די גרענעץ. איך וויל נישט אַנטלויפן פון פּוילן אומלעגאַל!”.

ווען איך האָב זי געפרעגט וועגן קוזמיר, האָט זי קודם־כל מיך געווארנט, אַז איך זאָל נישט וואָגן צו פאָרן אַהין, און דאַן מיט ביטערניש, אָן שום סדר, מיר דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען בעת דער אָקופּאַציע. אין דאָרף ראַגווו, אַן ערך פינף מייל פון קוזמיר, ווו זי האָט במשך פון יאָרן אָרגאַניזירט קאָמוניסטישע קעמערלעך אין די דאָרטיקע פּריצישע הייף, האָט זי קוים געפונען אַ באַהעלטעניש פאַר זיך אַליין, אָבער נישט פאַר איר משפחה. אין צווייטן יאָר פון דער אָקופּאַציע האָט זי אויך געמוזט פאַרלאָזן דאָס דאָרף, ווייל דער פּויער, וואָס האָט זי אויסבאַהאַלטן, האָט באַקומען אַ וואָרענונג, אַז ער זאָל פּטור ווערן פון זיין יידישקע.

דורך דער צייט, וואָס זי האָט זיך געפונען אין דאָרף, האָט זי פון איר באַהעלטעניש אָבסערווירט, ווי טאָג־איין, טאָג־אויס, קומען די פּויערים מיט וועגענער, פול געפּאַקט מיט האָב־און־גוטס פון די אַרומיקע יידישע שטעטלעך.

„איך בין צוריק געקומען קיין קוזמיר — האָט זי ווייטער דערציילט — און שוין דאָרט געטראָפן צוויי געטאָס — אין דער באָד־גאַס און אויף דער נאַדזשעטשנע גאַס. מיין פאָטער האָט שוין נישט געלעבט. צוזאַמען מיט צענדליקער אַנדערע יידן איז ער געוואָרן דערמאָרדעט אין טאָג, ווען מ'האָט די יידישע באַפעלקערונג אַריינגעטריבן אין געטאָ אַריין. מיין מוטער און די דריי יינגערע ברידער האָב איך געטראָפן אין אַ שטוב, וואָס זיי האָבן געטיילט מיט נאָך צוויי משפּחות. פאַר מיר איז שוין דאָרט נישט געווען קיין פּלאַץ און איך בין אַוועק קיין וואַרשע צו אַ פּוילישן חבר,

װעלכער איז צוזאַמען מיט מיר אַמאָל געהאַט אַרעסטירט געוואָרן בעת אַ שטרייק״.

ווי אין טראַנס האָט זי ווייטער גענומען דערציילן וועגן אירע פּלאָגענישן ביים אויסבאַהאַלטן זיך, וועגן איר אָנטייל אין אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד פון יאָר 1944, און דאַן ווידער באַהעלטענישן אין חורבות, אין קעלערן — ביז דער באַפרייונג.

„קיין קוזמיר בין איך מער נישט צוריקגעפאָרן״ — האָט זי אונטער־געשטראָכן און דאַן כמעט אין אַ באַפעלערישן טאָן איבערגעחזרט איר וואָרענונג: „זאָלסט נישט וואַגן צו פאָרן אַהין. די גאַנצע געגנט איז פול מיט אונטערערדישע באַנדעס״.

XV

ושמה לא תעבור...

נישט געקוקט אויף אַלע וואָרענונגען, האָב איך דאָך זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין קוזמיר. עס איז געווען מיין ערשטע נסיעה מיט דער באַן אין נאָכמלחמהדיקן פוילן. די היימישע נעמען פון די באַן־סטאַציעס, ווו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָבן געוועקט רעמיניסצענצן וועגן די צייטן, ווען די וואָקזאַלן אויף די אָפּשטעל־פונקטן, ווי אַטוואַצק און דעמבלין האָבן געווימלט מיט פּאַרהאַוועטע יידן, וועלכע זענען אַרויף און אַראָפּ פון די באַנען מיט זייערע פּעקלעך. אָבער אין אַט דעם שפּעטן זומער פון יאָר 1946 זענען די וואָקזאַלן געווען פּוסט. די פּאַרוואָרלאָזטע, אָפּגעריבענע וואַגאָנען זענען געווען האַלב־ליידיק און צווישן די געציילטע פּאַסאַזשירן האָב איך אומזיסט געזוכט אַ יידיש פּנים.

אויף דער סטאַציע גאַלאָמב איז אין מיין וואַגאָן איינגעשטיגן אַ פּאַטראָל פון דריי באַוואָפנטע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גענומען קאָנטראָלירן די דאָ־קומענטן פון די פּאַסאַזשירן. ווען זיי זענען אַרויס, האָט דער קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט זינט אַ לענגערער ווײַלע געהאַט פּאַרפּירט מיט מיר אַ שמועס, אָפּגעאָטעמט מיט אַ הויכן זיפץ און שעפּטשענדיק מיר געזאָגט, אַז אין דער לעצטער צייט האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אויף אַט דעם וועג פון וואַרשע קיין לובלין, זאָלן אַזעלכע קאָנטראָלעס דורכגעפירט ווערן דורך די „מענטשן פון וואַלד״.

אַזוי האָט ער באַצייכנט די אונטערערדישע באַוואָפנטע באַנדעס, וועלכע האָבן געטראָגן די זעלבע מונדירן, ווי די נייע פּוילישע אַרמיי. דערביי האָט דער קאָנדוקטאָר מיר דערציילט, אַז בעת אַזעלכע „קאָנטראָלעס״, האָבן

זיי נישט איינמאָל מיטגענומען מיט זיך פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געהאַט דאָקומענטן פון באַאַמטע, און יידן, אָן אונטערשיד וואָס ס׳איז געווען זייער באַרוף.

און אָט האָט דער סאָפּענדיקער צוג זיך אָפּגעשטעלט אין פולאַוו, די לעצטע באַן־סטאַציע אויפן וועג קיין קוזמיר. עס האָט זיך פאַר מיר אַנט־פּלעקט דער היימישער ברוין־ציגלדיקער, הילצערנער בנין פון וואָקזאַל, געדיכט באַוואַקסן מיט פויזנדיקן ווילדווייַן, וועמענס בלעטלעך האָבן אין אָט דעם סוף־אויגוסט זיך שוין גענומען רויטלען, ווי אַן אָנזאָג אויפן נאָ־ענטן הארבסט. אויף די פּאַראַפּעטן פון די פענצטער אויפן אויבערשטן גאָרן זענען, פונקט ווי אַמאָל, געשטאַנען קעסטלעך מיט פילפאַרביקע נאַס־טורציעס. אויפן שפּיץ פון דאַך האָט זיך נאָך געפונען דער טויבנשלאַק, אַרום וועלכן עס האָבן זיך באַוועגט וואָרקענדיקע טויבן, גענוי ווי אין מיינע פריִע יוגנט־יאָרן, ווען איך האָב פון דאַנען געמאַכט די ערשטע באַן־נסיעה אין מיין לעבן — קיין לובלין. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער איינגעבויגענער, אַלטיטשקער סטאַציע־מייסטער אויפן פּעראָן איז דער זעלבער, און אַז בלויז זיין רויט היטל איז געוואָרן אָפּגעבליאַקעוועט.

צוזאַמען מיט מיר זענען אויף דער סטאַציע אַראָפּ בלויז נאָך צוויי פּרויען. עס איז אָבער קיינער נישט איינגעשטיגן. מיט האַרצקלאַפּעניש האָב איך געקוקט אויף די אָפּגעשיילטע ווענט פון וואָקזאַל, וואָס איז פאַר מיר אַמאָל געווען דאָס אויסגעחלומטע טויער צו דער גרויסער וועלט. אין רעסטאָראַן־זאַל איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. הינטערן בופעט איז געזעסן אַן עלטערע פרוי אין אַ פאַרפלעקטן ווייסן קיטל און פון די מאַכלים אָפּגעטריבן די זלידנע פליגן. ווען איך האָב זי געפרעגט, ווי לאַנג זי אַרבעט דאָ, האָט זי אַ ווייִלע זיך פאַרטראַכט און געענטפערט: „אַרום דרייסיק יאָר". זי האָט מיר אויך באַשטעטיקט, אַז דער סטאַציע־מייסטער איז דער זעלבער ווי אַמאָל.

„און די פאַרטרעטן אויף די ווענט זענען אויך די זעלבע?" — האָב איך געפרעגט מיט געמאַכטער נאַאיווקייט.

דאָס גרוי־צעקנייטשטע פּנים פון דער עלטערער פרוי האָט זיך צע־שמייכלט און זי האָט אויסגערופן: „אָ, ניין..."

אויפן אָרט פון מאַרשאַל רידז־שמיגלי איז געהאַנגען דער פּאָרטרעט פון מאַרשאַל ראָלאַ־זשימיערסקי און אויפן אָרט פון פּרעזידענט מאָש־טשיצקי איז געהאַנגען דער פּאָרטרעט פון פּרעזידענט באָלעסלאַוו ביערוט.

דער הויף אויף דער צווייטער זייט פון וואָקזאַל איז געווען פּוסט. אַמאָל זענען דאָ געשטאַנען די קאַטשן, אָדער דראָזשקעס פון די יידישע באַלע־גאָלעס, וועלכע פלעגן כאַפּן די פּעקלעך פון די אָנגעקומענע פּאַסאַזשירן. איצט איז דאָ געשטאַנען בלויז איין „טאַקסי״: אַ צעטרייסלטע סאָוויעטישע „פּאָביעדאַ״. דער שאָפער, אַ יונגער קרעפּטיקער פּאָלאַק, איז נישט געווען צו ענטוזיאַסטיש פון מיין אָנבאָט צו פאָרן מיט מיר קיין קוזמיר אויף עט־לעכע שעה און מיך צוריק ברענגען צום פּאַרנאַכטיקן צוג קיין וואַרשע. ווען איך האָב צוגעשטימט צו זיין פּרייז, האָט ער געוואָרנט, אַז עס איז נישט זיכער, צי ער וועט קענען אַריינפאָרן קיין קוזמיר, ווייל אין די לעצטע טעג זענען דאָרט פאָרגעקומען אומרוען.

איך האָב זיך געזעצט לעבן אים אין פראָנט און דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ טראָג געטאָן איבער דעם צעלעכערטן שאָסיי, וואָס איז מיר געווען אַזוי היימיש, מיט די קרעטשמעס און קירכעס, וואָס האָבן אויפגעטויכט ביים אַריינפאָר פון יעדן דאָרף. עס האָט זיך דאָ נישט געזען קיין שפּור פון נאַצישן מבול, וואָס האָט געבושעוועט אויף דער דאָזיקער ערד. איבער די נידעריקע כאַטקעס מיט די שטרויענע דעכער באַוואַקסן מיט גרינעם מאָך האָבן זיך אַרויסגעהויבן פריש־געמויערטע הייזער, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן דעם וואָקסנדיקן ווילשטאַנד פון די פּויערים.

נאָך דעם דאָרף וואָלאַסטאָוויצע האָט אויף רעכטס זיך אַנטפּלעקט דער ברייטער אויסגוס פון דער ווייסל מיט זאַמדיקע ליאַכעס און פון לינקס האָט זיך געצויגן אַ קייט פון לייכט־צעכוואַליקטע באַרג־שיפּועים מיט סעדער, וואָס זענען געווען איינגעטונקען אין צייטיקע פּירות — רויטע עפּל, גאָל־דיקע באַרנעס און בלויע פלוימען.

און אָט האָט דער שאָסיי זיך אַריינגעשלענגלט אין אַן אַלייע פון ריזיקע טאָפּאָלן מיט וואָרצלדיקע אָנוווּקסן, וואָס האָבן עדות געזאָגט וועגן דער טיפער זיקנה פון די דאָזיקע אומגעוויינלעך־דיקע, הויכעביימער. זייערע ברייט־צעצווייגטע, געדיכט־באַבלעטערטע קרוינען־קעפּ האָבן פאַרשאָטנט

דעם וועג און אין אַט דעם הייסן אויגוסט־טאָג אַנגעיאָגט אַ מחיהדיקע קילקייט.

אין באַכאַטניצע זענען מיר ביי דער בריק אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך אַ מיליטערישן פּאָסטן, וואָס האָט קאָנטראָלירט אונדזערע דאָקומענטן און נישט געלאָזט ווייטער פאָרן. אויף ביידע זייטן פון פלוס זענען געווען צע־שלאָגן גרינע מיליטערישע געצעלטן און עס האָבן זיך אויך געזען פּאַרקאָ־מופלאַזשירטע נעסטן פון מאַשין־געווער. אין אַנהייב האָט דער אָפיציר נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע, וואָס אַזעלכעס עס האָט פּאַסירט. ערשט נאָך דעם, ווי איך האָב אים אויפגעקלערט דעם ציל פון מיין נסיעה, איז ער געוואָרן מער באַרעדעוודיק און מיר דערציילט, אַז קוזמיר געפינט זיך אין אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד, ווייל אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט איז אין שטעטל פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס מיט אַ באַוואָפנטער באַנדע, וואָס האָט זיך פאַרשטעקט אין דעם אָרטיקן קלויסטער.

די ווערטער פון דעם אָפיציר האָבן מיר געקלונגען אויסטערליש אויפן פאָן פון דער דאָרפישער אידיליע. אין דער לופט האָט אָפּגעהילכט דער געברום פון וואַסערפאַל ביי דער מיל, קוים עטלעכע צענדליק שריט אויף דער צווייטער זייט פון דער אָפּגעצוימטער בריק. דאָס איז געווען די מיל פון יחזקאל פריד, וועמענס פאַרצווייגטע משפחה האָט געטיילט דאָס גרויסע, רחבותדיקע הויז, וואָס איז געוואָרן צוגעבויט נאָך יעדער חתונה און געבורט.

ווי ווייט מיין אויג האָט געגרייכט, האָב איך געקענט קלאָר זען, אַז די בנינים פון אַמאָליקן פּריצישן הויף פון די פרידס זענען נישט געוואָרן אָנ־גערירט. דאָס הילצערנע ראָד פון דער מיל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, גלייך ווי די צייט וואָלט דאָ פאַרגליווערט געוואָרן. אומפאַרענדערט האָט מיר אויך אויסגעזען די ווייסע חורבה פון אסתרקעס פּאַלאַץ אויפן באַרג, וואָס האָט דאָמינירט דאָס דאָרף. די מויערן מיט די אַרקאַדן־אַרטיקע פענצטער־עפענונגען און די מאַסיווע סקאַרפּן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געקרייזלט געדיכט־אָנגעוואַקסענע קוסטעס און אומקרויט, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קרוין אויף אַ קאָפּ מיט ווילד־צעפּאַטלטע האָר.

די קעניגלעכע חורבה, די מיל, און קוים דריי מייל ווייטער — מיין

היימשטעטל, וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט צו זען, האָבן זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט פון באָכאָטניצער „ירדן״, וועמענס אָפּגעצוימטע בריקל האָט אין מיין זכרון אויפגעפרישט די ווערטער פון חומש ,וואָס מיר פלעגן אין חדר אינטאָנירן מיט אַזוי פיל טרויער: „ושמה לא תעבור״..

XVI

קוזמיר — אָן יידן

ערשט צען יאָר שפּעטער, אין דעצעמבער 1955, בין איך ענדלעך דערפאָרן קיין קוזמיר. עס איז געווען ביים סוף פון פּאָליציי־רעזשים, ערב די שטורמישע געשעענישן אין פּויזן, וואָס האָבן דערפירט צו דער בלוט־לאָזער אָקטאָבער־איבערקערעניש. די שטימונגען פון רעוואָלט זענען שוין געהאַט געקומען צום אויסדרוק אין די ווערק פון די פירנדיקע פּוילישע פּאָעטן בראש מיט אַדאַם וואַזשיק, אין וועמענס „פּאָעמע פאַר דערוואַקסענע" עס זענען מיט אַזאַ קראַפט דעמאַסקירט געוואָרן די פאַלשקייטן און פאַר־ברעכנס פון סטאַליניזם. ווי וואַזשיק האָט מיר דערציילט, האָט ער די דאָזיקע פּאָעמע געשריבן אין קוזמיר, אין זומער פון יאָר 1955.

מיין נסיעה קיין קוזמיר האָב איך דאָס מאָל אונטערגענומען מיט אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט מיך פון וואַרשע געפירט איבער אָפּגעמעקטע יידישע ישובים — אָטוואָצק, גאַרוואָלין, ריקי, קאָרעוו און פּולאַוו, וווּ איך האָב קוים געקענט געפינען וועלכן עס איז שפּור פון יידישן לעבן.

אין קוזמיר איז דער מאַרק־פּלאַץ געווען פּוסט. עס איז געווען אַ פּראָס־טיק־זוניקער טאָג און דער טרוקענער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. בלויז דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען פאַרבייגייער, וועמענס שאָטנס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויפן שניי. מיטן ערשטן בליק אויף די צוריק־אויפ־געבויטע, פּאָליכראָמירטע פּאַסאַדעס פון די היסטאָרישע הייזער איז אויסגע־רונען מיין חלום וועגן קוזמיר. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'געפין זיך אין אַנבליק פון אַ גיפּסענעם מאָדעל פון אַמאָליקן שטעטל, הגם די געוועל־בונגען פון די געמויערטע הייזער און די שווערע באַלקנס פון די הילצערנע

בנינים זענען געווען רעאַל. אומרעאַל איז אָבער געווען די אָפּוועזנהייט פון ייִדן, וועמענס געשטאַלטן און פּנימער האָבן אַזוי לעבעדיק פאַר מיר אויפגעטויכט אין די טירן און פענצטער פון יעדן הויז. אויך די פּאַסאַדע פון דער „דאַנציקער קאַמיעניצע", ווו מיינע עלטערן האָבן געלעבט, איז שוין געווען רעסטאַווירט, אָבער די דירות נאָך נישט פאַרענדיקט. דאָס האָט מיר פאַרשפּאַרט דעם נסיון פון טרעפן זיך פּנים־אל־פּנים מיט די מענטשן, וועלכע האָבן פאַרנומען די שטוב, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן און פון וואַנען מיינע עלטערן זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ.

אויך די אַלטע שול איז שוין געווען צוריק אויפגעבויט מיט אַלע אַרכיטעקטאָנישע איינצלהייטן, איינגעשלאָסן דעם שינדל־דאַך אין צוויי קאָנדיגנאַציעס, ווי אַ היטל אויף אַ יאַרמולקע. אָבער ביים אַריינגאַנג צום אַמאָליקן פּאָליש, ווו עס פלעגט הענגען דער געכתיבהטער לוח פון דער וואַך, איז געהאָנגען אַ פּלאַקאַט, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז היינטיקן זונטיק ווערט געשפּילט דער ענגלישער פילם „מאַריאַ סטואַרט".

דער ערשטער פאַרבייגייער, וואָס האָט מיך דערקענט איז געווען דער אַמאָליקער שטעטלדיקער „סאַלטיס" יאַן פּיסולאַ, אין אַ פאַרלאַטעט פּעלצל און אַן אויסגעקראָכן פוטערנעם היטל, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט די גרויע שטעכלקעס פון זיין נישט־ראַזירט פּנים. ער האָט מיך באַגריסט מיט אַ ייִדישן שלום־עליכם און מיך גלייך געפרעגט, צי עמיץ פון מיין משפּחה איז געבליבן לעבן. דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט געזען מיין פאָטער אין טאָג, ווען ער איז געוואָרן אַרויסגעשיקט פון געטאָ.

פּיסולאַ, וועלכער האָט געהאַט די „חזקה" אויפן חמץ אין שטעטל, האָט גערעדט ייִדיש מיט אַלע פאַרביקע אידיאָמען און העברעיִשע אויסדרוקן, און דאָס אָן דעם מינדסטן אַקצענט. ווען נייגעריקע פאַרבייגייער האָבן גענומען פרעגן, ווער עס איז דאָס דער פרעמדער, וואָס איז אָנגעפאָרן אין שטעטל מיט אַן אויטאָמאָביל, האָט פּיסולאַ מיך אַ נעם געטאָן פאַרן אָרעם און אָוועקגעשפּאַנט מיט מיר באַרג־אַרויף, צו די חורבות פון קעניגלעכן שלאָס.

„דאָס זענען אַלץ אָנגעלאָפענע פאַרשוינען, פּאַרטיי־מאַכערס. מען דאַרף זיך היטן פאַר זיי" — האָט דער אַלטיטשקער פּיסולאַ געזאָגט און מיט דער

האָט זיך געווישט די טרערן, וואָס האָבן אין דעם פּראַקטיקן טאָג כסדר געטריפט פון זיינע אויגן. ער האָט מיר דערציילט קאָמישע געשיכטעס וועגן די נייע שטעטלדיקע באַלעבאַטים, וועגן די קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע „די שפּייז ווערט פאַרפוילט און די סחורות צעגנבעט״, און דאַן אויסגעפּירט: „עס איז מער נישט קיין לעבן אין קוזמיר, אָן די יידן״.

די דאָזיקע באַמערקונג האָט מיך ענדלעך באַוויגן אים צו שטעלן די פראַגע, פאַרוואָס אין קוזמיר האָבן זיך נישט באַוויזן אויסצובאַהאַלטן כאָטש עטלעכע יידן.

„מען האָט נישט געקענט, מען האָט נישט געקענט״ — האָט פּיסולאָ שטאַמלענדיק געזאָגט — „ווי נאָר מען האָט געמאַכט דאָס געטאָ, זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן פויערים פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די יידישע וווינונגען און קראָמען, און מיר האָבן געציטערט פאַר זיי״.

צוריק פון שפּאַציר ביי דער חורבה פון קעניגלעכן פּאַלאַץ, האָב איך זיך געלאָזט איבער די געסלעך און פּלעצער פון שטעטל, ווו איך האָב אומזיסט געזוכט די איבערבלייבענישן פון אַמאָליקן יידישן לעבן.

חוץ דער היסטאָרישער שול, פון וועלכער עס איז רעסטאַווירט געוואָרן בלויז איר דרויסנדיקע שאָל, האָב איך נישט געפונען קיין שום אַנדערע מאָנומענטן פון יידישן קוזמיר. דאָס אַלטע, געמויערטע בית־המדרש, דער הויף פון רבין ר׳ יחזקאלע מיט די געשניצטע הילצערנע קאָלאָנעס ביים פראָנט־טויער, דער געמויערטער שאָלאָש פון רבין ר׳ מאָטעלע, דער הקדש מיט דער אַכסניה פאַר אָרעמע אורחים און דאָס אַלטע בית־עלמין מיט די פּאָליכראָמירטע מצבות — אַלץ איז געוואָרן אָפּגעמעקט.

דער חורבן האָט אָבער נישט אָנגערירט די בנינים מחוץ דעם יידישן קוזמיר, אויף דער אַנדערער זייט פון טייכל גראָדאָזש, וואָס זענען אין מיינע יוגנט־חלומות געווען פאַרבונדן מיט דער דרויסנדיקער וועלט. דאָס איז דער אַמאָליקער בנין פון דער פּאָסט, ווו איך פלעג מיט האַרץ־קלאַפּעניש וואַרטן אויפן בריווטרעגער. זיין אָפּגעריבענער לעדערנער בייטל האָט אַנטהאַלטן די ענטפערס אויף מיינע יוגנטלעכע האָפענונגען, וואָס האָבן זייער העכסטע קרוינונג דערגרייכט אין אַ ווינטערדיקן נאָכמיטאָג, ווען דער בריוו־

טרעגער האָט מיר דערלאַנגט אַ זשורנאַל, אין וועלכן עס איז געווען אָפּגע־דרוקט מיין ערשט ליד: „גאָלדענע פוילישע האַרבסטן".

פון דער פּאָסט האָט דער וועג געפירט אין דער פּלעבאַניאַ־גאַס, וואָס די קוזמירער יידן האָבן גערופן מיט דעם מאָדנעם נאָמען „קלעפּאַלע־דין". אויף רעכטס האָט זיך געצויגן די הויכע פעסטונגס־אַרטיקע מויער פון פאַר־ליניִשן קלויסטער און אויף לינקס די גרויסע ווילאַ און דער גוט פון די אולאַנאָווסקיס, ווו עס האָט זיך געפונען מיין ערשטע וועלטלעכע שול — די פראָ־גימנאַזיע פון סאָניאַ שענדעראָוויטש־ווישניאַ.

דער הויף איז געווען פוסט, אָבער אומפאַרענדערט. עס איז נאָך גע־שטאַנען די גרויסע אַלטאַנע, וואָס האָט געדינט ווי אַ בינע פאַר די טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון אונדזער שולע. אַ גרויס געשעעניש איז געווען די אויפפירונג פון סלאָוואַצקיס פאַנטאַסטישע טראַגעדיע „באַלאַדינאַ". איך האָב געשפילט די ראָל פון ריטערלעכן הויפּט־העלד קירקאָר, אין אַ גאָל־דענעם פּאַנצער און מיט ווייסע אָדלער־פליגל. פון טיפן אָפּגרונט פון מיין זכרון האָבן פּלוצים אויפגעטויכט די רמזימדיקע פערזן פון קירקאָרס שטראָף־רייד, געווענדט צום שאָטן פון לעגענדאַרן גרויזאַמען פוילישן פירשט, פּאָפּיעל:

> אָ, הפקרות, ערגער פון משה'ס מכה'ס,
> פאַראומרייניקט אונדזער ערד און שפּרייט זיך אויס.
> — — — — — — — — — — — — —
> דאָס זעלבע פוילן, פון גערעטענישן זאַט,
> פאַרוואַנדלט אין אַ שפּייכלער פון היישעריקן...

ווי געטריבן פון אַ פּלוצים־אויפגעוועקטן אימפּעט האָב איך גענומען קלעטערן באַרג־אַרויף צום פּרעכטיקן פּאַרק מיט די ברייט־צעצווייגטע דעמבעס און שלאַנקע בעריאָזעס, ווו איך האָב איבערגעלעבט מיינע ערשטע ראָמאַנטישע ציטערס. דער וואַלד מיט די נאַקעטע ביימער האָט מיר אויס־געזען ווי איינגעשרומפּן און עס האָבן געפעלט די אַלטע דעמבעס.

אויף דער אָפענער לאָנקע, פון וואַנען דער ווינט האָט געהאָט אַוועק־

געבלאָזן דעם טרוקענעם שניי און אַנטפּלעקט אינדזעלעך גרין גראָז, איז מיר אַנטקעגן געקומען דער אייגנטימער פון דעם גוט, טאַדעוש אולאַנאָווסקי, וועמענס הויכע פיגור איז אונטערן לאַסט פון יאָרן געוואָרן לייכט אָנגעבויגן. דער שטרענגער, אויב נישט בייזער גרימאַס אויף זיין ביינערדיק, גלאַט־ראַזירט פּנים, צוליב דער באַגעגעניש פון עפּעס אַ פרעמדן, איז פּלוצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אויסדרוק פון צופרידענער איבערראַשונג, וואָס איז פאַר מיר געוואָרן אַ באַוויז, אַז ער האָט מיך דערקענט. ער האָט גענומען צואיילן די טריט און דערביי אין אַ פריינדלעכער העוויה אַ פאָכע געטאָן מיטן סענקאַטן ברוינעם שטעקן, וואָס איז פאַרענדיקט געווען מיט אַ זיל־בערנער גאָלקע.

פון מיינע פריִע שול־יאָרן האָב איך געדענקט דעם דאָזיקן שטעקן מיט דעם מאַסיוון זילבערנעם קעפּל פון אַ פּרוי, וואָס אולאַנאָווסקי פלעגט קאָ־קעטיש האַלטן פאַרשטעקט אונטערן אָרעם, און עס האָט מיך דורכגענומען אַ געפיל פון קנאה, וואָס אַפילו אָט דער שטעקן האָט איבערגעלעבט דאָס יידישע קוזמיר.

„זייער שיין, וואָס איר זענט אונדז געקומען באַזוכן. מיר האָבן געהערט, אַז איר זענט אין קוזמיר. מיין פרוי וועט זיך שטאַרק פרייען אייך צו זען" — האָט אולאַנאָווסקי לאַנג געדריקט מיין האַנט און ענלעך ווי פּיסולאַ מיך געפרעגט, ווער פון מיין משפחה איז געבליבן לעבן.

אולאַנאָווסקי, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַן אַלטער פּאַטריציער־משפחה, וואָס האָט אַלע מאָל אָנגעהאַלטן די פריינדלעכסטע באַציונגען מיט יידן, איז ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען בירגערמייסטער פון קוזמיר. דעם דאָזיקן אַמט האָט ער אויך אָנגעהאַלטן דורך די יאָרן פון דער נאַציִשער אָקופּאַציע. לויט עדות־זאָגן פון די איינצלנע לעבן־געבלי־בענע קוזמירער יידן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט דאָס געטאָ, האָט אולאַ־נאָווסקי, לויט זיינע מעגלעכקייטן, געטאָן אַלץ, כדי צו לינדערן די ביטערע מערכה פון די יידן. ער איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן יודענראַט און דעם נאַצישן קאָמענדאַנט, גהעדע, וועלכער האָט צוגעזאָגט פאַרן פרייז פון אַ פונט גאָלד אָפּצולייגן די ערשטע אויסזידלונג פון די געטאָ־איינוווינער.

גהעדע האָט צוגענומען דאָס גאָלד און די פאַראָרדענונג סיי ווי דורכגע־פירט מיט עטלעכע טעג שפּעטער.

אין הויז פון די אולאַנאָווסקיס זענען אויף די ווענט געהאָנגען קוזמי־רער לאַנדשאַפטן פון דעם אומגעקומענעם יידישן קינסטלער נתן קאָזשען. אויף איין בילד איז פאַראייביקט געוואָרן אַ פאַרשווונדן פאַרביק יידיש ווינקל אין קוזמיר — די יאַטקע־גאַס הינטער דער שול אין אַ יריד־טאָג מיט יידן און פויערים, צונויפגעדרענגט מיט פערד און בהמות.

ווען מיינע אויגן זענען געפאַלן אויף דעם בילד, האָט פרוי אולאַנאָווסקי מיר דערציילט, אַז קאָזשען, וועלכער האָט במשך פון לאַנגע יאָרן געוווינט ביי איר יעדן זומער, איז אין יאָר 1939 פאַרבליבן אין קוזמיר ביזן שפּעטן האַרבסט. ערשט, ווען עס האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן איינשטעלן אַ געטאָ אין קוזמיר, איז ער צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע. אַ שטיקל צייט האָבן זיי נאָך פון אים באַקומען בריוו און דאַן האָט זיך דער קאָנטאַקט איבערגעריסן.

דער שמועס מיט טאַדעוש אולאַנאָווסקי און זיין פרוי איז פאַר מיר געווען אַ ווייטיקלעכע איבערלעבונג, אַ פּיינלעכע קאָנפראָנטאַציע מיט די צוויי ווייטיקע עדות פון חורבן קוזמיר, וועלכע האָבן זיך נישט גע־שלייערט אין קיין פאַלשע מאַנטלען פון הערויִזם, נאָר אָפנהאַרציק גערעדט וועגן די טראַגישע געשעענישן.

„אויף אונדזער לאַנד איז געפאַלן די קללה צו ווערן דאָס בית־עלמין פון די יידן" — האָט אולאַנאָווסקי געזאָגט און מיר דערציילט, ווי אַזוי ער האָט עטלעכע מאָל געהאַט באַשלאָסן צו רעזיגנירן פון זיין אַמט אַלס ביר־גערמייסטער, אָבער דער פאָרזיצער פון יודענראַט, חיים פייערשטיין, האָט זיך געבעטן ביי אים דאָס נישט צו טאָן.

אולאַנאָווסקי האָט מיר קלאָר געזאָגט, אַז צוריקבליקנדיק צו דער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פּוילישע באַפעלקערונג אין קוזמיר האָט נישט געטאָן דאָס, וואָס מען האָט געדאַרפט און אפשר געקענט טאָן. ער האָט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט פון אויסבאַהאַלטן יינגערע יידן, באַזונדערס פרויען, וועלכע וואָלטן געקענט אַנגיין ווי פּאָלאַקן. ער האָט אָבער באַמערקט, אַז ביז צו דער ערשטער

אויסזידלונג, וואָס איז פאָרגעקומען שפּעטער ווי אין אַלע אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך, האָט ער אַליין זיך געשפּייזט מיט דער אילוזיע, אַז אין קוזמיר וועלן די יידן איבערלעבן די מלחמה.

מיט פולשטענדיקן שווייגן האָב איך אויפגענומען די באַמערקונג פון טאַדעוש אולאַנאָווסקי, אַז אין קרייז פון זיינע נאָענטסטע מענטשן, ווען עס האָט ווי געטאָן די טראַגעדיע פון די יידן, איז געווען אַ רעטעניש די גלייכגילטיקייט מצד דער דרויסנדיקער וועלט און דאָס איז דורך זיי אויפגענומען געוואָרן ווי אַ באַוויז, אַז אין דער מלחמה מיט נאַצי־דייטשלאַנד איז דורך די אַליאירטע געוואָרן פולשטענדיק איגנאָרירט די פאַרניכטונג פון די יידן, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין הינטערלאַנד, מחוץ דער פראָנט־ליניע.

ביים געזעגענען זיך, האָב איך דעם געוועזענעם בירגערמייסטער פון קוזמיר געפרעגט, צי ער ווייס עפּעס וועגן דעם גורל פון די היסטאָרישע כלי־קודש פון דער אַלטער שול, באַזונדערס דאָס לעגענדאַרע אסתרקע־פּרוכת. ווי אולאַנאָווסקי האָט באַהויפּטעט, האָט דער קוזמירער רב, ישראל זילבערמינץ, די כלי־קודש מיטגענומען מיט זיך, ווען דער לעצטער טראַנספּאָרט יידן איז געוואָרן אַרויסגעשיקט פון געטאָ. די זעלבע ווערסיע האָט אויך איבערגעחזרט דער סעקרעטאַר פון מאַגיסטראַט, פּעפּלאָווסקי, וועלכער האָט מיר באַוויזן דאָס פּאַרמעטענע בוך מיט די געבורט־פאַרצייכענונגען פון קוזמירער יידן במשך פון עטלעכע יאָרהונדערטער.

*

ווי ווייט מיין זכרון גרייכט, האָב איך קיינמאָל נישט געווינטש פאַר זיך אַליין, אַפילו אין מאָמענטן פון טיפסטער פאַרצווייפלונג. אָבער אין ערשטן אָוונט נאָך מיין אָנקום קיין קוזמיר, העכער צען יאָר נאָכן חורבן, האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, ווען נאָך אַ טאָג פון וואַנדערונגען איבער די געסלעך און פּלעצער פון שטעטל, בין איך אַריין אין מיין צימער אין דעם אַזוי גערופענעם „הויז פון די אַרכיטעקטן", ווו איך בין איינגעשטאַנען.

דאָס דאָזיקע אָפּרו־הויז פון דעם פאַרבאַנד פון פּוילישע אַרכיטעקטן

איז אויפגעבויט געוואָרן אויף די חורבות פון דריי יידישע הייזער אויפן מאַרק־פּלאַץ, וואָס האָבן געהערט צו די משפּחות האַניגבוים, קאָרנבערג און די זאַמאָיסקיס, וועלכע האָבן דאָרט אויך געהאַט זייערע קראָמען. ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, זענען פון פולאַוּוער וועג אָנגעפאָרן עטלעכע אויטאָמאָבילן מיט פריילעך־פילדערנדיקע פּאָרלעך, וואָס זענען געקומען פאַרברענגען דעם סוף־וואָך אין „הויז פון די אַרכיטעקטן".

דער מאַרק־פּלאַץ איז געווען העל צעליכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן, אָבער אין מיין דמיון האָט אויפגעטויכט דאָס בילד פון די פרייטיק־צו־נאַכטסן, ווען אין אַלע פענצטער האָבן אין מעשענע און זילבערנע לייכטערס געציטערט די פלעמלעך פון די שבתדיקע ליכט.

אין פריִען שבתדיקן באַגינען, בין איך אויפגעוועקט געוואָרן דורך דעם גלאָקן־געקלאַנג פון די דריי שטעטלדיקע קירכעס — אַזוי פאַרשידן אין זייער טאָן און ריטם. אַמערשט איז געקומען דער שווערער, מאָנאָטאָנער געברום פון קלויסטער, אויף דרום־זייט פון שטעטל; דאַן האָט פון צפון־זייט זיך דערהערט אַ צוויי־טעניקער, מעלאָדישער געקלאַנג פון דער הויפּט־קירכע, די אַזוי גערופענע „פּאַראַ" און צום סוף: אַ דין, קינדעריש געקלינגל פון דער קירכע פון דער „הייליקער אַנאַ", וואָס איז געקומען פון מזרח־זייט, פון דער לובלינער גאַס. פון הינטער דעם באַרג מיט די דריי קרייצן איז דער הימל געוואָרן צעפלאַמט פון דער אויפגייענדיקער זון.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט אין מיין טיר אָנגעקלאַפּט דער איינציק פאַרבליבענער קוזמירער ייד, בערל ציטרין, וועגן וועלכן איך האָב געוווּסט, אַז ער לעבט אין פולאַוו אונטער דעם פאַרשטעלטן פּוילישן נאָמען פון באָלעסלאַוו זשעלינסקי. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּויער אין דאָרף באַכאָטניצע, ווו עס האָט זיך געפונען די מיל פון זיין פעטער, יחזקאל פריד. נאָך דער באַפרייונג האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון זיין רעטער. ווען בערל ציטרין איז אַרויסגעקומען פון זיין באַהעלטעניש, איז די מיל געווען צעטראָגן אויף שטיקלעך און אין דעם גרויסן הויז פון דער פאַרצווייגטער משפּחה פריד, וואָס איז אין איר איבערוויגנדיקער מערהייט אומגעקומען, זענען געווען איינגענעסטעט צען אָדער צוועלף פּויערים־משפּחות פון די אַרומיקע דערפער.

מיט אַ געצווימטן גרימאַס אויף זיין רויען פּנים האָט בערל ציטרין זיך מיר געוואָרפן אין די אָרעמס און נאָך אַ לענגערער ווײַלע פון שווייגן, אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געהעשריי. עס איז געווען ווי אַן אויסלאָדונג פון אַ לאַנג איינגעהאַלטענעם געקלאַג, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין זיין געמיט.

איך האָב אים געקענט פון זיינע פריע קינדער־יאָרן, ווען ער איז געבראַכט געוואָרן קיין קוזמיר צו אַ קרוב, נאָך דעם ווי זיינע עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן דורך באַנדיטן אין דאָרף קאַרטשמיסק, הינטער קוזמיר, ווו זיי האָבן געהאַלטן אַ גוט אין אַרענדע. אין זיין האַמעטנעם פּוילישן לשון, דורכגעפלאָכטן מיט טיפּיש־פּויערישע אידיאָמען, האָט בערל ציטרין מיט אַ מאָדנע־פרעמדן יידישן קרעכץ מיר דערציילט וועגן די יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווען ער האָט געלעבט פאַרשטעקט אין אַ חזיר־שטאַל, און דאָס צווישן פּויערים, וועלכע ער האָט געקענט פון קינדווייז אָן.

נישט איין מאָל האָט ער פון זיין באַהעלטעניש אָבסערווירט, ווי יונגע דאָרפישע כוליגאַנעס נישטערן אין שייער און זוכן אין קאַרטאָפל־גרוב. ער האָט אַפילו אויפגעכאַפּט די געשפּרעכן וועגן דעם פאַרשטעקטן ייד, פאַר וועמענס קאָפּ זיי האָבן געהאָפט צו באַקומען דעם לאָקנדיקן פּרייז פון עטלעכע פונט צוקער, וואָס די נאַציס האָבן געצאָלט.

אַ בליץ פון פּרימיטיווער פּויערישער חכמה האָט געשטעקט אין בערל ציטרינס באַמערקונג, אַז די פאַרשווינען, וועלכע האָבן אים געזוכט, האָבן אים נישט געהאַסט, נאָר אים בלויז באַטראַכט „ווי אַ פוקס, פון וועלכן מען קען אַראָפּציען דאָס פעלעכל".

אין דער זעלבער צייט האָט ער מיט באַוווּנדערונג גערעדט וועגן דעם פּויער, וועלכער האָט אים אויסבאַהאַלטן אין אָט דער צייט פון יאַגד אויף יידן און דערמיט איינגעשטעלט נישט נאָר זיין אייגן לעבן, נאָר אויך דאָס לעבן פון זיין גאַנצער משפּחה.

„טאָ ווי קען איך איצט אַוועקגיין פון זיי?" — האָט בערל ציטרין זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיר און דערמיט אַנטפּלעקט די אינערלעכע צעריסנקייט פון די איינצלנע, ענלעכע ווי ער, איינזאַמע יידן אין די טויטע יידישע שטעטלעך פון פּוילן. דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז זיין פרוי,

וואָס ווייזט אַרויס צו אים זעלטענע געטריישאַפּט, און זיינע צוויי טעכטער־לעך, וועלכע פילן זיך יידיש, זענען צו יעדער צייט גרייט, צוזאַמען מיט אים, צו פאַרלאָזן פוילן.

בערל ציטרין איז נישט אָפּגעטראָטן פון מיר במשך פון דעם גאַנצן טאָג און האָט מיך אויך באַגלייט אויף דער באַגעגעניש מיטן אַרכיטעקט קאַראָל סיטשינסקי, דער קאָנסערוואַטאָר פון היסטאָרישן קוזמיר, וועלכער האָט אין אַמאָליקן הויז פון ר׳ אהרן לוסטיק אַנטדעקט דעם באַלקן מיטן „שיויתי״ — די לעצטע יידישע אותיות אין קוזמיר.

אין דעם ריזיקן סטודיאָ פון אַרכיטעקט סיטשינסקי, וואָס האָט זיך געפונען אויף סענאַטאָרסקע גאַס, אין דעם רעסטאַווירטן, פּרעכטיקן רע־נעסאַנס־בנין פון דער צעלעיוור־משפחה, האָב איך געזען פראַגמענטן פון פּאָליכראָמישע מצבות פון אַלטן בית־עלמין. אויף אַ פּאָליצע זענען גע־שטאַנען מחזורים, מעשענע לייכטער און חנוכה־לאָמפּן, וואָס זענען געפונען געוואָרן ערגעץ אין אַ קעלער. סיטשינסקי האָט אונדז אויך געוויזן צוויי בלייפעדער־צייכענונגען פון דעם באַוווסטן פוילישן מאָלער וואַצלאַוו וואָנ־סאָוויטש, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט סצענעס פון די צונויפגעדרענגטע יידן אויפן מאַרק־פּלאַץ, בעת דער לעצטער אויסזידלונג קיין בעלזשעץ. די דאָ־זיקע צייכענונגען זאָל וואָנסאָוויטש האָבן געמאַכט פון פענצטער פון שטאָט־ראָט, וואָס סיטשינסקי האָט באַטראַכט ווי אַן אַקט פון זעלטענעם העראָיזם מצד דעם קינסטלער.

ווי סיטשינסקי האָט מיר דאַן געזאָגט, קלייבט ער די אַלע פראַגמענטן פון יידישן קוזמיר פאַר דעם געפּלאַנטן שטעטלדיקן מוזיי. דערביי האָט ער נישט פאַרגעסן צו מאַכן אַ פּראַקטישע אָנרעגונג וועגן דער פינאַנציעלער הילף, וואָס ער ערוואַרט פאַר דעם פּראָיעקט פון די לעבנגעבליבענע קוז־מירער יידן איבער גאָר דער וועלט.

נאָך דעם דאָזיקן שמועס מיט דעם אַפּוטרופּוס איבער די איבערבליי־בענישן נאָך דער 700־יאָריקער יידישע קהילה, איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז אין קוזמיר איז מער נישטאָ קיין אָרט פאַר קיין לעבעדיקע יידן. דאָס האָט מיר באַשטעטיקט דער לעצטער קוזמירער ייד, בערל ציטרין, וועל־כער האָט בעת אונדזערע וואַנדערונגען איבער די געסלעך און הייף פון

„יידן־ריינעם״ קוזמיר געהאַט דאָס געפיל, פונקט ווי איך, אַז פון אַלע זייטן קוקן אויף אונדז פיינטלעכע, פאַרדעכטיקטע אויגן.

נאָך דער באַפרייונג האָט בערל ציטרין־זשעלינסקי פרובירט זיך באַזעצן אין קוזמיר, אָבער זיינע אויפריכטיקסטע פוילישע פריינד, איינגע־שלאָסן די אולאַנאָווסקיס, אין וועמענס הויז ער איז אויפגעוואַקסן, האָבן אים אָפּגערעדט דערפון. זיי האָבן פשוט מורא געהאַט פאַר זיין לעבן, ווייל די נייע פוילישע איינוווינער, ווי אויך פיל פון די אַלטע תושבים, האָבן נישט געוואָלט האָבן אין שטעטל אַ ייד, וואָס וואָלט זיי דערמאָנט וועגן די אומגעקומענע יידן, וועמענס הייזער, שטוב־זאַכן און אַפילו מלבושים זיי האָבן געירשנט.

איך האָב פאַרלאָזט מיין היימשטעטל מיט דעם טרויעריקן געפיל, אַז דאָס יידישע קאַפּיטל פון קוזמיר איז געענדיקט, ענלעך ווי די הונדערטער אַנדערע יידישע שטעטלעך אין פוילן, ווו עס זענען נאָך דאַן געהאַט פאַרבליבן איינצלנע איינזאַמע יידן, אָדער אַפילו עטלעכע מנינים.

און דאָך איז נישט געשטילט געוואָרן מיין דראַנג זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט די דאָזיקע פאַרבליבענע יידן און אין פאַרלויף פון די יאָרן 1957—1959 האָב איך געוואַנדערט איבער די חרובע יידישע שטעטלעך, וואָס זענען אַזוי נאַטירלעך פאַרוועבט געוואָרן מיט דער פוילישער לאַנד־שאַפט. עס איז געווען ווי אַ גייעג מיטן אומברחמנותדיקן צאָן פון דער צייט, וואָס האָט צעקרישלט און צעמאָלן די לעצטע יידישע שפורן אין פוילן.

XVII

די טויטע יידישע שטעטלעך

מיין נסיעה איבער די טויטע יידישע שטעטלעך האָב איך אָנגעהויבן פון די אַמאָליקע קליינע יידישע ישובים אין דער נאָענטער אויסשטראַלונג פון וואַרשע: גראָכאָוו, לעשנאָ, אָזשאַראָוו, טרוסקאָוו, אָקוניעוו און מאַרקי־פוסטעלניק, ווו יידן האָבן געשמט מיט זייערע מוסטער־גערטנער. אין פוס־טעלניק האָבן זיך אין די דרייסיקער יאָרן געפונען הכשרה־פונקטן פאַר דער חלוצישער יוגנט, וואָס האָט זיך געגרייט עולה־צו־זיין קיין ארץ־ישראל. אין די אַלע ישובים האָב איך נישט געטראָפן קיין איינציקן ייד און אַפילו נישט קיין שפור, וואָס זאָל דערמאָנען וועגן דעם, אַז אַמאָל האָבן דאָ געלעבט יידן. דער יידישער חורבן האָט זיך בלויז געפילט אין דער פוסט־קייט פון די מאַרק־פּלעצער און אין די ווילד־פאַרוואַקסענע גערטנער, ווו די ביימער האָבן זיך געבראָכן אונטער דער גערעטעניש פון די עפּל, באַר־נעס און פלוימען פון פאַרשידענעם מין.

בעת אָט־דער רייזע זענען אָפט ביי מיר פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן חלום און וואָר. איך האָב אויפגעהערט צו זיין סתם אַן אָבסערוואַטאָר, וועלכער נאָטירט פאַקטן און פאַסירונגען, וואָס רירן אים פערזענלעך נישט אָן. די טראַגישע איבערלעבונגען, וואָס פרעמדע, צופעליק־באַגעגנטע יידן האָבן דערציילט, האָבן מיך אָפט אַרויסגעשטויסן פון גלייכגעוויכט. די דער־שיטערנדיקע געשיכטעס פון די שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אַריינגע־פלאָנטערט אין מיינע חלומות און מיר נישט געגעבן קיין רו אין די נעכט.

ביים אַריינפאָר צו די יידן־ריינע שטעטלעך פון קאָמוניסטישן פוילן זענען אומבאַרירט געבליבן די קירכלעכע פיגורן אין זייער פרימיטיווער

געשטאַלטיקונג. אויף איין אָרט איז עס אַ באַבערדלטער, נאַקעטער קריס־טוס מיט אַ היימיש־געשטיקטן לייוונטענעם האַנטעך אַרום דעם דיך און מיט אַ קראַנץ פון פעלד־שטעכלקעס אַרום דעם קאָפּ. אויף אַ צווייט אָרט איז דאָס אַ מאַדאָנע אויף אַ בלוי געקאַלכטן פּיעדעסטאַל.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ בין איך געשטאַנען אויף די פּוסטע מאַרק־פּלעצער, ווו די געוועלבלעך פון די פאַרשוווּנדענע יידן זענען געירשנט געוואָרן דורך פּוילישע שכנים, אָדער דורך די אַנגעלאָפענע פּויערים פון אַרומיקע דערפער. נישט איין מאָל האָב איך אויפגעציטערט, ווען איך האָב פּלוצים באַמערקט אויף די בלאָטיקע טראָטואַרן, אַז איך טרעט אויף אײַ־בערגעקערטע מצבה־שטיינער.

אין זכרון האָט וויטיקלעך אויפגעטויכט דאָס בילד פון די דאָזיקע שטעטלעך פאַרן חורבן, ווען אַפילו די קלענסטע קהילה פון קוים עטלעכע הונדערט נפשות האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ פעסטונג פון פאַרוואָרצלט־יידישע טראַדיציעס און שעפערישן אייגנאַרט — נישט געקוקט אויף דער טיפער נויט און ביטערן געראַנגל.

אין די הילצערנע יידישע הייזקעס אויפן מאַרק־פּלאַץ פון גראַכאָוו האָבן זיך פאַרקליבן עטלעכע צענדליק ציגיינער־משפחות מיט אַ סך קינ־דער. פון אָפּגעשיילטן געמויערטן בנין פון אַלטן גראַכאָווער בית־המדרש האָט זיך געהערט אַ מעטאַלענער געבראַזג, וואָס האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן שטעטל. דאָס זענען געווען די געקלאַפּערייען פון האַמערס אין ציגיינער־קאָאָפּעראַטיוו, ווו מען האָט פּראָדוצירט קופּערנע קעסלען, טשיי־ניקעס, ראָנדלעס און שיסלען. אויף דער מזרח־וואַנט פון געוועלבטן בית־המדרש האָט זיך נאָך געזען די טיפע נישע פון אויסגעבראָכענעם ארון־קודש.

פּוסט זענען אויך געווען די אַמאָל־רוישיקע שטעטלעך אויף דער אַזוי־גערופענער „אָטוואָצקער ליניע". אויף די געסלעך און פּלעצער פון פאַלעניץ, יוזעפאָוו, שווידער און אָטוואָצק גופא האָב איך באַמערקט בלויז איינצלנע פאַרבייגייער. אַ גרויסער טייל פון די ווילעס איז געווען פאַר־וויסט און בלויז די גרעסערע געביידעס, ווו עס האָבן זיך אַמאָל געפונען די יידישע פּענסיאָנאַטן, זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מלוכהשע אָפּרו־פּלעצער פאַר אַרבעטער און באַאַמטע. איך האָב אָבער באַמערקט, ווי איי־

ניקע פּענסיאָנאַטן זענען אַרומגעצוימט מיט שטעכעדיקן דראָט און ווערן פּאַטראָלירט דורך באַוואָפנטע וועכטער אין ציווילע מלבושים. ווי מען האָט מיר פאַרטרויט, זענען דאָס געווען פּענסיאָנאַטן פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן פון אַ העכערן שניט, וועלכע האָבן זיך געפינען אונטער „הויז־אַרעסט".

גאַרוואָלין

אין גאַרוואָלין בין איך אָנגעקומען אין פריִען באַגינען, ווען עס האָט זיך גענומען שטעלן דער וועכנטלעכער יאַריד. אויפן מאַרק־פּלאַץ האָבן זיך באַוויזן אַ צענדליק שטעלעכלעך, די אַזוי־גערופענע סטראַגאַנעס, מיט שניט־סחורות, פאַרטיקע מלבושים, שיך, וועש און אַנדערע אַרטיקלען פון ערשטן געברויך. דאָס זענען געווען פאַרטרעטער פון קאָאָפּעראַציעס, וועלכע זענען אויפן יאַריד געקומען פון די אַרומיקע גרעסערע שטעט. די איינציקע פריוואַטע הענדלער אויפן מאַרק זענען געווען די פּאַרקויפער פון עסנוואַרג ווי: היימיש־געמאַכטער וווּרשט, געבעקס, מילכיקס און אויך רעליגיעזע אַרטקלען — בילדער פון קריסטלעכע הייליקע, צלמים, פּאַטשערקעס און געבעט־ביכער.

צווישן די פאַרקויפער און קויפער אויפן מאַרק־פּלאַץ פון גאַרוואָלין האָב איך אומזיסט געזוכט אַ ייִד. פאַרן קריג זענען די איינוווינער פון דעם דאָזיקן שטעטל געווען אויסשליסלעך ייִדן. די געמויערטע הייזקעס מיט די אייזערנע באַלקאָנען פון די שטעטלדיקע גבירים זענען נישט צעשטערט געוואָרן.די ווענט פון די הייזער זענען בלויז געוואָרן אָפּגעשיילט און די טרעפּ צעלעכערט.

נאָך חושכדיקער איז געווען דאָס אויסזען אין די שטובן גופא, וואָס זענען געירשנט געוואָרן דורך די פּאָלאַקן פון די אַרומיקע דערפער. צווישן די קויטיקע בעטן זענען געהאָנגען הילצערנע קרוציפיקסן און אָפּגעבליאַקעוועטע מאַדאָנעס. דאָ און דאָרט האָב איך אין די שטובן נאָך באַמערקט ייִדישע מעבל־שטיקער — יוסטע, דעמבענע קרעדענסן און גלעזערנע

סערוואַנטקעס, פון וועלכע עס זענען אָבער געהאַט פאַרשוווּנדן די זילבערנע לייכטער און בעכערס, די חנוכּה־לאָמפּן און דאָס פּסחדיקע געפעס.

די קויפער פון מלבושים און שיך אויפן גאַרוואָלינער יאַריד זענען געווען הויפּטזעכלעך די פּויערים און פּויערטעס, וועלכע האָבן אין שטעטל אַריין געבראַכט זייערע פּראָדוקטן. די פּויערים זענען אויך געווען די געסט אין דעם פאַררויכערטן רעסטאָראַן, ווו מען האָט דערלאַנגט דעם טראַדי־ציאָנעלן פּוילישן באָרשטש מיט פלייש און די טישלעך זענען געוואָרן אָנגעשטעלט מיט ליטערס בראָנפן.

ווען איך האָב דעם באַלעבאָס פון רעסטאָראַן געפרעגט, צי עס זענען אין שטאָט פאַראַן עפּעס יידן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז סך־הכּל זענען פאַראַן בלויז צוויי יידן מיט פאַרפּוילישטע נעמען: אַדוואָקאַט כינטשעווסקי און דער געריכטס־סעקרעטאַר, זעמבראַוויטש. איך האָב די ביידע יידן טאַקע געטראָפן אין געריכט, ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ היציקע פאַרהאַנד־לונג וועגן אַ סכסוך צווישן צוויי פּויערים וועגן דער גרענעץ צווישן זייערע שכנותדיקע שטיקלעך לאַנד, אַ סכסוך, וואָס איז אַזוי אַלט, ווי פּוילן אַליין. אויך אונטערן קאָמוניסטישן רעזשים האָט דער גרענעץ־סכסוך נישט אויפ־געהערט צו זיין איינס פון די וויכטיקסטע לאַדונגען פאַר די פּראָווינציעלע געריכטן.

איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו רעדן מיט די צוויי איינ־זאַמע יידן פון גאַרוואָלין, וועלכע לעבן אונטער פאַרשטעלטע פּוילישע נעמען. די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען זענען אָנגעגאַנגען אָן שום איבעררייס, ווייל פּונקט ווי אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן איז דער יאַריד־טאָג ווייטער פאַרבליבן דער משפּט־טאָג פון דער וואָך, ווען די פּויערים פון דער געגנט קומען זיך לאָדענען אין שטעטלדיקן געריכט.

פאַרנאַכט צו האָבן מיר פאַרלאָזט דאָס אומעטיקע, האַלב־פאַרוויסטע שטעטל און עס האָבן אונדז נאָכבאַגלייט די מאָנאָטאָנע קלאַנגען פון קירכן־גלאָק, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם געסקריפּ פון אַ הילצערנעם ברונעם־ראָד, אויף וועלכן אַן אַלטער פּויער האָט ביים וועג אַרויפגעצויגן אַן עמער וואַסער.

ש. ל. שניידערמאַן

יאַבלאָנע

ביטערע זכרונות וועגן דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין פּוילן — נאָך פאַר די נאַצישע שקלאַפן־לאַגערן — האָבן אין זכרון אויפגעטויכט ביים אַריינפאָרן אין יאַבלאָנע. מיין ערשטער אימפּולס איז געווען: זען דאָס אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען דער לאַגער פון די אינטערנירטע יידישע סאָלדאַטן אין דער צייט פון דער פּויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה. דאָ און דאָרט האָבן אויפן ריזיקן היגטערשטאָטישן שטח זיך נאָך געזען האַלב־חרובע באַראַקן פון לאַגער.

אין יאָר 1919, ממש אויף צומאַרגנס ווי פּוילן האָט נאָך 150 יאָר פון אונטעריאָכונג צוריק באַקומען איר אומאָפּהענגיקייט, זענען אין יאַבלאָנע אינטערנירט געוואָרן העכער צען טויזנט יידישע זעלנער און אָפיצירן פון דער ניי־געשאַפענער פּוילישער אַרמיי. דאָס איז געווען אין מאָמענט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן גענומען צוריקשלאָגן פּילסודסקיס אַרמיי, נאָך איר איבעררעשנדיקן פאַרויסמאַרש אויף קיעוו.

דער דעמאָלטיקער שעף פון פּילסודסקיס גענעראַל־שטאַב, גענעראַל קאַזשימיעזש סאָסנקאָווסקי, האָט אויף די יידן אין דער פּוילישער אַרמיי געוואָרפן דעם בילבול פון מאַסן־פאַראַט. יידישע סאָלדאַטן און אָפיצירן — צווישן זיי פיל דאָקטוירים — זענען צוריקגעצויגן געוואָרן פון די פראָנטן און געבראַכט אין לאַסט־וואַגאָנען קיין יאַבלאָנע, ווו זיי זענען אָפּגעצוימט געוואָרן הינטער שטעכעדיקן דראָט. אין משך פון עטלעכע חדשים זענען אויסגעשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמיעס העכער דריי טויזנט אינטערנירטע יידן.

די יידישע סאָלדאַטן פון יאַבלאָנע־לאַגער האָבן געשאַפן אַ ליד פול מיט ביטערניש און פּראָטעסט קעגן דעם דאָזיקן פאַרברעכן און די יידישע יוגנט אין פּוילן האָט אין געהיים געזונגען דאָס ליד מיט דער מעלאָדיע פון פּאַטריאָטישן מאַרש פון די פּילסודסקי־לעגיאָנען: „מיר, די ערשטע בריגאַדע".

אין באַגריף פון יעדן פּוילישן ייד איז דאָס שטעטל יאַבלאָנע ענג פאַרבונדן מיטן לאַגער — דער ערשטער שאַנד־פלעק פון נייעם פּוילן. דער

דאָזיקער לאַגער איז אויפגעשטעלט געוואָרן גראָד אין יאַבלאָנע, ווו יידן האָבן במשך פון דורות געלעבט אין זעלטענער האַרמאָניע מיט זייערע פוילישע שכנים. אַן איבערבלייבעניש פון אָט די אידילישע צייטן אין יאַבלאָנע איז דער אָריגינעלער הילצערנער בנין אין צענטער פון גרויסן מאַרק־פּלאַץ, וואָס גראַף אַוגוסט פּאָטאָצקי האָט אויפגעבויט ווי אַ האַנדלס־צענטער פאַר די יידישע קרעמער, ווען ער האָט דערמוטיקט זיך צו באַזעצן אין יאַבלאָנע.

דאָס איז געווען אין די זיבעציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונ־דערט, נאָך דעם דורכגעפאַלענעם צווייטן פוילישן אויפשטאַנד. דער פאַר־וואַלטער פון די גרויסע גיטער און אונטערנעמונגען פון דער פּאָטאָצקי־משפחה איז געווען דער יידישער באַנקיר און עקאָנאָמיסט יאַן בלאָך, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די גרעסטע פינאַנס־פּאָטענטאַטן אין פוילן. ער איז געווען דער בויער פון די וויכטיקסטע באַן־ליניעס אין פוילן, פאַרמאָגט צאָלרייכע אינדוסטריעס און דערביי פאַרגע־זעצט זיין פאַרצווייגטע שריפטשטעלערישע טעטיקייט אויפן געביט פון עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע. יאַן בלאָך איז געוואָרן אינטערנאַציאָנאַל באַ־רימט מיט זיין זעקס־בענדיקן פּאַציפיסטישן ווערק: „די צוקונפטיקע מל־חמה“. אין פּאַלאַץ פון גראַף פּאָטאָצקי אין יאַבלאָנע איז אַדורכגעפירט גע־וואָרן דער שידוך צווישן דער טאָכטער פון יאַן בלאָך און דעם גרויסן פוילישן שריפטשטעלער, באַראָן יוזעף ווייסענהאָף.

יאַן בלאָך, וועלכער איז אַלס קינד אָפּגעשמדט געוואָרן דורך די עלטערן, האָט זיין גאַנץ לעבן זיך באַטראַכט פאַר אַ ייד. ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן פאַר יידישע צדקה־אינסטיטוציעס און געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט טעאָדאָר הערצל וועגן דער נויטווענדיקייט פון דורכפירן אַ וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונג וועגן אַנטיסעמיטיזם. בלאָך האָט געמוסרט די וואַרשעווער יידישע גבירים פאַר זייער קאַרגשאַפט ביים געבן צדקה. פון אים שטאַמט דאָס ווערטל, אַז וואַרשעווער יידישע גבירים גיבן אַזויפיל, „וויפל עס דיקטירן זיי זייערע שוואַכע, יידישע הערצער“.

ש. ל. שניידערמאַן

דער פּאַלאַץ פון דער פּאָטאָצקי־משפחה אין יאַבלאָנע איז געלעגן אין חורבות, פאַרבליבן איז בלויז דער בנין פון די אַמאָליקע יידישע קראָמען, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיזערנע וווינונגען פאַר דער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג. אויף איינעם פון די גע־וועלבלעך האָב איך נאָך באַמערקט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן אויפשריפט: „אברהם מאַגיד, אייזן־קראָם".

סעראָצק

פון דער אַלטער קהילה אין סעראָצק איז געוואָרן אויפגעהיט בלויז אַ בוך מיט האַרטע טאָוולען, געבונדן אין געלן פּאַרמעט. במשך פון דורות זענען אין דעם בוך פאַרשריבן געוואָרן די נעמען פון די ניי־געבוירענע יידן אין שטעטל. איך האָב געבלעטערט דאָס בוך און געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האַלט אין דער האַנט די נשמות פון די יידן, נאָך וועלכע עס איז אַפילו קיין מצבה נישט פאַרבליבן. דאָס בוך האָט מיר געוויזן די לאָקאַלע היסטאָריקערין, אירענאַ זאַקשעווסקאַ, אַ פאַראַרעמטע עלטערע גוט־באַזיצערין, וועלכע האָט פון שטאָטראָט באַקומען די אויפגאַבע אָנצושרייבן אַ מאָנאָגראַפיע לכבוד דעם 900־יאָריקן יובל פון סעראָצק.

די היסטאָריקערין האָט מיר דערקלערט, אַז שוין אין 14טן יאָרהונ־דערט האָט דאָ עקזיסטירט אַ יידישע קהילה און אַ געמויערטע שול. די טייכן נאַרעוו און בוג, וועלכע שליסן זיך צונויף ביים אַריינפאָר צום שטעטל, האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם קאָמוניקאַציע־וועג פאַר סחורות, וואָס די יידישע סוחרים האָבן פאַרשפּרייט איבער די ישובים פון מאַזאָוויע.

סעראָצק איז געווען אַן אָרעם שטעטל, אָבער מיט איינגעפונדעוועטע רעליגיעזע און וועלטלעכע אינסטיטוציעס — אַ ליי־קאַסע, אַ פאָלקס־שולע, אַ ביבליאָטעק, אַ דראַמאַטישער קרייז, אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, אַ פּראָפעסיאָנעלער פאַריין און אַ כאָר. עס האָט דאָרט עקזיסטירט אַ קעמ־פערישע יידישע יוגנט, וואָס האָט געהערט צו די פאַרשידנסטע גרופּירונ־גען. באַזונדערס שטאַרק איז געווען די חלוצישע באַוועגונג אין סעראָצק

און אַ באַדייטנדיקע צאָל יוגנטלעכע איז טאַקע באַצייטנס אַוועק קיין ארץ־ישראל.

סעראָצק האָט אַרויסגעגעבן אַ באַגאַבטן דיכטער און מאָלער, יאָסל גראָסבאַרד, וועלכער האָט קורץ פאַרן מלחמה־אויסברוך גענומען ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די יידיש־ליטעראַרישע און קינסטלערישע קרייזן אין וואַרשע. אין זיינע טיף־אומעטיקע לידער וועגן שטעטל איז געקומען צום אויסדרוק דאָס געמיט פון ליריקער און דאָס אויג פון פלאַסטיקער. אין יאָר 1939, ממש ערב דער קאַטאַסטראָפע, האָט יאָסל גראָסבאַרד אָנגעשריבן אַ ליד, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט די טיפע פאַרצווייפלונג פון זיין היימשטעטל סעראָצק. עס איז געווען אַ מין פאָרגעפיל פון חורבן:

דער זומער איז מיט די לעצטע פייגל שוין אַוועקגעפלויגן,
די טעג האָבן זיך מיט גראָקייט אָנגעזויגן.
איינגעטוליעט האָט דער ישוב זיך צוזאַמען,
אַרומגענומען, ווי קינדער מיט אַ מאַמען.

טריבער האַרבסט איז איצטער דאָ,
דער הימל אַ געלאַטעטער — גראָ אויף גראָ.
הוילע, נאַקעטע שפּיגלען זיך די וועגן
אין לוזשעס, בלאָטעס און אין רעגן.
— — — — — — — — — — — — —
יורדים זענען מער פאַראַן ווי פריער
שרעק און לויער — וואַכט ביי יעדער טיר.
נישט נאָר ביי ר׳ גדליהן זענען די לאָדנס פאַרקלאַפּט.
ס׳טרעפט: אַז אינדערפרי שטעלט זיך דאָ די נאַכט.

פון די פיר טויזנט יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין סעראָצק, אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון זעקס טויזנט, זענען לעבן־געבליבן קוים קנאַפּע הונדערט. די מערהייט פון די גרעסטעוועטע סעראָצקער

יידן — אַרום זעכציק אין צאָל — האָט עולה־געווען קיין מדינת ישראל. די איבעריקע זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט.

ווי באַגלייט דורך די שאָטנס פון די פאַרשוווּנדענע יידן האָב איך זיך באַוועגט איבער די פּוסטע, אומעטיקע געסלעך פון סעראַצק. כ׳בין געגאַנגען איבער די טרעפּ פון די הילצערנע הייזקעס און זיך צוגעהערט צו די פאַרנעפּלטע זכרונות פון דעם וועגווייזער, וואָס דער פאַרזיצער פון שטאָטראַט האָט מיר צוגעטיילט. דאָס איז געווען דער פאַרמלחמה־דיקער פּאָלקס־לערער אַנטאָני ריבניצקי. ער האָט אָנגערופן די נעמען פון די אַמאָליקע יידישע באַלעבאַטים פון די הייזקעס אויפן מאַרק־פּלאַץ און אויף דער קאָשטשושקאָ־גאַס — די הויפּט־אַרטעריע פון שטעטל.

דער גרוי־האָריקער, מיטל־וווּקסיקער ריבניצקי האָט מיט גרויס פאַר־ערונג גערעדט וועגן דעם אַלטן סעראַצקער רב, וועמענס נאָמען ער האָט זיך מער נישט געקענט דערמאָנען. ער האָט אים אָבער פאַר מיר גע־שילדערט ווי אַ פּראַכטפולע געשטאַלט מיט אַ שניי־ווייסער באָרד. מיין וועגווייזער האָט אויך געוווּסט צו דערציילן, אַז אין די צוואַנציקער יאָרן האָט אין סעראַצק זיך געטומלט מיט עפּעס אַ רבין, אַ בעל־מופת. (ער האָט גענוצט דעם אויסדרוק: „צאַדיק־צודאָטוורצא״). דערביי האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ הייזקע מיט אַן אייזערנעם באַלקאָן, ווו דער רבי האָט געוווינט.

דער געוועזענער פּוילישער לערער האָט פאַר מיר אויפגעלעבט פאַרביקע עפּיזאָדן פון דער אַזוי־נאָענטער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין סעראַצק, פון וועלכער ס׳איז אין שטעטל מער נישט פאַרבליבן קיין זכר. בלויז אין די געמיטער פון דעם טראַגישן רעשטל סעראַצקער יידן — וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט — לעבן די פאַרשוווּנדענע געשטאַלטן פון אָט דעם אָרעמען, אָבער וווּנדערלעכן שטעטל ביים ברעג פון טייך נאַרעוו.

דער רום פון סעראַצק איז אין דער יידישער וועלט אויסגעוואַקסן אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען עס איז דאָרט אויפגעגאַנגען דער שטערן פון דעם גאונישן רב, ר׳ יוסף לעווענ־

שטייך. העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער פאַרנומען דעם דאָרטיקן כסא הרבנות — פון 1874, ביז זיין פּטירה אין יאָר 1924.

אין אָט דעם שטילן שטעטל, צו וועלכן די באַן איז קיינמאָל נישט דערגאַנגען, האָט ר׳ יוסף לעווענשטיין געפירט אַ שעפעריש לעבן. ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע ירושה פון ספרים, וואָס פאַרנעמען גאָר אַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער רבנישער ליטעראַטור פון דער נייער צייט. חוץ זיינע פּירושים אויף תורה און תלמוד האָט דער סעראָצקער רב געשאַפן אַ מאָנומענטאַל ווערק — אַ מין רבנישער לעקסיקאָן — „דור דור ודורשיו״, אין וועלכן ס׳זענען פאַראַן 6.600 ביאָגראַפיעס פון רבנים און רביישע דינאַסטיעס.

וואָס שייך דעם סעראָצקער בעל־מופת וועגן וועלכן דער פּוילי־שער לערער האָט מיר דערציילט אין אַ טאָן, גלייך ווי דאָס וואָלט גע־ווען אַ געשטאַלט פון דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט — האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן דעם יונגן רבין, אהרן קאַצענעלנבויגן. אין שביעי של פּסח פון יאָר 1926 האָט ער פּלוצים גערופן זיינע חסידים צו גיין באַגעגענען משיחן ביי די „נאַפּאָלעאָנישע בערג״ הינטערן שטעטל.

ר׳ אהרן קאַצענעלנבויגן האָט געטענהט, אַז ער ציט זיין יחוס פון בעל שם־טוב. ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקו־מען קיין סעראָצק פון אַ שטעטל אין וואָלין און אַרום דעם יונגן רבין האָט גלייך זיך גענומען זאַמלען די אָרימקייט פון סעראָצק — די קצבים, באַלעגאָלעס, דאָרפס־גייער און טרעגערס, וואָס האָבן זיך געראַנגלט פאַר דער טעגלעכער חיונה.

די חסידים האָבן וועגן אים דערציילט, אַז ער איז טאָג און נאַכט עוסק אין קבלה, אָבער אויסערלעך האָט ער נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון אַ בעל־קבלה. ער איז אַלעמאָל געווען אויסגעפּוצט אין אַ זיידענער זשופּיצע, גימזענע שטיוועלעך, אַ טייערן שטריימל און דאָס העלע, בלאָנדע בערדל פיין פאַרקעמט. אויך די רביצין האָט אין שטעטל גע־שמט ווי אַ שיינהייט און איז געווען אָנגעטאָן עלעגאַנט.

דער אַלטער סעראָצקער רב, ר׳ יוסף לעווענשטיין, האָט געהאַט ערנסטע באַוואָרענישן וועגן דער התנהגות פון יונגן רבין, אָבער אין

זיין גרויסער טאָלעראַנץ האָט ער געשוויגן. ערשט נאָך דער פּטירה פון אַלטן רב, ווען דער כסא הרבנות אין סעראָצק איז פאַרנומען געוואָרן דורך דעם יונגן חסידישן רב, אברהם יצחק מאָרגנשטערן, פון דער קאָצקער גזע, האָט זיך אין סעראָצק אָנגעהויבן די גרויסע מחלוקת. אין הסכם מיט די טראַדיציעס פון קאָצק — ווו מען האָט נישט געפּראַוועט קיין מופתים — האָט דער יונגער רב גענומען באַקעמפן דעם סעראָצקער רבין.

דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך באַזונדערס צעפלאַקערט, ווען ר' אהרן קאַצענעלנבויגן האָט זיך פּלוצים גענומען רופן „סעראָצקער מגיד". ביי די שלוש־סעודותן האָט ער אָנגעהויבן זאָגן, אַז עס דערנעענטערן זיך משיחס צייטן און מען דאַרף זיך גרייטן פאַרן גרויסן טאָג פון גאולה. דער סעראָצקער רבי האָט געלאָזט רופן צו זיך דעם רייכן שניידער פון שטעטל, יאָסל גזשעביעניאַזש, וועלכער האָט גענייט די מלבושים פאַר די שררות פון דער געגנט, איינגעשלאָסן פירשט ראַדזשיוויל. ער האָט אים געהייסן אויפניייען פאַר זיך עטלעכע זיידענע זשופּיצעס אין די סאַמע־העלסטע פאַרבן — בלוי, גרין און רויט. ביים היטלמאַכער פון שטעטל האָט דער רבי באַשטעלט אַ זיידענעם, רויטן קאַלפּאַק, אויף וועלכן ער האָט געלאָזט אויסנייען עפּעס אַ שם. דאָס איז געווען אין ווינטער פון יאָר 1926.

שביעי של פסח, ווען דער סעראָצקער מגיד פלעגט געוויינלעך דאַווענען מוסף אין דער גרויסער שול, האָט ער נאָך קריאת־התורה פּלוצים אַ זאָג געטאָן צום עולם, אַז היינט וועט ער היילן די קראַנקע אין שטעטל. נאָכן דאַווענען איז דער רבי מיטן גאַנצן עולם אַרויס אויף דער גאַס און זינגענדיק און טאַנצנדיק זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון מאַרק. דערנאָך איז דער רבי אַרויף צו זיך אויפן באַלקאָן, אָנגעטאָן די בלויע, זיידענע זשופּיצע און דעם רויטן קאַלפּאַק און מיט רמזים גענומען רעדן צום עולם, אַז שוין אין די נאָענטסטע טעג קומט משיח. זיינע חסידים האָבן צונויפגעבראַכט די קראַנקע פון שטעטל. צווישן זיי איז געווען אַ יונגערמאַן, אַ בעקערס אַן איידעם, וועלכער האָט במשך פון עטלעכע יאָר געליטן פון אַ שווערער שלאָף־קראַנקייט.

שמואל ברוכאַנסקי, איינער פון די לעבן־געבליבענע סעראַצקער יידן, וועלכער האָט יינגלווייז בייגעווויינט די דאָזיקע אויסטערלישע סצענע, האָט מיר דערציילט, אַז נאָכדעם ווי דער רבי האָט אַ געשריי געטאָן: „שטעל זיך אויף און גיי!" — האָט דער קראַנקער, צו אַלעמענס שטוי־נונג, זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין.

די ידיעה וועגן דעם מופת האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער די אַרומיקע שטעטלעך. פון אַלע זייטן זענען יידן געקומען בעטן הילף ביים סעראַצקער רבין. די לעגענדעס וועגן די מופתים פון סעראַצקער מגיד האָבן אָבער פּלוצים געפּלאַצט, ווען ער האָט געהייסן דורכפירן דעם ברית־מילה פון אַ קראַנק קינד און דאָס קינד איז גלייך נאָכדעם גע־שטאָרבן. דער רבי איז אַריינגעפאַלן אין גרויס עצבות, געוואָרן קראַנק און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

מיין וועגווייזער איבער סעראַצק, דער אַלטיטשקער פּוילישער לע־רער, האָט מיך געפירט צום וואַרשעווער שאָסיי, בכדי מיר צו ווייזן, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס יידישע בית־עלמין און דער אהל פון סעראַצ־קער רב, ר' יוסף לעווענשטיין. דערפון איז אָבער נישט געבליבן קיין זכר. אויפן אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס יידישע בית־עלמין, האָבן אין דעם פּרי־האַרבסטיקן, זוניקן נאָכמיטאָג זיך געשפּרייט פריש־צע־אַקערטע פעלדער און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דער גערוישום פונעם טייך נאַרעוו.

פולטוסק

אויף דער מאַפּע פון פּוילן האָט פולטוסק פיגורירט ווי אַ שטאָט שוין אין יאָר 1257. יידן האָבן געהערט צו די שטאָט־בויער און ביים סוף פון 15טן יאָרהונדערט האָט אַ פולטוסקער ייד פאַרלייגט איינע פון די ערשטע דרוקערייען אין פּוילן. דאָרט איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ באַנד דרשות פון דעם יעזויִטישן גלח, דעם גרויסן פּוילישן מוסרניק און גייסטרייכן פּאָלעמיסט, פּיאָטר סקאַרגאַ. אין דער צווייטער העלפט

פון 16טן יאָרהונדערט האָט פּיאָטר סקאַרגאַ אַ שטיק צייט געלעבט אין פּולטוסק, ווי דער הויפּט פון יעזויִטישן אָרדן. דאַן איז ער אַרויסגערופן געוואָרן קיין קראָקע דורך קיניג זיגמונט דעם 3טן און איז געוואָרן זיין אָפיציעלער פּרעדיקער.

במשך פון הונדערטער יאָרן איז דער נאָמען פון פּיאָטר סקאַרגאַ געווען פאַרבונדן מיט דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון דער יידישער קהלה אין פּולטוסק. אויף דער פּיאָטר־סקאַרגאַ־גאַס האָט זיך געפונען די אַלטע שול, דאָס געמויערטע בית־המדרש, דאָס מרחץ און די מקווה. אין דער נייער צייט זענען דאָרט אויסגעוואַקסן חסידישע שטיבלעך, חדרים און די קאָאָפּעראַטיווע באַנק. דאָס איז געווען די גאַס פון יידישע באַלמעלאָ־כעס און קרעמער — די גאַס פון דער יידישער אָרימקייט אין פּולטוסק.

פון דעם אַלעמען איז נישט פאַרבליבן קיין שפּור. די הילצערנע הייזקעס זענען אַוועק מיטן רויך און פון דער אַלטער שול איז בלויז פאַרבליבן אַ קופּע שטיינער. אויף אַ מויער ביים עק פון דער גאַס איז אָבער פאַרבליבן די אויפשריפט: „גאַס אויפן נאָמען פון פּיאָטר סקאַרגאַ".

נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס יידישע פּולטוסק האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון כמעט אַ האַלבן יאָרטויזנט, האָט די דאָזיקע פאַרמעג־לעכע יידישע קהלה נישט אַרויסגערוקט קיין פּירנדיקע, רעליגיעזע אָדער וועלטלעכע פּערזענלעכקייטן. אין דעם פּרט איז זי געוואָרן פאַרשאָטנט דורך פיל קלענערע שטעטלעך פון דער געגנט. צווישן די פּולטוסקער רבנים האָט זיך בלויז אַרויסגערוקט ר' לאַזער פּולטוסקער, וועלכער האָט געשמט אין דער שטורמישער עפּאָכע פון יאָר 1863, ווען ער האָט גערופן די יידן פון זיין קהלה צו שטיצן דעם פּוילישן פרייהייטס־קאַמף.

פּולטוסק באַלאַנגט צו די אָריגינעלסטע שטעט פון מיטעלער גרויס אין פּוילן. דער מאַרק־פּלאַץ מיט די היסטאָרישע בנינים געפינט זיך אויף אַן אינדזל, אין די אָרעמס פון טייך נאַרעוו — ענלעך ווי אין פּאַריז, וווּ אויף דעם אינדזל פון טייך סען געפינט זיך דער עלטסטער טייל פון דער שטאָט, די אַזוי־גערופענע „סיטע".

יידן האָבן אין פּולטוסק געלעבט מער־ווייניקער רויִק במשך פון יאָרהונדערטער. דאַקעגן אָבער אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז פּולטוסק,

ענלעך ווי הונדערטער אַנדערע יידישע ישובים, אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך דער באָיקאָט־באַוועגונג און אַנטי־יידישע העצערייען. וועגן די יידיש־פּוילישע באַציונגען אין פּולטוסק זאָגט עדות אַ מערקווירדיקע נאָטיץ, וואָס איז אין יאָר 1928 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּולטוסקער וואָכנבלאַט „אונדזער וואָרט". אין דער נאָטיץ זאָגט זיך: „מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אין פּולטוסקער מאַגיסטראַט אָנגעהויבן צו אַרבעטן אַ יידישע באַאַמטין". דאָס איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין דער קרייז־שטאָט פּולטוסק, ווו אויף אַ באַפעלקערונג פון קנאַפּע 20.000 האָבן זיך געפונען העכער 7.000 יידן.

פּולטוסק איז געווען אַ יידישער קולטור־צענטער פאַר די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. עס איז דאָ דערשינען איינס פון די בעסטע יידישע וואָכנבלעטער אין פּוילן, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורך דעם באַגאַבטן פּאָעט שמחה דן, וועלכער איז אומגעקומען אין אַ לאַגער. פּולטוסק האָט געהאַט אַ יידישע גימנאַזיע, אַ גרויסע „הזמיר"־אָרגאַניזאַציע מיט אַן אָרקעסטער. ביבליאָטעקן האָבן עקזיסטירט ביי אַלע פּאַרטייען — פון די רעוויזיאָניסטן, ביז די פּאָלקיסטן, לינקע און רעכטע פּועלי־ציון, חוץ דער גרויסער אומפּאַרטייִשער י. ל. פּרץ ביבליאָטעק. דער דראַמאַטישער קרייז אין פּולטוסק איז אייגנטלעך געווען אַ מין טעאַטער־סטודיע, וואָס האָט אויפגעפירט די וויכטיקסטע ווערק פון יידישע דראַמאַטורגן און גאַסטראָלירט אין די אַרומיקע שטעטלעך.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אין פּולטוסק באַזונדערס פאַרשטאַרקט געוואָרן די חלוצישע באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט אירע הכשרה־פּונקטן אין שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער. צענדליקער יידישע בחורים און מיידלעך פון דאָרט האָבן עולה געווען קיין ארץ־ישראל.

צווישן די חרוב־געוואָרענע יידישע קהילות אין פּוילן איז נישטאָ נאָך אַ שטאָט, וועמענס יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך האָבן געראַטעוועט אין אַזאַ גרויסער צאָל, ווי פּולטוסק. פון די העכער 7.000 יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען לעבן געבליבן אַרום פינף טויזנט. די פּולטוסקער יידן האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט. די מערהייט — אַרום דריי טויזנט —

האָט עולה געווען קיין ישראל, אָבער אין פולטוסק גופא איז נישט פאַר־בליבן קיין איין ייד.

דער רעטונגס־נס פון די פולטוסקער יידן איז פול געווען מיט מורא־דיקע ענויים און צאָלרייכע קרבנות. קוים ניין טעג נאָך דער נאַצישער אַטאַקע אויף פוילן איז פולטוסק אָקופּירט געוואָרן דורך „רייכסווער"־סאָלדאַטן, וועלכע האָבן גלייך געוואָרנט די יידן: „מיר וועלן אייך גאָר־נישט טאָן. מיר בלייבן אָבער דאָ זייער קורץ. נאָך אונדז וועלן קומען די ס.ס.־לייט און די געסטאַפּאָ, און זיי וועלן אייך פאַרניכטן".

אין ערשטן טאָג ראש־השנה האָט זיך אָנגעהויבן דער פּאָגראָם. אַ גרופּע ס.ס.־לייט איז באַפאַלן דאָס חסידישע שטיבל אין יוחננס הויף און באַפוילן די יידן אין די טליתים און מיט ספרי־תורה אין די הענט אַרויסגיין אויף דער גאַס. די נאַציס האָבן דאַן געבראַכט קריסטלעכע פריזירער און באַפוילן אָפּצושערן ביי אַלע יידן אַ האַלבע באָרד און אַ העלפט פון די האָר אויפן קאָפּ — אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט. אַזוי האָבן די נאַציס געטריבן די יידן איבער דער סענאַטאָרסקע גאַס און פילמירט די טראַגישע פּראָצעסיע.

ערב סוכות איז געקומען דער באַפעל וועגן גירוש פולטוסק. אין משך פון עטלעכע שעה האָט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג געמוזט אַרויס פון דער שטאָט און איבערלאָזן זייער האָבן און גוטס. די יידן, וועלכע האָבן זיך גראָד געפונען אין די בתי־תפילה זיינען אין די טליתים געטריבן געוואָרן צום ווישקאָווער וועג. אין מאָמענט, ווען די טויזנטער יידן האָבן זיך געדרענגט אויף דער בריק, איבערן טייך נאַרעוו, האָבן די נאַציס פון שלאָס־טורעם זיי גענומען באַשיסן מיט מאַשין־געווער און פון עראָפּלאַנען געוואָרפן אויף זיי צינד־באָמבעס. הונדערטער יידן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע פאַקלען און אויסגעגאַנ־גען אין מוראדיקע יסורים.

אַט אַזוי זענען די פולטוסקער יידן געלאָפן אין דער ריכטונג פון דער נייער רוסישער גרענעץ, וואָס האָט דאַן, נאָך דער סאָוועטיש־דייַטשער צעטיילונג פון פוילן, זיך געפונען אין שטעטל זאַרעמב (זאַרעמבי קאָשטשיעלנע).

ביי זייער אָנקום קיין זאַראָמב זענען די פּולטוסקער יידן באַגעגנט געוואָרן מיט גרויס פריינדלעכקייט דורך סאָוויעטישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיי פאַרטיילט ברויט. ווי אַ צוגאָב האָט נאָך אַ מיליטערישער אָר־קעסטער געשפּילט אויפן מאַרק־פּלאַץ. פון זאַראָמב זענען די פּולטוסקער יידן אָפּגעפירט געוואָרן קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרט זענען זיי עוואַ־קוּירט געוואָרן אין די פאַרשידנסטע געגנטן פון סאָוועט־רוסלאַנד.

נאָכן קריג, אין די יאָרן 1945־1946, איז מיטן ערשטן מאַסן־שטראָם פון יידישע רעפּאַטריאַנטן פון סאָוויעט־רוסלאַנד צוריקגעקומען קיין פּוילן דער גרעסטער טייל פון די לעבן־געבליבענע פּולטוסקער יידן. זיי זענען אויך געווען צווישן די ערשטע, וואָס זענען נאָכן קעלצער פּאָגראָם אַנט־לאָפן פון פּוילן אין די דייטשע לאַגערן און פון דאָרט אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל און אין אַנדערע לענדער.

פון די יידישע מערקווירדיקייטן אין אַט־דער אַלטער יידישער קהילה זענען פאַרבליבן די געמויערטע, פעסטונגסאַרטיקע הייזער אויפן מאַרק־פּלאַץ, אין סטיל פון שפּעטן רענעסאַנס. זיי זענען געבויט געוואָרן דורך די רייכע יידישע תבואה־סוחרים, וועלכע האָבן מיטן טייך נאַרעוו גע־שיקט פון פּולטוסק טראַנספּאָרטן תבואה קיין דאַנציג און פון דאָרט געבראַכט פּאָרצעליי, בורשטין און אַנדערע לוקסוס־אַרטיקלען פאַר די פּריצים פון דער געגנט.

אַמשינאָוו

אַ פרעמדער ייד, וועלכער וואָלט אָנגעקומען אַהער און ביים אַריינ־פאָר צום שטעטל איבערגעלייענט דעם אויפשריפט „משטשאָנוּוו", וואָלט זיך קוים אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז ס'אַלטע יידישע אַמשינאָוו, ווו דער זון פון ר׳ יצחקל ווארקער האָט איינגעשטעלט די דינאַסטיע פון די אַמשינאָווער רביים.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַזוכט אַמשינאָוו אין יאָר 1927 — עטלעכע טעג נאָכן טויט פון דעם אָריגינעלן פּראָזאַיקער און דראַמאַטורג

ה. ד. נאָמבערג, וועלכער האָט געשטאַמט פון דאָרט. די הויפּט־גאַס פון שטעטל האָט געגרוישט ווי אַ בינשטאָק. אַ טיר אין אַ טיר האָבן פוןביידע זייטן גאַס זיך געצויגן צענדליקער קליינע יידישע קרעמלעך און גרויסע געוועלבער. יידן מיט פאַרשידנפאַרמיקע בערד און פּיאות, לאַנגע קאַפּאָטעס און קיילעכדיקע היטלעך, פון הינטער וועלכע עס האָט גאַנץ אָפט נאָך אַרויסגעקוקט אַ יאַרמולקע, נידעריק פאַררוקט אויפן קאַרק, האָבן פלינק זיך באַוועגט אין די געוועלבלעך, וואָס זענען פול געווען מיט פויערישע קונים פון די אַרומיקע דערפער.

אויפן מאַרק־פּלאַץ זענען געשטאַנען גרופּקעס יונגעלייט מיט לייכט צוגעשוירענע בערדלעך, אָדער שוין ראַזירט; טייל נאָך מיט קיילעכדיקע היטעלעך, אַנדערע שוין מיט וועליסאָפּעד־היטלעך אָדער קאַפּעליושן. זיי האָבן זיך שטאַרק געאַמפּערט, וועלכע פון די שטעטלדיקע טיפּן דער פאַרשטאָרבענער נאָמבערג האָט פאַראייביקט אין זיינע דערציילונגען. זיי האָבן די העלדן אָנגערופן ביי זייערע אמתע נעמען און דערביי דערציילט אַזאַ עפּיזאָד: איינער פון די העלדן איז מיט יאָרן צוריק געהאַט באַפאַלן אין מיטן גאַס נאָמבערגן, ווען דער שוין באַרימטער שרייבער איז געקומען צו גאַסט אין זיין היים־שטעטל. דער דאָזיקער ייד, וואָס האָט זיך אַליין געהאַט דערקענט, ווי דער העלד פון נאָמבערגס אַ דערציילונג, איז געווען אַ ריז און ער האָט מיט די פויסטן זיך געוואָרפן אויף דעם דראָבבינקן נאָמבערגן, וועלכער איז געווען אַ חלוש. צום גליק איז נאָמבערג באַשיצט געוואָרן דורך זיינע באַגלייטער.

ה. ד. נאָמבערגס זיידע פון דער מוטערס צד, ר׳ אהרן אייזענבערג, איז געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר. ער האָט געפירט מסחרים מיטן פריץ פון דערביייִקן גרויסן גוט, באָבסק, און פלעגט פאָרן איבערן שטעטל אין אַ קאָטש, געשפּאַנט אין אַ „טראַיקע". יעדעס יאָר האָט ער עטלעכע חדשים פאַרבראַכט אין דאַנציק. ער איז געווען דער נאַטשאַלניק פון די שטעטלדיקע פייערלעשער און פלעגט רייטן אויף אַ פערד. פון אָט־דעם זיידן האָט ה. ד. נאָמבערג געירשנט זיין לוסט נאָך עולם־הזה און זיין דראַנג צו זען די גרויסע וועלט.

אויפן מאַרק־פּלאַץ פון אַמשינאָוו זענען געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט מעלדונגען אין שוואַרצע רעמלעך וועגן טויט פון ה. ד. נאָמבערג. די נעקראָלאָגן זענען אויסגעהאַנגען געוואָרן דורך דער אַמשינאָווער אָפּ־טיילונג פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, פון וועלכער ה. ד. נאָמבערג איז געווען אַ מיטגרינדער. די דאָזיקע טרויער־מעלדונגען האָב איך געזען אויף אַלע גאַסן און געסלעך, חוץ אין דער שול־גאַס, די פעסטונג פון אַמשי־נאָווער רבין, ר׳ יוסף קאַליש. ווי מען האָט מיר דאַן געהאַט דערציילט, איז אַפילו געקומען צו אַ געשלעג צווישן די היציקע חסידים און די פאָלקיסטן, וועלכע האָבן פּרובירט אויפהענגען אַזאַ נעקראָלאָג אויפן הויז, ווו נאָמבערג איז געבוירן געוואָרן, אין שכנות פון רבישן הויף. די חסידים האָבן אָבער דערצו נישט דערלאָזט. בכלל זענען אין אַמשינאָוו אַלעמאָל אָנגעגאַנגען ביטערע אידעיִשע מחלוקתן צווישן חסידים, מתנג־דים און די פאַרשידענע וועלטלעכע גרופּירונגען.

אין נאָמבערגס משפחה זענען געווען פאַרקערפּערט די פאַרשידענע וועלטן, וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין דער נשמה פון דעם יונגן שרייבער, וועלכער איז ווי אַ ישיבה־בחור געקומען צו פּרצן מיט אַ פּעקל העברעישע שירים און איז שפּעטער אַריבער צו שרייבן יידיש. די געראַנגלענישן זענען געקומען צום אויסדרוק פון איין זייט אין נאָמבערגס ראַציאָנאַליזם, קלאָרע לאָגיק און זעלטענע פּיקחות און פון דער צווייטער זייט איז עס געווען דער טיפער לירישער פּעסימיזם, ספקות און נשמה־צעשפּליטערטקייט פון די העלדן אין זיינע דערציילונגען.

בעת מיין באַזוך אין אַמשינאָוו, אין יאָר 1957, נאָך אַ צייט־אָפּשניט פון העכער דרייסיק יאָר, האָב איך געטראָפן אומפאַרענדערט דאָס שול־געסל, ווו נאָמבערג איז געבוירן געוואָרן. דער חורבן האָט דאָס שטעטל נישט אָנגערירט. די אַמשינאָווער יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין געטאָ פון שכנותדיקן ראַווע־מאַזאָוויעצק, ווו זיי זענען אומגעקומען.

איך האָב נאָך געטראָפן דאָס הויז פון נאָמבערגס גבירישן זיידן, ר׳ אהרן אייזענבערג — אַ הילצערנער בנין מיט אַ גרויסער געשניצטער וועראַנדע. אויך די בנינים פון רבישן הויף זענען נישט צעשטערט גע־

וואָרן. אין געמויערטן בית־המדרש האָט זיך געפונען אַ שוסטער־קאָ־אָפּעראַטיוו. די בנינים מיט די הויכע פענצטער, אין וועלכע עס האָט גע־וווינט די פּאַרצווייגטע משפּחה פון אַמשינאָווער רבין, זענען פאַרנומען געווען דורך פּוילישע אַרבעטער, מייסטנס פּרעמדע, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט אין די יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע.

ביים סאַמע ראָג פון שול־געסל האָט זיך געפונען אַ נעבעכדיק שפּייז־געוועלבל, איינס פון די געציילטע פּריוואַט־אונטערנעמונגען אין אַמשי־נאָוו, וואָס זענען אויפגעקומען נאָך דעם פּוילישן אָקטאָבער־רעוואָלט פון יאָר 1956. דער אייגנטימער פון געוועלב, אַ מאַן אין די זעכציקער, ביי וועלכן איך האָב געקויפט אַ פונט עפּל, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט גוט געקענט דעם לעצטן אַמשינאָווער רבין, ר׳ יוסף קאַליש, וועל־כער איז נפטר געוואָרן קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג.

„איך האָב צוגעשטעלט האָלץ פאַרן רבין — האָט ער געזאָגט — שוין אין זומער פלעג איך אָנלייגן אויפן הויף גאַנצע סאַנגעס. איך האָב גוט געקענט דעם צדיק (ער האָט גענוצט דעם אויסדרוק „צאַדיק"). ער איז געווען אַ קלוגער מאַן. אַפילו אונדזער פּריץ פון שכנותדיקן גוט, באַבסק, האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים און ער פלעגט פאַר אים פאַר־זייען אַ מאָרגע ווייץ אויף מצות.

„מיר פּאָלאַקן — האָט דער קרעמער פון אַמשינאָוו זיך מתנצל גע־ווען פאַר מיר — האָבן היפּש גע׳זינדיקט לגבי אונדזערע יידעלעך... (ער האָט גענוצט דעם פּוילישן אויסדרוק „זשידקי") און דערפאַר האָט אונדז גאָט געשטראָפט מיט אַזאַ ביטערער דאָליע. מיר האָבן נאָר געהאַט טענות צו די יידן, אַז זיי זענען שולדיק אין אַלץ. ערשט איצט האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז ווען די יידן זענען דאָ געווען, האָבן אויך מיר, פּאָלאַקן, אַנדערש געלעבט. עס איז געווען ביי וועמען צו פאַרדינען. ווען אונדזער שטעטל האָט געהייסן „אַמשינאָוו", ווי די יידן האָבן עס גערופן, האָט זיך דאָ גערודערט, געקאָכט. איצט אָבער, זעט, וואָס פאַראַ פּנים עס האָט אונדזער משטשאָנוו — עס איז אַן אָפּגעשטאָרבן שטעטל".

ראַווע־מאַזאָוויעצק

די שטעטלעך אין פּוילן, ווו איך האָב נישט געטראָפן מער קיין איינציקן ייד, האָבן מיר אויסגעזען וויניקער טראַגיש, ווי די שטעטלעך, ווו עס זענען נאָך געהאַט פאַרבליבן עטלעכע יידן. דאָס דאָזיקע געפיל האָב איך געהאַט, ווען כ׳בין אָנגעקומען פון „יידן־ריינעם״ אַמשינאָוו אין היסטאָרישן ראַווע־מאַזאָוויעצק.

פון די העכער 6.000 יידן, וואָס האָבן געוווינט אין אָט־דער אַמאָל רוישיקער האַנדלס־שטאָט, האָב איך געטראָפן נישט מער ווי דריי יידישע נפשות — די אַלמנה, האַפּנונג, מיט איר צעניאָריק מיידעלע, רויזע, און משה בראָנער. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער פרוי, וועלכע האָט אים אויסבאַהאַלטן נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין יאָר 1942. אַ יאָר שפּעטער איז ער אַריבער צו די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער.

ווי אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן, האָט משה בראָנער באַקומען צוגעטיילט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין ראַווע־מאַזאָוויעצק אַ שטיקל לאַנד צום באַאַרבעטן, וואָס האָט אייגנטלעך געהערט צו דער יידישער קהלה. אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט זיך געפונען די אַלטע הילצערנע שול, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן, ווי נאָר די נאַציס זענען אַריין אין שטאָט. פאַר דער פּריווילעגיע פון נוצן דאָס שטיקל לאַנד, וואָס בראָנער און זיין פרוי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ גרינוואַרג־גאָרטן, האָט ער גענומען אויף זיך די פליכט אָפּצוהיטן דאָס יידישע בית־עלמין. בראָנער האָט מיך טאַקע גע־פירט אַהין און מיר באַוויזן מיט שטאָלץ דעם פאַרראַכטענעם פּלויט און די מצבות, וואָס ער האָט צוריק אויפגעשטעלט. ער האָט אויך אַריבער־געטראָגן פון ליקווידירטן אַלטן בית־עלמין עטלעכע היסטאָרישע מצבות פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט. מיט אַ טאָן פון טיפער ביטערניש האָט בראָנער מיר אָנגעוויזן אויף די נאָך־פרישע שפּורן פון צעגראָבענע קברים, ווו פּוילישע וואַנדאַלן האָבן, שוין נאָך דער באַפרייונג, געזוכט גאָל־דענע ציין ביי די יידישע מתים.

בראָנער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אין שטוב, אין אַ געמויערטן הויז אויפן מאַרק, מיט גאָטישע געוועלבונגען. עס איז געווען פרייטיק

פאַרנאַכט און שוין אויף די טרעפּ האָט מיר אַ שלאָג־געטאָן אין פּנים אַ זיסלעך־פּעפּערדיקער ריח פון פריש־געקאָכטע, שבתדיקע פיש. די טיר האָט אונדז געעפנט זיין פרוי, וועלכע האָט צו מיין איבערראַשונג גערעדט אַ פליסיקן יידיש. אויפן טיש זענען געשטאַנען צוויי גרויסע זילבערנע לייכטערס מיט ליכט, גרייט צום צינדן, און אויף דער בייכיקער דעמ־בענער קאָמאָדע איז געשטאַנען אַ מעשענער חנוכה־לאָמפּ. אין אַ גלעז־זערנער סערוואַנטקע האָב איך באַמערקט אַ צוויי צענדליק יידישע בי־כער: די ווערק פון שלום עליכם, י. ל. פרץ, אברהם רייזען און פון די עטלעכע יונגע יידישע שרייבער אין פוילן. איך האָב אין דעם שענקל אויך געזען אַן הגדה, אַ סדור און עטלעכע מחזורים.

אויף דער וואַנט, איבער דעם קאַלענדאַר פון מדינת ישראל, איז הינטער גלאָז געהאַנגען אַ פּאָרטרעט פון אַ הדרת־פּנימדיקן זקן אין אַ יאַרמולקע. די ברייט־צעצוויגטע, שניי־ווייסע באָרד האָט זיך צונויפגע־גאָסן מיט די געדיכטע, ווייסע פּיאות. נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו פרעגן, ווער דאָס איז, האָט די קריסטלעכע פרוי מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס איז געווען דער רב פון ראַווע־מאַזאָוויעצק, ר׳ ירחמיאל משה נח ראַפּאַפּאָרט, וועלכער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס.

די פרוי פון משה בראַנער איז גלייך געלאָפן רופן די איינזאַמע יידישע אַלמנה, לאה האָפּנונג, וועלכע איז נאָך אַ ווילע געקומען, צוזאַ־מען מיט איר מיידעלע. לאה האָפּנונג האָט זיך נישט געקלאָגט אויף קיין פּרנסה. זי האָט בלויז אויסגעגאָסן פאַר מיר איר ביטער געמיט, צוליב איר עלנטקייט, און קודם־כל צוליב דער לאַגע פון איר מיידעלע, דאָן דאָס איינציקע יידישע קינד אין דער פאָלקס־שול אין ראַווע־מאַזאָוויעצק.

„דערצייל, דערצייל, ווי מען יאָגט דיך און פּלאָגט דיך!״ — האָט די מוטער אויסגעשטרעקט די הענט צו איר קינד. דאָס מיידעלע האָט שעמעוודיק פאַרוואָרפן דאָס קעפּל און געשוויגן. ערשט, ווען די מוטער האָט איבערגעחזרט די פאָדערונג, האָט זי דערציילט, אַז יעדעס מאָל, ווען זי פאַרלאָזט די קלאַס ביי דער לעקציע פון רעליגיע, שרייט מען איר נאָך „זשידוווקאַ״ — יידישקע.

דער פּריוויליקער לימוד פון רעליגיע איז אין די פּוילישע פאָלקס־

שולן איינגעפירט געוואָרן נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, ווען גאָ־מולקאַ האָט געשלאָסן שלום מיט דער קעמפערישער קאַטוילישער קירך. דאָס איז געווען דער פּרייז, וואָס דער קאָמוניסטישער רעזשים האָט גע־צאָלט דער קירך פאַר דער שטיצע בעת די וואַלן צום פאַרלאַמענט. דער לימוד פון רעליגיע האָט אָבער גורם געווען וויסטע העצערייען לגבי די איינזאַמע יידישע קינדער אין די שולן.

אויך פריער, האָט דאָס מיידעלע פון לאה האָפּענונג דערציילט, האָט זעלטן־ווער פון די פּוילישע שול־קינדער זיך געשפּילט מיט איר, אָבער זינט עס איז איינגעפירט געוואָרן דער לימוד פון רעליגיע, איז די שול פאַר איר געוואָרן ממש אַ גיהנום.

*

אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע זענען אין ראַווע־מאַזאָוויעצק גע־ווען דריי באַזונדערע געטאָס אין פאַרשידענע טיילן פון שטעטל. חוץ די זעקס טויזנט יידן פון ראַווע־מאַזאָוויעצק זענען דאָרט צונויפגעדרענגט געוואָרן די יידן פון די שכנותדיקע שטעטלעך — אַמשינאָוו, מאַגעלניץ און ביאַלע־ראַווסקאַ. דעם 28סטן אָקטאָבער, 1942, זענען די דריי געטאָס ליקווידירט געוואָרן און די יידן פאַרשיקט קיין טרעבלינקאַ און אוישוויץ. בראָנער האָט זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן מיט דער הילף פון זיין איצ־טיקער פרוי. לאה האָפּענונג איז דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טרעבלינקאַ און איר מאַן קיין אוישוויץ. נאָך דער באַפרייונג זענען זיי צוריקגעקומען אין שטעטל אַריין און עס איז ביי זיי געבוירן געוואָרן דאָס מיידעלע. אין יאָר 1950, ווען דאָס מיידעלע איז קוים אַלט געווען דריי יאָר, איז איר פאָטער, מיכל האָפּנונג, געשטאָרבן.

דאָס איז דער סך הכל פון דער אַלטער יידישער קהלה אין ראַווע־מאַזאָוויעצק, איינע פון די עלטסטע שטעט אין פּוילן, ווו עס זענען עד־היום אויפגעהיטן געוואָרן היסטאָרישע געביידעס פון טיפן מיטלאַלטער. באַזונדערס באַרימט איז די ריטערלעכע פעסטונג מיטן הויכן טורעם פון די פירשטן פון מאַזאָוויע, וועלכע האָבן אין דער דאָזיקער פּראָווינץ גע־

הערשט ביים אָנהויב פון 14טן יאָרהונדערט. אין ראַווע־מאַזאָוויעצק האָבן זיך אָפּגעשפּילט היסטאָרישע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געהאַט אַן אָפּ־קלאַנג אין גאַנץ אייראָפּע. דאָ פלעגן פּאַרקומען באַגעגענישן צווישן מעכטיקע הערשער, וועלכע זענען דורך דעם אַרטיקן פירשט איינ־געלאַדן געוואָרן אויף יאַגד אין די אַרומיקע געדיכטע וועלדער. עס האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט פיל ראָמאַנטישע געשיכטעס, וואָס האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אַזוי למשל איז שעקספּירס „אַ ווינטער־מעשהלע" געבויט אויף דער פאַמיליען־טראַגעדיע פון פירשט זשעמאָוויט דעם 3טן, וועלכער האָט צוליב אייפערזוכט פאַרשפאַרט זיין שוואַנגערדיקע פרוי אין דעם ביז־איצט נאָך פאַרבליבענעם טורעם. אין אַט דער תפיסה האָט די פירשטין געבוירן אַ מיידעלע און באַלד דערנאָך איז זי באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין שעקספּירס דראַמע שפּילט זיך אָפּ די געשיכטע אין הויף פון קעניג פון סיציליען. ליטעראַטור־היסטאָריקער האָבן אָבער פעסטגע־שטעלט, אַז שעקספּיר האָט די טעמע גענומען פון אַן אַלטן ענגלישן ראָמאַן, געבויט אויף דער אמתער פּאַסירונג אין פירשטלעכן שלאָס אין ראַווע־מאַזאָוויעצק, ביים סוף פון 14טן יאָרהונדערט. וועגן אַט דער פאַר־פלאָנטערטער אייפערזוכט־געשיכטע זענען אין דער פוילישער ליטעראַ־טור פאַראַן אַ גאַנצע ריי ראָמאַנען.

שוין אין די צייטן פון פירשט זשעמאָוויט דעם 3טן זענען קיין ראַווע־מאַזאָוויעצק געקומען יידישע סוחרים. די אַרכיוון פון דער אַלטער שטאָט זענען פול מיט נעמען פון יידן, וועלכע האָבן אין 16טן יאָרהונ־דערט דאָרט אויפגעבויט אַ גרויסע קהלה. אין די אָפטע מלחמות צווישן די פירשטלעכע הערשער פון די אַרומיקע פּראָווינצן זענען אָבער די יידן אַלעמאָל געווען די ערשטע קרבנות.

אין פאַרשידענע צייטן איז די שטאָט אויך געוואָרן פאַרברענט דורך דייטשע און שוועדישע אינוואַזיע־אַרמייען. יעדעס מאָל זענען די קהילה־בנינים געוואָרן אָפּגעווישט און די יידן — פאַרטריבן. זיי זענען אָבער אַלע מאָל צוריקגעקומען קיין ראַווע, אויפסניי געבויט די קהילה־בנינים און די פאַרבליבענע מצבות פון די חרוב־געוואָרענע בית־עלמינס

אַריבערגעטראָגן אויף דעם נייעם בית־עלמין. אַזוי האָט אויך געטאָן משה בראָנער, דער לעצטער ייד אין ראַווע־מאַזאָוויעצק.

טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק

דעם חורבן פון דער יידישער קהלה אין טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק האָב איך געזען פאַרקערפּערט אין דער צוריק־אויפגעבויטער הויפּט־גאַס — אַ פּראַכטפולער, ברייטער בולוואַר מיט אויפגעפרישטע הייזער און גע־שמאַקפול־דעקאָרירטע קראָמען. דאָס איז די באַפרייונגס־אַלייע, וווּ עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער מאָנומענט פאַר די געפאַלענע סאָלדאַטן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן באַפרייט די שטאָט פון די נאַציס. פאַרן קריג האָט די גאַס געהייסן „אַלייע פון דער פוילישער אַרמיי" און איז געווען דער צענטער פון יידישן האַנדל אין אָט דער מאָדערנער טעקסטיל־שטאָט אין פוילן.

אויף דער דאָזיקער אַלייע האָב איך אומזיסט געזוכט אַ יידישע קראָם. איך האָב אָבער דאָרט געטראָפן טראַגישע יידישע שפּורן. די מצבות פון אָפּגעווישטן יידישן בית־עלמין זענען גענוצט געוואָרן פאַרן אויפבוי פון דעם סאָוויעטישן מאָנומענט מיט דעם הויכן אָבעליסק, פון וועלכן עס שרייט אַראָפּ אַן אויפשריפט אין רוסיש: „וויעטשנאַיאַ סלאַוואַ געראָיאַם זאַ סוואָבאָדו" (אייביקער רום די קעמפער פאַר פרייהייט).

אויף דער אַנדערער זייט פון די גראַניטענע פּליטעס, אויף וועלכע עס איז אויסגעקריצט געוואָרן דער רוסישער עפּיטאַף, זענען נאָך פאַר־בליבן די יידישע אותיות פון די געשענדעטע מצבות. אַזוי האָבן מיך פאַרזיכערט פוילישע איינוווינער פון טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק, וועלכע האָבן געזען, ווי דער מאָנומענט איז געבויט געוואָרן.

דאָס איז אָבער נישט די פולע געשיכטע פון דער שענדונג, ווייל נאָך איידער די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט טאָמאַשאָוו, האָבן פוילישע מצבה־קריצער אויסגערויבט די שענסטע מאָנומענטן פון יידישן בית־עלמין, פונקט ווי דאָס האָט פּאַסירט אין די הונדערטער אַנדערע יידישע

שטעט און שטעטלעך אין פּוילן. דאָס האָבן די פּוילישע מצבה־קריצער צוגעשטעלט די גראַניטענע און מאַרמאָרענע פּליטעס פאַרן סאָוויעטישן דענקמאָל.

אַנדערש ווי אין די מייסטע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, האָט אין טאָמאַשאָוו זיך אָפּגעשפּילט דער אויסברוך פון לעצטן קריג און אַנ־דערש זענען אויך אַדורך די יאָרן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע. נאָך איידער די באַפעלקערונג האָט זיך דערוווּסט, אַז די נאַציס האָבן אַטאַ־קירט דאַנציק, איז טאָמאַשאָוו שוין באָמבאַרדירט געוואָרן דורך דייטשע עראָפּלאַנען. דאָס איז געווען פּרייטיק, דעם 1טן סעפּטעמבער, 1939. פינף טעג שפּעטער, מיטוואָך, דעם 6טן סעפּטעמבער, האָט די דייטשע אַרמיי פאַרנומען די שטאָט.

די העכער טויזנט פאָליאַקן פון דייטשער אָפּשטאַמונג, וואָס האָבן געלעבט אין טאָמאַשאָוו, און במשך פון דורות אָנגעהאַלטן די פריינד־לעכסטע באַציונגען מיט די יידישע שכנים, האָבן — מיטן אָנקומען פון די נאַציס — אַראָפּגעוואָרפן די מאַסקעס און ווי פּריווילעגירטע „פאָלקס־דייטשן" גענומען יאָגן און פּלאָגן די שוצלאָזע יידן.

שוין דעם 22טן דעצעמבער 1939, האָבן די יידן אין טאָמאַשאָוו געמוזט אָנטאָן דעם ספּעציעלן „יידישן צייכן" — אַ ווייסער אָרעם־באַנד מיט אַ בלויען מגן־דוד, אָבער דאָס געטאָ איז אין טאָמאַשאָוו געוואָרן אויפגעשטעלט שפּעטער, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אין פּוילן. ערשט אין יאַנואַר 1942 האָבן די נאַציס אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג וועגן אַרומצוימען מיט שטעכיקע דראָטן די יידישע גאַסן: יעראָזאָלימסקאָ, בוזשניטשנאַ, האַנדלאָוואַ, וואָסכאָדניאַ, פּאָלנאַ און פּיעקאַרסקאַ. אין די דאָזיקע ענגע גאַסן זענען צונויפגעטריבן געוואָרן די קנאַפּע 15 טויזנט יידן פון טאָמאַשאָוו און נאָך עטלעכע טויזנט יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך.

ביז צום געטאָ האָבן אָבער שוין די נאַציס באַוויזן צו פאַרפייניקן הונדערטער טאָמאַשאָווער יידן, וועלכע זענען געפאַלן ביים בויען וועגן און האַקן וועלדער. דאָס געטאָ האָט עקזיסטירט צוויי יאָר. סוף 1943

זענען די טאָמאַשאָווער יידן אָפּגעשיקט געוואָרן אין פאַרניכטונגס־לאַגער פון טרעבלינקע.

אין טאָמאַשאָווער געטאָ איז אין יאָר 1942 אומגעקומען דער צוואַנציק־יאָריקער, הויך־באַגאַבטער מאָלער־פּאָעט טאַדעוש באָרנשטיין, וועלכער האָט אין די לעצטע חדשים פאַר זיין טראַגישן טויט, ווי אין אַ טראַנס, געשריבן און געמאָלן ממש טאָג און נאַכט. ער האָט אָפּגעוואָרפן די אָנבאָטן פון זיינע פּוילישע פריינד וועגן אויסבאַהאַלטן זיך אויף דער אַרישער זייט, ווייל ער האָט זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט זיין מוטער.

נישט מער ווי עטלעכע הונדערט טאָמאַשאָווער יידן זענען אַרויסגעקומען פון די נאַצישע לאַגערן. די מערהייט פון זיי האָט גלייך פון דייטשלאַנד אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל. אַרום דריי צענדליק טאָמאַשאָווער יידן האָבן נאָך דער באַפרייונג זיך אומגעקערט אין זייער היים־שטאָט און געמאַכט אַ פאַרזוך צוריק צו באַנייען דאָס קהלה־לעבן. דער קעלצער פּאָגראָם פון יאָר 1946 האָט אָבער צעטריבן די פאַלשע האָפענונגען פון די דריי מנינים יידן און די מערהייט פון זיי האָט אויסגעוואַנדערט. אין ווינטער פון יאָר 1957 איז צו די פינף פאַרבליבענע יידן צוגעקומען נאָך אַ ייד, ד״ר פאַביאַן וואַרשאַווסקי, אַ זקן אין די הויכע זיבעציקער, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן פון אַ סאָוויעטישן לאַגער אין סיביר.

*

טאָמאַשאָוו־מאַזאָוויעצק געהערט צו די יינגסטע שטעט אין פּוילן. די פונדאַמענטן פאַר דעם דאָזיקן טעקסטיל־צענטער זענען געלייגט געוואָרן אין די יאָרן פון גרויסן אינדוסטריעלן אויפשוווּנג אין אייראָפּע, אין מיט פון 19טן יאָרהונדערט — אין דער תקופה פון אַזוי־גערופענעם „פרילינג פון די פעלקער". דער בויער פון טאָמאַשאָוו איז געווען דער פּוילישער מאַגנאַט, גראַף טאָמאַש אָסטראָווסקי, וועלכער האָט אַ צייט געלעבט אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד. ער האָט געחלומט, אַז די שטאָט, וואָס ער האָט אָנגערופן מיט זיין נאָמען, זאָל מיט זיך פאַרשטעלן אַ קאָמבינאַציע פון מאַנטשעסטער און פּאַריז.

ער האָט דעריבער אָפּגעהיטן, אַז טאָמאַשאָוו זאָל נישט געבויט ווערן אויפן זעלבן כאַאָטישן אופן, ווי דאָס שכנותדיקע לאָדזש מיט אירע שמאָלע, ענגע גאַסן און טאַנדעטנער אַרכיטעקטור. ווי אַ וועלט־מענטש מיט פּראָ־גרעסיווע אידייען האָט גראַף אָסטראָווסקי געשטרעבט דערצו, אַז זיין שטאָט זאָל זיין אָפן פאַר אַלע פעלקער. צוזאַמען מיט די דייטשע, רוסישע און שוועדישע קאָלאָניסטן האָט ער אויך איינגעלאַדן יידישע האַנטווער־קער און סוחרים, וועלכע האָבן געהאָלפן לייגן דעם פונדאַמענט פאַרן נייעם ישוב. די יידן פון טאָמאַשאָוו האָבן זיך דעריבער תמיד געפילט ווי איינגעוואָרצלטע באַלעבאַטים און מיט־שותפים אין דער פּראָספּערי־טעט פון זייער שטאָט.

ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן די יידישע גבירים פון טאָ־מאַשאָוו געשטיצט די אויפגייענדיקע מאָדערנע העברעישע ליטעראַטור. אין אַ גרויסער מאָס איז דאָס געווען צו פאַרדאַנקען דער השפּעה, וואָס נחום סאָקאָלאָוו האָט געהאַט אויף די אויפגעקומענע טעקסטיל־גבירים פון טאָמאַשאָוו. זיי האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין געלט, כדי צו האָבן פאַר אַ לערער און דערציער פון זייערע קינדער דעם יונגן עלוי פון ווישעגראַד, וועלכער האָט שוין דאַן געשמט איבער גאַנץ פּוילן. דאָס איז געווען אין די יאָרן 1879־1880, ווען דער קוים צוואַנציק־יאָריקער נחום סאָקאָלאָוו איז שוין געווען באַקאַנט, ווי אַ העברעיִשער און פּוילישער שרייבער.

די קורצע צייט, וואָס סאָקאָלאָוו האָט געלעבט אין טאָמאַשאָוו, האָט ער באַוויזן צו געווינען די שטיצע פון די יידישע גבירים פאַר דער מאָ־דערנער העברעישער קולטור און איר דעמאָלסדיקער פעסטונג, די העב־רעיִשע טאָג־צייטונג „הצפירה“, וועמענס רעדאַקציע סאָקאָלאָוו האָט איבערגענומען, ווען ער איז אַלט געווען קוים 21 יאָר.

דאַקעגן דער צווייטער דור פון די יידישע בויער פון טאָמאַשאָוו האָט זיך לגמרי אַסימילירט און געגעבן גרויסע פאָנדן פאַר פּוילישער קונסט און ליטעראַטור. די פּאַלאַצן פון די יינגערע יידישע טעקסטיל־פאַבריקאַנטן אין טאָמאַשאָוו זענען אין אומאָפּהענגיקן פּוילן געווען די היים פון די מאָדערנע פּוילישע שרייבער און קינסטלער, צווישן וועלכע

עס האָט זיך געפונען אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן. אין שפּיץ פון זיי איז געשטאַנען יוליאַן טווים, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין לאָדזש, אָבער די פּרוכטבאַרסטע יאָרן פון זיין שאַפן, ווען ער האָט זיך אַנט־פּלעקט ווי דער מייסטער פון פּוילישן וואָרט, האָט ער פאַרבראַכט אין טאָמאַשאָוו.

אויך טווים איז געווען אַ לערער ביי די יידישע טעקסטיל־פאַברי־קאַנטן פון טאָמאַשאָוו. אין אָט־דער סביבה האָט דער יונגער פּאָעט באַ־געגנט זיין צוקונפטיקע פרוי, סטעפאַניאַ מאַרכעוו, וועלכע האָט געשמט אין די קרייזן פון דער טאָמאַשאָווער יידישער בורזשואַזיע, ווי אַ זעל־טענע שיינהייט. דאָס קלערט בכן אויף די רעטעניש, ווי אַזוי יוליאַן טווים, וועלכער האָט געשטאַמט פון פאַררויכערטן, פּראָזאַישן לאָדזש, האָט אין דער נייער פּוילישער פּאָעזיע אַריינגעבראַכט אַזאַ איבערראַשנדיקע רייכ־קייט פון פאַרביקע נאַטור־שילדערונגען און אַזאַ לויטערן, פרישן ליריזם. דאָס איז געווען די ווירקונג פון דער וווּנדערלעכער נאַטור אַרום טאָמאַ־שאָוו, ביי די ברעגן פון טייך פּיליצאַ, מיט די פּראַכטפולע סאָסנע־וועל־דער, אַזיערעס און רחבותדיקע פעלדער, וואָס רינגלען אַרום די שטאָט.

טאָמאַשאָוו איז אויך געווען אַ פעסטונג פון אָרטאָדאָקסישן יידנטום מיט ישיבות און חדרים. אין די ערשטע יאָרן פון אומאָפּהענגיקן פּוילן האָבן אין טאָמאַשאָוו זיך אויך גענומען אַנטוויקלען וועלטלעכע יידישע אינסטיטוציעס מיט שולן, קלובן און אַ גוט־רעדאַגירטער וואָכן־צייטונג. פון טאָמאַשאָוו איז געקומען צום מאָדערנעם יידישן טעאַטער די באַ־גאַבטע אַקטריסע קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, פון דער היים באַראַדינאַ. די שיינע, טעמפּעראַמענטפולע קלאַראַ איז געבוירן געוואָרן אין כאַרבין און ווי אַ יונג קינד איז זי מיט אירע עלטערן געקומען קיין טאָמאַשאָוו.

ווען איך בין אין יאָר 1958 געקומען קיין טאָמאַשאָוו און זיך גע־פרעגט, וווּ ס'וווינען יידן, האָט מען מיר אָנגערופן דעם נאָמען פון שמואל טאָלמאַן, אַ באַאַמטער אין שטאָטישן פּלאַנירונגס־אַמט. ער האָט זיך טאַקע גלייך באַפרייט פון דער אַרבעט און מיך געפירט איבער די חרובע געסלעך פון געוועזענעם געטאָ.

ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב, וואָס ער האָט פאַר־

וואַנדלט אין אַ מין מוזעאום פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין טאָמאַשאָוו. אויף די ווענט זענען געהאַנגען פאָטאָס פון געטאָ, באַזונדערס דעפּאָרטאַציע־סצענעס. עס האָבן זיך אויך געפונען בילדער פון ברענגען צו קבר־ישראל די ביינער פון די טאָמאַשאָווער יידן, וועלכע זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציס אין די אַרומיקע וועלדער.

אויף אַ טישל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט אַ צעדריוולטן פּרוכת פון דער חרוב־געוואָרענער שול, איז געשטאַנען אַ צעבראָכענע מעשענע מנורה און אַ גרויסע, קופּערנע קוואָרט — די לעצטע אויסגראָבונגען פון אונטער די חורבות פון טאָמאַשאָווער געטאָ.

פּיעטריקאָוו

אין פּיעטריקאָוו, ווו עס זענען במשך פון צענדליקער יאָרן געדרוקט געוואָרן מיליאָנען סידורים, מחזורים, ש״ס און יידישע מעשה־ביכלעך, האָבן די עטלעכע מנינים געראַטעוועטע יידן נישט געקענט געפינען קיין סידור צום דאַווענען אָדער בכלל עפּעס אַ יידישן ספר. אין די קעלערן פון די יידישע געסלעך האָבן וואָכן לאַנג געטליעט די פייערן, וואָס זענען אין סעפּטעמבער 1939 אָנגעצונדן געוואָרן דורך די נאַצישע באָמבעס. דאָס האָבן געברענט די ספרים, מיט וועלכע פּיעטריקאָוו האָט געשמט איבער דער יידישער וועלט.

די ניצול־געוואָרענע ספרים זענען שפּעטער פאַרניכטעט געוואָרן דורך די נאַציס, וועלכע האָבן פולשטענדיק אויסגערויבט די דרוקערייען. זיי האָבן אויך צוגענומען דעם האַנט־זאַץ, וואָס די יידישע דרוקערס האָבן נאָך אַליין געמוזט וואַשן פון דער פאַרב, בכדי דעם בליי פון די יידישע אותיות צו קענען פאַרוואַנדלען אין פּערפעקטע, טויט־טראָגנדיקע קוילן.

אין די געסלעך פון אַט־דער אַלטער יידישער קהלה, ווו ביים אויסברוך פון קריג האָבן געלעבט העכער פופצן טויזנט יידן, האָב איך אומזיסט געזוכט אַ יידיש פּנים. אויף דער טעפּער־גאַס (גאַרנצאַרסקאַ), אויף דער יעראָזאָלימסקאַ און סטאַרא־וואַרשאַווסקאַ, וואָס זענען אַמאָל געווען

דורכויס־יידישע גאַסן, האָבן פּוילישע פאַרבייגייער מיך אָנגעקוקט מיט שטוינונג, ווען איך האָב זיי געפרעגט, ווו עס וווינען יידן. אין טעלעפאָן־בוך האָב איך געפונען בלויז איין יידישן נאָמען: ד״ר זיגמונט טענענ־בוים. איך האָב אָנטעלעפאָנירט, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט.

אויפן היסטאָרישן טריבונאַל־פּלאַץ, אַמאָל דאָס האַרץ פון יידישן פּיעטריקאָוו, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ פיין־געקליידטער עלטערער פּאָלאַק מיט אַ לאַנגער גרויסער באָרד, ציכטיק פאַרקעמט. ווען ער האָט באַמערקט, ווי איך קוק מיט אינטערעס אויף די פריש־רעסטאַווירטע, שמאָלע רענעסאַנס־הייזקעס, האָט ער שטאָלץ געזאָגט: „אונדזער אַלטע שטאָט האָט זיך נישט וואָס צו שעמען פאַר וואַרשע, נישט אמת?״

איך האָב דעם פריינדלעכן אַלטיטשקן געפרעגט, צי ער ווייסט נישט אַמאָל, ווו עס וווינען דאָ יידן. ער האָט נערוועז זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער ווייסער, פּירעקיקער באָרד און ווי איבעראַשט פון מיין פראַגע אָפּגעענטפערט: „דאָ וווינען מער נישט קיין יידן״.

*

אין 14טן יאָרהונדערט איז פּיעטריקאָוו געווען די רעזידענץ־שטאָט פון די פּוילישע מלכים, דאָס באַראַטונגס־אָרט פון סעים (פּאַרלאַמענט) און קירכלעכע סינאָדן, ווי אויך דאָס זיץ־אָרט פון קרוין־טריבונאַל. דער־פאַר טאַקע טראָגט די שטאָט עד־היום דעם נאָמען: פּיאָטרקווו־טריבו־נאַלסקי.

בעת דער שוועדישער אינוואַזיע, אין 17טן יאָרהונדערט, וואָס ווערט אין דער פּוילישער געשיכטע באַצייכנט ווי „דער מבול״, האָט דער קאָ־מאַנדיר פון די פּוילישע אַרמייען, העטמאַן סטעפאַן טשאַרנעצקי, געווע־זענער פּיעטריקאָווער סטאַראָסטע, אין קאַלט בלוט אומגעברענגט פופ־ציק פון די אָנגעזעענסטע יידישע משפחות. די איבעריקע יידן האָט ער פאַרטריבן פון שטאָט און דאָס געמויערטע בית־המדרש פאַרוואַנדלט אין אַ קירכע. דאָס איז די קירכע פון דאָמיניקאַנער אָרדען, וואָס שטייט ביז היינט צו טאָג אין סאַמע צענטער פון שטאָט.

אין יאָר 1663 איז אין פּיעטריקאָוו פֿאַרברענט געוואָרן אויף אַ שייטערהויפֿן דער ייִדישער אַפּטייקער, מתתיהו קאַלאַהאַר, וועלכער איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז בעת אַ רעליגיעזן דיספּוט מיט אַ קראָקעווער גלח האָט ער באַליידיקט די קריסטלעכע אמונה. די עקזעקוציע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן ספּעקטאַקל, צו וועלכן עס זענען זיך צונויפֿגעקומען די גלחים און פֿירשטן פֿון גאַנץ פּוילן. קאַלאַהאַר איז פֿריער שרעקלעך געפּייניקט געוואָרן און ווען ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די קריסטלעכע אמונה, האָט מען אים אויסגעשניטן די צונג און ערשט דאַן געוואָרפֿן אויפֿן שייטערהויפֿן. דאָס אַש פֿון דעם קדוש איז מיט אַ קאַנאָן אויסגעשאָסן געוואָרן אין דער לופֿטן.

ערשט דער קעניג יאַן סאָביעסקי האָט באַפֿעסטיקט די רעכט פֿון ייִדן צו וווינען אין פּיעטריקאָוו און אין יאָר 1689 האָט דער פּיעטריקאָווער סטאַראָסטע, אָסאָלינסקי, אָפּגעגעבן אַ שטיק לאַנד פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ באַזונדערן ייִדישן קוואַרטאַל — אַ מין געטאָ, וואָס האָט אָפֿיציעל געהייסן „די ייִדישע שטאָט פּיעטריקאָוו". אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט איז דער דאָזיקער קוואַרטאַל צונויפֿגעגאָסן געוואָרן מיט דער אַלגעמיינער שטאָט.

אין יאָר 1791 האָט די רייכע פּיעטריקאָווער קהלה אויפֿגעשטעלט די גרויסע, פֿעסטונגס־אַרטיקע שול, וואָס שטייט עד־היום. דער פֿירעקיקער ריזיקער בנין — מיט ווענט, אַנדערהאַלבן מעטער דיק — האָט אויסגעהאַלטן פֿאַרשידענע מלחמות. די שול איז געבויט אין אָריענטאַלישן סטיל מיט קליינע טורעמלעך אין פֿראַנט.

פּיעטריקאָוו האָט אַרויסגעגעבן אַ רייע קאַלירפֿולע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אין די אַלטע און אין נייע צייטן. באַזונדערס מערקווירדיק איז די געשטאַלט פֿון ד״ר חיים דוד בערנאַרד, וועלכער האָט במשך פֿון צענדליקער יאָרן פֿאַרנומען דעם כסא־הרבנות אין פּיעטריקאָוו און אין דער זעלבער צייט אויך פּראַקטיצירט מעדיצין. בערנאַרד, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון דזשיאַלאָשין, האָט געענדיקט דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט אין ברעסלאַו (וווראָצלאַוו) און איז געווען אַ דאָקטאָר אין דער אַרמיי פֿון פֿירער פֿון פּוילישן אויפֿשטאַנד, טאַדעוש קאָשטשושקאָ. אין יאָר 1794

האָט ער זיך באַטייליקט אין דער היסטאָרישער שלאַכט הינטער ראַצ־לאַוויץ.

נאָכן דורכגעפאַלענעם אויפשטאַנד האָט ד״ר בערנאַרד פּלוצים גע־ענדערט זיין לעבנס־שטייגער. ער איז געוואָרן פרום, גענומען לערנען און געוואָרן פּיעטריקאָווער רב. ער האָט אָבער נישט אויפגעגעבן זיין מעדיצינישע פּראַקטיק און צו זיינע פּאַציענטן האָבן געהערט די אָנגע־זעענסטע פאַרשטייער פון פּוילישן אַדל. הרב ד״ר בערנאַרד איז גע־שטאָרבן אין פּיעטריקאָוו אין יאָר 1858 — אין עלטער פון 88 יאָר.

ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט פּיעטריקאָוו געהערט צו די ערשטע שטעט אין פּוילן, וווּ די נאַציס האָבן איינגע־שטעלט געטאָס. דעם 12טן אָקטאָבער, 1939, האָט דער גאַולייטער פאַר דער פּיעטריקאָווער פּראָווינץ, היינריך דרעקסעל, אַרויסגעגעבן די פאַר־אָרדענונג, אַז די זעכצן טויזנט פּיעטריקאָווער יידן, וועלכע זענען צע־שפּרייט געווען איבער דער גאַנצער שטאָט, מוזן במשך פון צוויי טעג זיך אַריבערציען אין די ענגע געסלעך אַרום דעם פּלאַץ טריבונאַלסקי, וווּ עס האָט געלעבט די יידישע און נישט־יידישע אָרימקייט.

קורץ פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָבן די נאַציס נאָך צונויפ־געטריבן קיין פּיעטריקאָוו אַלע יידן פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך, ווי קאַמינסק, ראָספּזשע, סעראָצק א״אַנד. עס זענען אויך געבראַכט געוואָרן עטלעכע טויזנט יידן פון פּויזן און פּלאָצק. לויט דער רשימה פון פּיעט־ריקאָווער יודענראַט האָבן זיך אין געטאָ געפונען העכער 25.000 יידן, צו זעקס־זיבן מענטשן אין אַ צימער. דאָס איז געווען מחוץ די קנאַפּע צוויי טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די בונקערס און אויף דער אַרישער זייט.

די פאַרשטעקטע יידן האָבן אָנגעהאַלטן אַ ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַ־ציע, וואָס האָט געזאַמלט געווער און איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ. אין די נעכט פלעגן די פירער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע דערשיינען אין געטאָ, בכדי צונויפצוזאַמלען שפּייז פאַר די פאַרשטעקטע יידן. זיי פלעגן פון צייט צו צייט אויך אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביים פאַרזיצער פון

יודענראַט, שמעון וואַרשאַווסקי, און אים געוואָרנט קעגן זיין קנעכטישן אויספאָלגן די נאַצישע באַפעלן. אין אָקטאָבער פון יאָר 1942 האָבן זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטירונגען פון פּיעטריקאָווער געטאָ און דעם 1טן אויגוסט איז דאָס געטאָ געוואָרן פולשטענדיק ליקווידירט.

די עטלעכע צענדליק פּיעטריקאָווער יידן, וועלכע זענען ביים סוף פון קריג אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, אָדער צוריקגעקומען פון די נאַצישע לאַגערן, האָבן געמאַכט אַ פּאַרזוך אויפצובויען דאָס קהלה־לעבן אין זייער היסטאָרישער שטאָט. די גרויסע שול אויף יעראָזאָלימסקאַ גאַס, וואָס די נאַציס האָבן גענוצט פאַרן „אומשלאַג־פּלאַץ", האָבן די צוריקגעקומענע יידן ווידער אָפּגעפרישט און אַפילו דורכגעפירט אַ פייערלעכן חנוכת־הבית. איך האָב אָבער געטראָפן די שול געשלאָסן.

אין פּיעטריקאָוו זענען אויך פאַרבליבן דאָס אַלטע און נייע בית־עלמין, אויף וועלכע די מצבות זענען כמעט ווי נישט גערירט געוואָרן. צווישן די סאַמע־לעצטע מצבות פון די פּיעטריקאָווער יידן, וועלכע האָבן געהאַט די זכיה צו קומען צו קבר־ישראל אין זייער אייגענער היים־שטאָט, געפינט זיך די מצבה פון פּיעטריקאָווער יידישן היסטאָריקער און פאָלקס־שרייבער, משה פיינקינד. ער איז געשטאָרבן קורץ פאַרן אויס־ברוך פון קריג אין עלטער פון 71 יאָר.

משה פיינקינד איז געווען אומגעוויינלעך פּראָדוקטיוו און געשריבן אויף די סאַמע־פאַרשידנסטע טעמעס — פון היסטאָרישע דערציילונגען און מאָנאָגראַפיעס וועגן פאַרשידענע פערזענלעכקייטן, ביז אַן אָפּהאַנד־לונג וועגן שפּינאָזאַ. שטאַרק פּאָפּולער איז געווען זיין דערציילונג וועגן אסתרקע און קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן. פיינקינד האָט באַזונדערס שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער האָט אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט צוזאַמענגעאַרבעט מיט פּראָפ. היינריך גרעץ, וועמען ער האָט פון פּיעטריקאָוו געשיקט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן און רוסלאַנד. דער הויך־וווקסיקער, הדרת־פּנימדיקער משה פיינקינד האָט אַפילו אויסערלעך פּרובירט קאָפּירן זיין גרויסן מייס־טער און זיך פאַרלאָזט אַ בערדל „אַ־לאַ פּראָפ. גרעץ".

די סאַמע־לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט משה פיינקינד ממש טאָג

און נאַכט געאַרבעט אויף זיין „געשיכטע פון די יידן אין פּיעטריקאָוו און אומגעגנט", וואָס איז אויסגעוואַקסן צו אַ כתב־יד פון עטלעכע טויזנט האַנט־געשריבענע זייטן. דער כתב־יד איז אָבער פאַרלוירן געגאַנגען בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פּיעטריקאָוו.

עס האָט מיר גענומען בלויז אַ קורצע ווייִלע צו פאַרנאָטירן די פולע רשימה פון דעם קנאַפּן מנין יידן אין פּיעטריקאָוו, וואָס הערש פּאַצאַנאָוו־סקי און זיינע חברים פון שניידער־קאָאָפּעראַטיוו האָבן געדענקט פון אויסנווייניק, אַנגעבנדיק געַנוי, וויפיל קינדער יעדער האָט און ווער עס האָט אַ יידישע אָדער אַ קריסטלעכע פרוי. אין דעם שמועס האָט זיך אויך אַריינגעמישט דאָס 9־יאָריקע טעכטערל פון הערש פּאַצאַנאָווסקי, האַלינ־קאַ, וועלכע האָט דערציילט, אַז זי איז די איינציקע יידישע תלמידה אין אַ שול פון 569 קינדער.

„איך קום יעדן טאָג אַליין אין שול אַריין און גיי אויך אַהיים אַליין..." — האָט האַלינקאַ געזאָגט אין אַ טרויעריקן טאָן. די דאָזיקע עטלעכע ווערטער פון דעם מיידעלע האָבן אַמשטאַרקסטן אַרויסגעבראַכט דעם פאַרנעם פון דער יידישער איינזאַמקייט אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש פון יאָר 1956, ווען אַ נייע כוואַליע פון אַנטיסעמיטישע אויסברוכן האָט גורם געווען דעם צווייטן יציאת־פּוילן נאָך קיעלץ.

גער

דער וועג קיין גער פירט איבער אַ צווייטן חסידישן צענטער אין פּוילן, פּיאַסעטשנע, ווו עס איז נישט פאַרבליבן קיין איין ייד. די גע־מויערטע הייזקעס מיט די אייזערנע באַלקאָנען, אין וועלכע עס האָבן אַמאָל געלעבט די פּיאַסעטשנער יידישע תבואה־סוחרים, זענען פאַרנו־מען געוואָרן דורך פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע פלעגן אַמאָל צושטעלן די תבואה.

דער געמויערטער בנין פון שטאָטראַט אין פּיאַסעטשנע איז גע־

וואָרן אויפגעפּרישט און אין פּראַנט זעט זיך דער הערב פון דער פּאַטור־ליצקי־משפחה, צו וועלכער דאָס שטעטל האָט באַלאַנגט מיט הונדער־טער יאָרן צוריק. דער הערב שטעלט מיט זיך פאָר אַ ציגענעם באָק מיט צעצווייגטע הערנער, אונטער וועלכן עס איז פאַראַן אַן אויפשריפט: „אַננאָ דאָמיני 1429".

דער איינציקער שפּור פון די פאַרשווונדענע יידן אין פּיאַסעטשנע, זענען די לעכער פון די אויסגעריסענע מזוזות אין די ראַמען פון די טירן.

*

די הויפּט־אַרטעריע פון יידישן גער איז געווען די „פּיאַרסקע"־גאַס. ביז דער היטלער־אינוואַזיע אויף פּוילן האָט אויף דער גאַס מיט דעם קאַטוילישן נאָמען נישט געוווינט קיין איין שבת־גוי. די הייזער אויף דער פּיאַרסקע און די אַרומיקע געסלעך זענען געווען אַכסניהס פאַר די גערער חסידים פון גאַנץ פּוילן.

ביים סוף פון דער פּיאַרסקע גאַס זענען נאָך פאַרבליבן די רעלסן פון דער קאָלעיקע, וואָס פאַרקירעווען זיך אין אַ האַלב־קרייז און ענדיקן זיך ביים אַריינגאַנג צום „גערער הויף". דאָס איז געווען די לעצטע סטאַנציע פון דער מיניאַטור־באַן, וואָס האָט קורסירט צווישן וואַרשע און גער, און איז באַקאַנט געווען ווי דעם „רבינס קאָלעיקע". מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז דער גערער רבי איז געווען דער הויפּט־אַקציאָנער פון דער שמאָל־רעלסיקער באַן. איינס איז אָבער זיכער: דער וויכטיק־סטער הכנסה־קוואַל פון דער קאָלעיקע איז געווען דער גערער הויף.

די פּאַסאַזשירן האָבן זיך בעיקר רעקרוטירט צווישן די העכער הונדערט טויזנט געשווירענע גערער חסידים פון גאַנץ פּוילן, וואָס פלעגן לכל־הפּחות איין מאָל אין יאָר, אויף אַ שבת אָדער אַ יום־טוב, קומען קיין גער, בכדי צו הערן דעם רבינס תורה, זיך שואל־עצה זיין וועגן געשעפטלעכע ענינים, אָדער אָנגעווייטיקטע משפּחה־פּראָבלעמען.

דער גרעסטער אָנפאַר פלעגט זיין אין די ימים־נוראים — דער עיקר אויף יום־כיפּור, ווען די צאָל חסידים פלעגט דערגיין ביז אין די צענד־

ליקער טויזנטער. די גאַסן און געסלעך פון גער האָבן דאַן אָפּגעהילכט מיט ניגונים, זיפצן און יללות, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון רבינס הויף, און אין גאַנצן שטעטל איז די לופט געווען אָנגעזאַפּט מיט פרומען עקסטאַז.

די יום־כיפור־מיסטעריע אין גערער הויף האָט יעדעס יאָר צוגע־צויגן אויך צאָלרייכע נישט־יידישע צושויער און יידישע אפּיקורסים. די גערער חסידים האָבן אָבער נישט פאַרטראָגן די דאָזיקע יידן, וועלכע פלעגן קומען קיין גער, ווי אויף עפּעס אַ ספּעקטאַקל. איינמאָל, ווען דער סאָוויעטיש־יידישער שרייבער איליאַ ערענבורג האָט אין אַ יום־כיפּור פּלוצים זיך באַוויזן אין גערער הויף אין דער באַגלייטונג פון אַ גרופּע יידישע שרייבער, זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן דורך אויפגע־קאָכטע חסידים און אַפילו באַקומען קלעפּ.

צו כל־נדרי איז דאָס בית־המדרש אַלעמאָל געווען אַזוי געפּאַקט, אַז יונגע בחורים האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די אייזערנע סלופּעס, וואָס שפּאַרן אונטער די סטעליע, זיך אַרומגעבונדן מיט די גאַרטלען און אַזוי געבליבן הענגען דורך דער גאַנצער צייט פון דאַווענען. נאָך גרעסער איז געווען דער עולם אויפן הויף — אַ צונויפגעדריקטע מאַסע יידן, אין ווייסע קיטלען און טליתים מיט זילבערנע און גאָלדענע עטרות.

אין די בנינים פון „גערער הויף" האָב איך געטראָפן איינקוואַרטירט אַ „קאָאָפּעראַטיוו פון פויערישער זעלבסט־הילף" און דאָס בית־המדרש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַגאַזין פאַר קינסטלעכער באַמיסטיקונג. אין אַ ווינקל פון הויף איז געשטאַנען אַ טויטער בוים. זיינע נאַקעטע, טרוקענע צווייגן האָבן אויסגעזען ווי סקעלעטן־הענט, אויסגעשטרעקט צום הימל אין אַ פאַרגליווערט געבעט.

דער רויט־ציגלדיקער בנין פון גערער בית־המדרש געהערט צו די בעסט־אויפגעהיטענע בתי־תפילה, וואָס זענען פאַרבליבן פון חרוב־גע־וואָרענעם יידישן ישוב אין פּוילן. דאָס בית־המדרש איז געבויט געוואָרן ביים אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט מיט אָריגינעלע פענצטער אין דער פאָרם פון מגן־דודס. אויפן בוידעם, איבער דער ווייבערשער שול, געפינט זיך א גרויסער אויוון, ווו מען פלעגט באַקן מצה־שמורה, אין

שכנות פון בית־המדרש איז אויך פאַרבליבן אומבאַשעדיקט דאָס הויז, ווו דער גערער רבי און זיין משפּחה האָבן געוווינט. אין דעם בנין איז געוואָרן איינגעאָרדנט די לאָקאַלע גימנאַזיע.

די בלינדע וואַנט, וואָס שליסט אָפּ דעם פּירעק פון ריזיקן הויף, איז געווען צעלעכערט פון קוילן. אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע איז דאָס געווען די עקזעקוציע־וואַנט. אַהער האָט מען געבראַכט הונדערטער יידן פון געטאָ צום דערשיסן. די לעצטע בליקן פון די קדושים זענען געפאַלן אויפן פאַרשטומטן, געשענדעטן בית־המדרש, ווו די נאַציס האָבן ביים סאַמע אָנהויב פון דער אָקופּאַציע אָנגעצונדן אַ שייטערהויפן און פאַרברענט אַלע ספרים.

נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, אין יאָר 1943, איז דער הויף פון גערער רבין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע פון פראַנקרייך און בעלגיע. אין בית־המדרש איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אַ מעכאַנישער וואַרשטאַט, ווו מען האָט פאַרראַכטן טאַנקען.

*

גער איז דער פאַריידישטער נאָמען פון גורא קאַלוואַריאַ (דער באַרג קאַלוואַריע). דאָס איז אַ רמז אויף דער קרייציקונג פון קריסטוסן. דער נאָמען האָט געשטאַמט פון אַלטן קלויסטער, אַרום וועלכן דאָס שטעטל איז אויסגעוואַקסן. די יעזואיטן פון גורא קאַלוואַריאַ זענען באַקאַנט גע־ווען מיט זייער אייפערדיקער מיסיאָנערישער טעטיקייט צווישן יידן אין פוילן און די פרישע משומדים פלעגן געבראַכט ווערן אין קלויסטער אַריין, ווו מען האָט זיי מחנך געווען אין דער קריסטלעכער אמונה. דאָס איז געטאָן געוואָרן דורך דעם אַזוי גערופענעם פּיאַר־אָרדן „פּאַט־רעס פּיאַרום סקאָלאַרום" (די פאָטערלעך פון פרומע שולן). פון דעם אָרדן שטאַמט עס טאַקע דער נאָמען פון דער פּיאַרסקע גאַס אין גער.

פאַראַן אַ חסידישע לעגענדע, אַז דער בעל שם־טוב איז אַמאָל גע־קומען קיין גער, בכדי צו ראַטעווען פון קלויסטער אַ משומד, וועלכער

איז געוואָרן אַ גלח. דער בעל שם־טוב האָט נישט געוואָלט נעכטיקן אין גער און ער איז איינגעשטאַנען ביי אַ יידישן קרעטשמער אין אַ שכנות־דיקן דאָרף. יעדן פרימאָרגן, נאָכן דאַווענען, פלעגט ער גיין צופוס קיין גער, בכדי זיך משתדל צו זיין וועגן דעם געפאַנגענעם ייד אין קלויס־טער. עד־היום איז פאַרבליבן דער שטיין, וועגן וועלכן די גערער חסידים האָבן דערציילט, אַז דאָרט פלעגט דער בעל שם־טוב זיך אָפּרוען אויף זיין וועג פון דער דאָרפישער קרעטשמע קיין גער.

אַ סברא, אַז טאָקע די בעש״ט־לעגענדע און דער באַגער קעגנצו־ווירקן דעם צענטער פון שמד אין גורא־קאַלוואַריאַ האָבן עס דעם יונגן רבי יצחק (איטשע) מאיר אַלטער באַוויגן אויפצובויען אין גער אַ צענ־טער פון תורה און חסידות. ווען דער יונגער עלוי, וועלכער האָט גע־שטאַמט פון אַ נגידיש־לומדישער משפחה אין וואַרשע, האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין גורא קאַלוואַריאַ, זענען מיט אים מיטגעפאָרן הונ־דערטער וואַרשעווער חסידים. צווישן זיי זענען געווען אַ סך אָנגעזעענע סוחרים, וועלכע האָבן אויפגעגעבן זייערע מסחרים און אַוועק אויפבויען דעם רבישן הויף. אין יאָר תרי״ט (1859) איז קיין גורא קאַלוואַריאַ אויך אַרי־בערגעטראָגן געוואָרן די גרויסע וואַרשעווער ישיבה. די בנינים פון נייעם הויף האָבן אָפּגעקאָסט העכער הונדערט טויזנט רובל, וואָס איז דאַן געווען אַ ריזיק פאַרמעגן.

דער שם פון יונגן רבין איז שנעל געוואַקסן און נאָך דער פטירה פון קאָצקער האָט דער גרעסטער טייל פון די קאָצקער חסידים גענומען פאָרן קיין גורא קאַלוואַריאַ, וואָס די יידן האָבן משנה־שם געווען אויף גער. דער גערער רבי האָט פאַרגעזעצט דעם דרך פון פשיסכע און קאָצק, וווּ מען האָט נישט געפּראַוועט קיין מופתים, נישט געטיילט קיין כיבודים צו רייכע חסידים און בכלל אָפּגעשאַפט דאָס נעמען פדיונות.

אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָט דער ערשטער גערער רבי געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. עס ווערט דערציילט, אַז אין יאָר 1863, ווען אין פוילן האָט געפלאַקערט דער אויפשטאַנד קעגן צאַרישן רוסלאַנד, איז רבי יצחק מאיר אַלטער אין אַ שבתדיקן פאַרנאַכט אַריינגעקומען אין בית־המדרש און צום גרויסן

עולם חסידים, וואָס איז געזעסן ביי די טישן און זיך געגרייט צום שלוש סעודות, אויסגערופן:

„יידן, איך האָב מורא, אַז מען איז אין הימל מקטרג אויפן פאָלק ישראל. זעט, ווי אַזאַ פאָלק ווי די פּאָלאַקן איז זיך מוסר־נפש פאַר זייער אומאָפּהענגיקייט און פאַר דער באַפרייונג פון זייער מדינה, וואָס טוען מיר, יידן?"

די בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל איז געווען אַ שטריך, וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון רבי יצחק מאיר אַלטער. אַזוי איז עס געווען מיט דעם צווייטן גערער רבי, ר׳ אריה ליב אַלטער, און דער עיקר מיט דעם דריטן גערער רבי, ר׳ אברהם מרדכי אַלטער, וועלכער האָט פיל מאָל באַזוכט ארץ ישראל און באַווירקט טויזנטער פון זיינע חסידים, זיי זאָלן זיך דאָרט באַזעצן. די לעצטע רייזע פון גערער רבין איז פאָרגעקומען אין טראַגישע אומשטענדן. דאָס איז געווען אין יאָר 1940. דער רבי איז אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון נאַצי־אָקופּירטן פוילן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן במשך פון חדשים, ווייל די געסטאַפּאָ האָט געהאַט באַשטימט אַ הויכן פּרייז פאַר זיין קאָפּ און וועגן דעם פאַנאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן איבער די גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ.

דער גערער רבי, ר׳ אברהם מרדכי אַלטער, איז נפטר געוואָרן אין ירושלים, אין שבועות פון יאָר תש״ח (1948), קוים עטלעכע וואָכן נאָכן פּראָקלאַמירן די יידישע מדינה.

*

ביים בלאָנדזשען איבער די אָפּגעלאָזענע בנינים פון גערער הויף האָב איך געזען ווי עס ווערן אָפּגעמעקט די לעצטע שפּורן פון דעם רום־פוילן קאַפּיטל חסידות אין פוילן, וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט מיט אַזויפיל פאַרביקייט און פאַרנעם, ביז עס איז צעטראָטן געוואָרן דורך די נאַצישע האָרדעס.

אויפן פּאָסט־אַמט פון גורא קאַלוואַריאַ האָב איך געהערט דעם סוף־

פסוק פון אָפּגעמעקטן יידישן גער. דער אַלטער פּאָסטמייסטער, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט פאַרן קריג און אויך אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט מיט נאָסטאַלגיע דערמאָנט די צייטן, ווען גער איז געווען אַ בליענדיקער האַנדלס־צענטער. יעדן טאָג פלעגן קומען טעלעכע זעק בריוו פאַרן גערער הויף פון גאַנץ פּוילן און אויך פון אויסלאַנד. „אַ דאַנק דעם ׳צדיק׳ (צאַדיק) — האָט ער געזאָגט — איז גער געוואָרן אַ וועלט־צענטער. היינט איז גורא קאַלוואַריאַ אַ טויטע, פאַרגעסענע שטאָט״.

פּלוינסק

דער פיר־עקיקער, גרויסער מאַרק, ווו עס האָבן געוווינט די פּלוינסקער יידישע גבירים, איז געבליבן אומפאַרענדערט. עס זענען ניט אָנגערירט געוואָרן די הייזקעס מיט די געשניצטע באַלקאָנען און בלוילעכע צינק־דעכער, איבער וועלכע עס הויבן זיך אַרויס מאָנסאַרדעס מיט שפּיציקע פענצטער. עס שטייען נאָך אפילו די אַלטע, ברייט־צעצווייגטע אַקאַציע־ביימער. בלויז דער אַמאָליקער נאָמען „רינעק״ איז געענדערט געוואָרן אויף: „פּלאַץ פון דער רויטער אַרמיי״.

פּלוינסק איז געווען אַ יידישע שטאָט מיט אַן אַקטיווער אינטעליגענץ, וואָס האָט אָנגעפירט מיט אַ פאַרצווייגטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין וועלכן עס זענען פאַרטראָטן געווען אַלע שאַטירונגען און שטרעמונגען פון דעם גרויסן, דינאַמישן יידישן ישוב אין פּוילן.

די חלוקי־דעות און קאַמפן צווישן די פאַרשידענע פאַרטייִשע גרופּירונגען אין פּלוינסק זענען געווען נישט ווייניקער ליידנשאַפטלעך און פאַרביסן, ווי אין וואַרשע. טעלעכע פאַרגעלטע פלוג־בלעטלעך, וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן פון דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער יידישער קהלה אין פּלוינסק, קורץ פאַרן אויסברוך פון קריג, שפּיגלען־אָפּ דעם טעמפּעראַמענט פון די געזעלשאַפטלעכע טוער אין דער היים־שטאָט פון דוד בן־גוריון. די וואַל־אויפרופן פון די לינקע פּועלי ציון (ליסטע נומ. 1), פון די האַנטווערקער (ליסטע נומ. 5), פון דער אגודה (ליסטע נומ. 3),

און אַנדערע, אָטעמען מיט דעם פּלאַם פון איבערצייגונג אין זייערע לאָזונגען און פּראָגראַמען. פון באַזונדערס הויכער טעמפּעראַטור איז אָבער דער סטיל פון אויפרוף פון דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל" (ליסטע נומ. 2), וואָס שטעלט דעם טראָפּ אויף די חלוצישע דערגרייכונגען פון דער באַוועגונג און רופט צו ווענדן די בליקן צו ארץ־ישראל.

אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון צוועלף טויזנט, וואָס האָט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך געפונען אין פּלוינסק, זענען געווען העכער אַכט טויזנט יידן. בעת מיין לעצטן באַזוך אין פּלוינסק, אין יאָר 1959, האָט די באַפעלקערונג, לויט דער אָפיציע־לער סטאַטיסטיק, באַטראָפן 9.500. אין שטעטל האָבן זיך אָבער געפונען נישט מער ווי פיר יידישע משפחות, וועלכע האָבן זיך געקליבן עולה־צו־זיין קיין מדינת ישראל.

ווען די דאָזיקע פיר יידן זענען נאָכן קריג צוריקגעקומען פון די לאַגערן, זענען אַלע יידישע הייזער אויפן מאַרק־פּלאַץ געווען פאַרנומען דורך פּאָלאַקן און די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט זיי דעריבער צוגעטיילט וווינונגען אין די האַלב־חרובע הייזקעס אויפן שטח פון געוועזענעם געטאָ.

דריי פון די דאָזיקע יידן, דער שניידער אברהם באַמבעלעוויטש, דער שוסטער מאָטל אַלטמאַן און דער סוחר שמעון יענטעס, האָבן באַקומען דירות אויף דער קאָזשע גאַס (ציגן־גאַס) — אַ טיפּישער נאָמען פון יידישע געסלעך אין פיל שטעטלעך אין פּוילן. אויף אָט דער גאַס האָט זיך געפונען דאָס הויז, אין וועלכן דוד בן־גוריון איז געבוירן געוואָרן.

אַלע פיר יידן אין פּלוינסק האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי זענען נאָענטע אָדער וויטע קרובים פון דוד בן־גוריון. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקענט אייניקן וועגן דער הייזקע אויף דער קאָזשע גאַס, ווו בן־גוריון איז געבוירן געוואָרן.

דער ערשטער ייד, וואָס איך האָב געטראָפן אויפן מאַרק־פּלאַץ אין פּלוינסק, איז געווען עליאַש ניימאַן, אַ געוועזענער קאַצעטלער פון

אוישוויץ, וועלכער האָט געהאַט אויסטאַטויִרט אויף זיין האַנט דעם נו־מער: 78298. אין פעברואַר 1945 איז ער צוריקגעקומען קיין פּלוינסק, זיך ווידער גענומען צו זיין מסחר מיט אויבסט, מיט וואָס זיין משפּחה האָט זיך באַשעפטיקט אין משך פון דורות.

דורך אַ דורכגאַנגס־הויף אויף פּלאַצקאַ גאַס, האָט עליאַש ניימאַן מיך געפירט צום שטח פון געוועזענעם געטאָ און ביים עק פון קרומען קאַזשע געסל, וואָס איז פול געווען מיט קעמערלעך, הינער־שטייגן און טויבן־שלעק, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ הילצערנעם בנין, איבער וועלכן עס איז פאַראַן אַן אויפשריפט „שטאָטישער אַמט פאַר וווין־היי־זער". לויט דער באַהויפּטונג פון עליאַש ניימאַן, זאָל דאָס דאָזיקע הויז האָבן באַלאַנגט צו אביגדור גרין, דעם פאָטער פון דוד בן־גוריון.

די קאַזשע גאַס האָט זיך געפונען אין סאַמע צענטער פון געטאָ, וואָס די נאַציס האָבן אין פּלוינסק אויפגעשטעלט. פיל שפּעטער ווי אין אַנ־דערע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן.

דריי מאָל האָבן די יידן אין פּלוינסק אָפּגעשריגן די געטאָ־גזירה און זיך אויסגעקויפט פון נאַצישן שטאָט־קאָמענדאַנט. ערשט אין 1941 איז דאָס געטאָ געוואָרן איינגעשטעלט אויפן שטח פון עטלעכע געסלעך, וואָס זענען אָפּגעצוימט געוואָרן מיט אַ הויכן הילצערנעם פּלויט. דער אַריינגאַנג צום געטאָ האָט געפירט דורך דעם געמויערטן, גרויסן ווינקל־הויז פון לייב וואַסערצוג, ביים עק פון דער וואַרשעווער גאַס, וואָס איז געבליבן אומבאַרירט.

נאָך איידער די נאַציס האָבן איינגעשטעלט דאָס געטאָ, האָבן פּוי־לישע כוליגאַנעס געצוווּנגען די יידן צו פאַרניכטן דעם אָרון־קודש און די ספרי־תורה פון דער שול. וועגן דעם איז פאַראַן אַ פאַרצייכענונג אין געטאָ־טאָגבוך פון ד"ר עמנואל רינגעלבלום. אונטער דער דאַטע פון 27טן פעברואַר, 1941, נאָטירט דער געטאָ־היסטאָריקער אַ ידיעה פון פּלוינסק, אַז יונגע פּאָלאַקן האָבן אין דער היסטאָרישער שול אַריינגע־טריבן אַ גרופּע יידן און זיי נישט אַרויסגעלאָזט, ביז וואַנען זיי האָבן נישט פאַרניכטעט דעם אָרון־קודש און די ספרי־תורה.

אין פּלוינסקער געטאָ האָבן זיך געפונען העכער פערצן טויזנט יידן.

חוץ די אַכט טויזנט שטענדיקע איינוווינער זענען אין פּלוינסקער געטאָ אַריינגעטריבן געוואָרן אַרום זעקס טויזנט יידן פון די שכנותדיקע שטעט און שטעטלעך ווי: ריפּין, זשוראָמין, שיערפּץ, ראַציאָנזש און באַדזאַנאָוו. אין הערבסט פון יאָר 1943 זענען אַלע יידן פון פּלוינסקער געטאָ פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ.

„איך בין דער איינציקער, לעבן־געבליבענער פון מיין גאַנצער משפּחה, וואָס האָט געציילט 73 נפשות", האָט מיר געזאָגט עליאָש ביימאַן.

אין משך פון עטלעכע שעה צייט בין איך מיט די דריי יידן געזעסן אין דער שטוב פון מאָטל אַלטמאַן און אויסגעהערט זייערע דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען. פיל מער וואָלטן אָבער געקענט דערציילן די ווענט פון דער נידעריקער געמויערטער הייזקע, ווו ביזן אויסברוך פון קריג האָט זיך געפונען די קהלה־פאַרוואַלטונג און אונטער די נאַציס האָט דאָרט אַמטירט דער יודענראַט פון געטאָ.

דער ראש המדברים פון די פיר פּלוינסקער יידן איז געווען אברהם באַמבעלעוויטש. לעבן אים איז געזעסן זיין יונגע פרוי, וועלכע האָט אויף דער האַנט געהאַלטן אַ פּיצל קינד פון קוים עטלעכע חדשים.

מיט דער גאַנצער אָפנהאַרציקייט האָט אברהם באַמבעלעוויטש דערציילט, אַז זיין פרוי און קינדער זענען אומגעקומען אין אוישוויץ און אַז זיין איצטיקע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט נאָך דער באַפרייונג, איז אין עלטער פון 17 יאָר פאַרשיקט געוואָרן אין דעם פרויען־לאַגער ראַוועןסבריק, ווו די נאַצישע גינעקאָלאָגן האָבן געמאַכט שוידערלעכע עקספּערימענטן מיט טויזנטער פרויען. אין רעזולטאַט דערפון איז זי מער ניט פעיִק צו האָבן קיין קינדער. זיי האָבן דעריבער אַדאָפּטירט דאָס קינד פון אַן אומפאַרהייראַטער קריסטלעכער קראַנקן־שוועסטער אין פּלוינסקער שפּיטאָל. זיי האָבן דאָס יינגעלע געמלה׳ט און אַ נאָמען געגעבן: י ע ק ב.

זייערע פּערזענלעכע דערינערונגען האָבן זיי דורכגעפלאָכטן מיט עפּיזאָדן, וואָס זיי האָבן געהערט דערציילן וועגן דוד בן־גוריון און זיין פאָטער, דעם שטעטלדיקן אַדוואָקאַט אביגדור גרין, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיין זון, דוד, און בכלל מיט דער פּלוינסקער יידישער יוגנט,

מיטגעמאַכט דעם שטורעם און דראַנג־פּעריאָד פון דער ציוניסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג אין פּוילן.

אַזוי־אַרום איז אין דעם האַרבסטיקן נאָכמיטאָג פון יאָר 1959 אויפ־געמישט געוואָרן דאָס רומפולע יידישע קאַפּיטל פּלוינסק מיט אירע צאָל־רייכע, קאָלירפולע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן אין דעם שטעטל גע־ווירקט אין משך פון עטלעכע דורות און געשטאַלטיקט דעם כאַראַקטער פון דער שטעטלדיקער יידישער יוגנט.

באַזונדערס צאָלרייך איז געווען די פּלעיאַדע פירנדיקע יידישע פּער־זענלעכקייטן, וועלכע האָבן באַלאַנגט צום דור פון דוד בן־גוריון. אין דער ערשטער ריי איז דאָס דער גייסטרייכער העברעישער שריפטשטעלער און וויסנשאַפטלער, שלמה צמח, וועלכער איז פונקט ווי בן־גוריון גע־בוירן געוואָרן אין יאָר 1886 און האָט זיך אַרויסגערוקט ווי איינער פון די קאָלירפולסטע פּערזענלעכקייטן אין מדינת ישראל.

אומגעפער פון דעם זעלבן עלטער איז געווען דער גרויסער קינסט־לער יוסף בודקאָ (געבוירן אין 1888), וועלכער איז אין 1940 געשטאָרבן אין ירושלים. יוסף בודקאָ איז דער מחבר פון אָריגינעלע ביבלישע אי־לוסטראַציעס און איינער פון די שעפער פון דער מאָדערנער יידישער גראַפיק. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אַ גאַנצע גאַלעריע שטעטלדיקע טיפּן, וואָס ער האָט געמאָלן בעת זיינע אָפטע באַזוכן אין פּלוינסק.

מיט פּלוינסק האָט אויך אַ נאָענטע שייכות דער וועטעראַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן, יצחק גרינבוים, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין פּלאָצק, אָבער איז אויסגעוואַקסן אין פּלוינסק.

דערמיט שעפּט זיך נאָך ווייט נישט אויס די גאַלעריע פון יידישע פּער־זענלעכקייטן אין פּלוינסק. די עלנטע יידן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין פּלוינסק, האָבן געהאַלטן אין קאָפּ דעם פולן צעטל פון זייערע באַרימטע לאַנדסלייט און זיי האָבן טאַקע אָנגערופן נאָמען נאָך נאָמען.

זיי האָבן דערמאָנט שלמה לעווקאָוויטש (לביא), דעם גרינדער פון קיבוץ „עין חרוד״; די ברידער קוואַשני, פאַרדינסטפולע פּיאָניר־אַג־ראָנאָמען אין מדינת ישראל; יצחק יציב (שפּיגעלמאַן) — איינער פון

די ערשטע רעדאַקטאָרן פון „דבר" און דער סאַמע ייִנגסטער פון צווישן זייערע לאַנדסלייט, דער באַגאַבטער יידישער פּראָזאַיִקער מענדל מאַן.

עס איז נישט סתם קיין צופאַל, וואָס גראָד דאָס שטעטל פּלוינסק האָט אַרויסגעגעבן די וויכטיקסטע פירער פון דער צווייטער עליה פון פוילן און פּיאָנערן פון דער קיבוצישער באַוועגונג אין ארץ ישראל.

ביים סאַמע אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט איז פּלוינסק, פריער פון וועלכן־עס־איז אַנדערן שטעטל אין פוילן, פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פּראָגרעסיווע אידעען פון דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה.

דאָס איז געווען אין יאָר 1817, ווען דער אויפגעקלערטער וואַרשע־ווער גביר, שלמה זלמן פויזנער, האָט הינטער פּלוינסק אָפּגעקויפט אַ גרויסן שטח ערד — דאָס גוט קוכאַרי — און דאָרט באַזעצט יידן אויפן לאַנד, ווי זעלבסטשטענדיקע פּויערים. דערמיט האָט דער יידישער פּאַ־טריציער אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון פּראָדוקטיוויזירן די יידישע באַפעל־קערונג אין פוילן. עטלעכע יאָר שפּעטער האָט פויזנער אויפגעבויט אין קוכאַרי אַ טוך־פאַבריק, וווּ ער האָט באַשעפטיקט יידישע וועבער־אַרבע־טער און אַ צאָל יידישע יונגעלייט גענומען לערנען דעם וועבער־באַרוף. נעבן דער טוך־פאַבריק איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ ישיבה, וווּ עטלעכע שעה אין טאָג האָבן די בחורים געלערנט און עטלעכע שעה געאַרבעט.

אין יאָר 1839 זענען אין דער טוך־פאַבריק פון שלמה זלמן פויזנער שוין געווען באַשעפטיקט 360 יידישע אַרבעטער און צווישן זיי אַ היפּשע צאָל יידישע מייסטערס, וואָס זענען אויסגעבילדעט געוואָרן ביי דער פאַבריק. אויך די צאָל יידישע קאָלאָניסטן איז כסדר געשטיגן און אין יאָר 1878 האָבן זיך אין אַ ריי דערפער הינטער פּלוינסק געפונען צאָל־רייכע, גוט־איינגעאָרדנטע יידישע פאַרמער.

אַ דאַנק די פאַבריקס־אונטערנעמונגען פון שלמה זלמן פויזנער און דער דערפאָלגרייכער יידישער קאָלאָניזאַציע אין דער געגנט איז פּלוינסק געוואָרן אַ וויכטיקער יידישער צענטער און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער קליינער קהילה האָט זיך שנעל פונאַנדערגעבליט.

אין אָט דעם פעריאָד האָבן קיין פּלוינסק פאַרבלאָנדזשעט צווי גרויסע פּוילישע פּערזענלעכקייטן : דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּוילישער

שרייבער און נאָבעל־פּרייז־טרעגער, העגריק שענקעוויטש, און דער אַסט־ראָנאָם ד״ר יאַן יענדזשעיעוויטש, וועמענס ווערק „קאָסמאָגראַפיע״ איז איבערגעזעצט געוואָרן אין די וויכטיקסטע אייראָפּעיִשע שפּראַכן.

יענדזשעיעוויטש איז געווען דער שטעטלדיקער דאָקטאָר און זיינע פּאַציענטן זענען געווען כמעט אויסשליסלעך די יידן פון פּלוינסק און די יידישע קאָלאָניסטן אַרום פּלוינסק.

העגריק שענקעוויטש איז געווען אַ לערער ביי אַ גוטבאַזיצער אין דאָרף פּאָשוויענטנע, אין שכנות פון די גיטער, וואָס האָבן באַלאַנגט צו די קינדער פון שלמה זלמן פּויזנער. שענקעוויטש האָט שוין דאַן געהאַט פּאַרעפנט־לעכט אַ ריי דערציילונגען און געאַרבעט אויף זיין גרויסער ראָמאַנען־טרילאָגיע „מיט פייער און שווערד״.

פון אָט דער צייט שטאַמען די סאַמע בייסיקסטע באַמערקונגען, וואָס העגריק שענקעוויטש האָט געמאַכט וועגן אַנטיסעמיטיזם. אין אַ בריוו, וואָס שענקעוויטש האָט פון פּלוינסק געשריבן צו זיינס אַ יידישן פריינד, היפּאָליט האָנטאָוער, באַמערקט דער יונגער שרייבער מיט עמפּערונג, אַז די גלחים פון דער געגנט העצן קעגן יידן און באַצייכענען זיי אַלס „פּיאַווקעס, וואָס זויגן אויס דאָס בלוט פון פּוילישן פאָלק״.

שענקעוויטש איז אָפט געקומען אויף באַזוך צום ד״ר יאַן יענדזשע־יעוויטש און ביי אים אין שטוב פלעגט ער זיך באַגעגענען מיט פּלוינסקער יידישע יונגעלייט, וואָס האָבן ביי דעם דאָקטאָר און אַסטראָנאָם גענומען לעקציעס.

טרעבלינקע

עס איז געווען אַ קאַלטער, פייכטער ווינטער־פרימאָרגן, ווען איך האָב זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון מזרח־וואָקזאַל אין פּראַגע, אויף דער צווייטער זייט ווייסל, כדי צו נעמען דעם צוג קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרט פּאַרזוכצן די פיינלעכע „עקספּעדיציע״ איבער די טויטע יידישע שטעט־לעך פון דער געגנט. אויף דער דאָזיקער נסיעה האָט מיך באַגלייט דער

באַוווסטער שרייבער־איבערזעצער מאַרק ראַקאָווסקי, אַ געבוירענער אין ביאַליסטאָק, וועלכער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען קיין פּוילן פון סאָוויעט־רוסלאַנד נאָכן אָפּזיצן אַ היפּשע צאָל יאָרן אין אַ סיבירישן לאַגער. ראַקאָווסקיס באַראַק־שכן אין דעם לאַגער איז געווען ווילהעלם ליבקנעכט, דער זון פון דעם דייטשן קאָמוניסטישן מאַרטירער קאַרל ליבקנעכט.

פון צייט צו צייט האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ באַן־סטאַציע, וועמענס נאָמען האָט אויפגעוועקט זכרונות פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די דאָזיקע שטעטלעך האָבן געברויזט מיט יידיש לעבן. דאָס זענען: מאַלקין, זשעלעניעץ, לאַכאָוו, טלושטש און וואָלאָמין. ראַקאָווסקי, וועלכער האָט אין די דאָזיקע שטעטלעך פאַרבראַכט זיינע יוגנט־יאָרן, האָט זיך דערמאָנט, אַז אין די אַלטע גוטע צייטן זענען די דאָזיקע פינף שטעטלעך באַצייכנט געוואָרן, ווי די „מזל־טוב"־שטעטלעך. דאָס איז געווען צוליב צוויי טעמים — ערשטנס, צוליב די ראשי־תיבות פון די פינף שטעטלעך, וואָס שטעלן צונויף די ווערטער „מזל־טוב", ווי אויך צוליב דעם, וואָס סוכות־צייט פלעגן אויף די באַן־סטאַציעס פון די דאָזיקע שטעטלעך פאָר־קומען די זעונגען צווישן מיידלעך און בחורים פון דער געגנט. צוזאַמען מיט די צוקונפטיקע חתנים און כלות האָט מען דאָ אויך געזען די קאַליר־פולע געשטאַלטן פון די שדכנים, וועלכע האָבן צונויפגעפירט די שידוכים.

אויף די פוסטע באַן־סטאַציעס פון די דאָזיקע שטעטלעך, וואָס ליגן צווישן וואַרשע און ביאַליסטאָק, האָב איך געטראָפן עלטערע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן נאָך געדענקט דעם קלאַנג פון יידישע ווערטער און האָבן מיט באַדויערן גערעדט וועגן די פאַרשוווּנדענע יידן פון די דאָזיקע שטעטלעך.

אין לאַכאָוו איז אין אונדזער וואַגאָן אַריינגעקומען אַן עלטערער פּויער מיט גרויע וואָנצעס און אַן אָפּגעסמאַליעט פּנים, צעאַקערט פון טיפע קנייטשן. אַראָפּנעמענדיק דאָס אויסגעקראַכענע פוטערנע היטל האָט ער זיך באַגריסט מיט דעם טראַדיציאָנעלן „זאָל געלויבט זיין", און זיך אָוועקגעזעצט לעבן אונדז. ווען איך האָב אים געפרעגט, צי עס זענען אין לאַכאָוו נאָך פאַראַן יידן, האָט ער געענטפערט: „זינט דער באַפרייונג האָב איך ביי אונדז אין שטעטל נישט געזען מער קיין איין לעבעדיקן ייד".

דער אופן, ווי אַזוי דער פויער האָט אַקצענטירט דאָס וואָרט „לעבע־דיקן‟, האָט מיך אויפגעטרייסלט, און איך האָב אים איבערגעפרעגט: „און נישט לעבעדיקע?‟. דערויף האָט ער אָן דער מינדסטער פאַרלעגנהייט געענטפערט: „טויטע יידן געפינט מען ביי אונדז כסדר אין די וועלדער. זיי ליגן דאָרט קופּעסווייז‟.

פון פענצטער פון באַן־וואַגאָן האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אומענדלעכע פעלדער־פּאַסן, וואָס האָבן זיך געמישט מיט דער גרינקייט פון אויפגייענ־דיקן ווינטער־ווייץ און דער פריש־צעאַקערטער, פעטער ערד. דאָ און דאָרט האָבן פויערים געגראָבן קאַרטאָפל און בוראַקעס. אויפן פּאַן פון דער אידילישער לאַנדשאַפט פון פוילישן דאָרף האָבן פאַר מיר אויפגע־טויכט די שאָטנס פון די פאַרברענטע יידן, וואָס זענען אַרויסגערופן גע־וואָרן דורך די פוילישע מיט־פּאַסאַזשירן.

אַ מיטליאָריקע פרוי שטאָטיש געקליידט, וועלכע איז אַריינגעקומען אויף דער סטאַציע מאַלקין, האָט אונדז דערציילט, אַז בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט מען אין שטעטל ביי נאַכט געזען די פלאַמען פון קרע־מאַטאָריום אין שכנותדיקן טרעבלינקע. זי האָט מיר אויפגעקלערט, אַז דער לאַגער טרעבלינקע האָט זיך געפונען אין וואַלד פון גאַנשאַראָווע, קוים דריי קילאָמעטער פון מאַלקין.

„נישט איין מאָל — האָט די פרוי געזאָגט — זענען די שויבן פון מיין הויז באַדעקט געוואָרן פון אַ געדיכטן אַש, וואָס דער ווינט האָט אַנגעטראָגן פון די קוימענס אין טרעבלינקע. די לופט איז אָפט געווען פול מיט אַ שרעקלעכן געשטאַנק און מיר האָבן ממש נישט געקענט אַרויס־גיין אין גאַס‟.

פאַרגליווערטע האָבן מיר זיך צוגעהערט צו די שילדערונגען וועגן מאַלקין און דעם דערבייִיקן טרעבלינקע, ווו הונדערטער טויזנטער יידן זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס. וועלנדיק, אַפּנים, אָפּטרייסלען פון זיך דאָס דאָזיקע געשפּענסטיקע בילד, וואָס די פויערטע האָט פאַר אונדז געמאָלן, האָט ראַקאָווסקי פּלוצעם גענומען דערציילן זיינע יוגנט־זכרונות פון מאַלקין, ווו זיין זיידע, יעקב מאיר ראַקאָווסקי, האָט אין די נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט

אויסגעבויט די גרויסע שול, פון וועלכער עס איז נישט פאַרבליבן קיין זכר. ראַקאָווסקיס פאַרהאַרטעוועט געזיכט האָט זיך מיט אַ מאָל צעשײַנט, ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן די צײַטן, ווען מאַלקין איז פול געווען מיט יידישע סוחרים און פּאָדריאַטשיקעס, וועלכע האָבן צוגעשטעלט פּראָ־וויאַנט פאַר דעם גרויסן גאַרניזאָן פון דער צאַרישער אַרמיי אין דער דאָזיקער געגנט.

„אין מאַלקין — האָט מאַרק ראַקאָווסקי דערציילט — האָט געדינט דער יונגער באַראָן דוד גינצבורג, דער זון פון דעם מאַגנאַט האָראַצי גינצבורג. דוד גינצבורג איז געווען דער איינציקער יידישער אָפיציר אין צאַרישן גאַרניזאָן פון מאַלקין. איך געדענק ווי איין מאָל, אין שמחת־תורה, איז ער געקומען צום דאַווענען, געקראָגן מפטיר און עס האָט אין שטעטל געקאָכט צוליב דער גרויסער סומע געלט, וואָס ער האָט מנדב געווען פאַר דער שול".

די זכרונות פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהייט, פון די זיסע יוגנט־יאָרן אין אָט די שטעטלעך צווישן וואַרשע און ביאַליסטאָק, האָט מאַרק ראַקאָוו־סקי דורכגעפלאָכטן מיט דערינערונגען פון די גרויליקע יאָרן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין סאָוויעט־רוסלאַנד, נאָך דעם ווי ער איז אין יאָר 1943 פּלוצים אַרעסטירט געוואָרן אין קעמערשעוו.

„דער אויספאָרשונגס־ריכטער, וועלכער האָט מיך פאַרהערט ערשט אויפן צענטן טאָג נאָך מײַן אַרעסט — האָט ראַקאָווסקי דערציילט — האָט אין אָנהייב אין אַ בײַזן טאָן מיר דערקלערט, אַז איך ווער אָנגעקלאָגט אין שפּיאָנאַזש לטובת יאַפּאַן. ווען איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס עפּעס גראָד יאַפּאַן האָט ער אָן אויפגערעגטער פון מײַן איראָנישער פראַגע אַ זעץ געטאָן אין טיש און אויסגעשריִען, אַז עס זענען פאַראַן וועגן דעם פעסטע באַווײַזן. ווען איך בין אָבער געוואָרן צודרייגלעך און געפרעגט, וואָס עס זענען די באַווײַזן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מײַנע קאָנטאַקטן מיט יאַפּאַן זענען גוט באַקאַנט און אַז צווישן די באַווײַזן געפינט זיך מײַנע אָן איבערזעצונג פון אַלטע יאַפּאַנישע מעשהלעך...

„איך האָב זיך אָבער מער נישט געקענט אײַנהאַלטן — האָט ראַ־קאָווסקי פאַרגעזעצט — און אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער. דער אויס־

פאַרשונגס־ריכטער האָט מיך דאַן געגומען זידלען מיט אַ לשון, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט געהערט. איך האָב אָפּגעוואָרט, ביז ער האָט פאַרענדיקט די פעפערדיקע זידלערייען און אַ רויִקער אים געפרעגט, צי ער שעמט זיך נישט צו באַנוצן אַזעלכע אויסדרוקן אין אַנבליק פון די פאַר־טרעטן פון סטאַלין און לענין... דאָס האָט אים שוין פולשטענדיק אַרויס־געבראַכט פון גלייכגעוויכט און ער האָט אויסגעשריען: „דאָס וואָס היטלער האָט מיט אייך, יידן, געטאָן איז ריכטיק, און דאָס, וואָס היטלער וועט נישט פאַרענדיקן, וועלן מיר פאַרענדיקן".

די דאָזיקע דערינערונגען פון סיבירער לאַגער האָבן זיך ווי צונויפ־געוועבט מיט די טראַגישע איבערלעבונגען פון די לעצטע איינזאַמע יידן, וואָס מיר האָבן באַגעגנט אין די טויטע יידישע שטעטלעך ביים ראַנד פון די ביאַלאָוועזשער וועלדער, האַרט ביי דער סאָוויעטישער גרענעץ.

זאַבלודאָווע

קיין זאַבלודאָווע זענען מיר אָנגעקומען גראַד אין טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען דער וועכנטלעכער יריד. דער גרויסער מאַרק־פּלאַץ איז פול געווען מיט פּויערישע וואָגנס, געשפּאַנט אין איינצלנע פערד. אין צענטער פון מאַרק זענען געשטאַנען עטלעכע גרויסע לאַסט־אויטאָמאָבילן פון די מלוכהשע שפּייז־קאָאָפּעראַטיוון, וועמענס פאַרטרעטער עס האָבן אויפגע־קויפט ביי די פּויערים קאַרטאָפל, בוראַקעס און עפּל. אויפן מאַרק האָבן זיך אויך באַוועגט הענדלער, וועלכע האָבן אויפגעקויפט אייער, פּוטער און עופות פאַר זייערע פּריוואַטע קרעמלעך, וואָס האָבן נאָך דעם אָקטאָבער־רעוואָלט פון יאָר 1956 גענומען וואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

אַמאָל זענען די הענדלער אויף די שטעטלדיקע ירידן אין פּוילן בעיקר געווען יידן. בעת מיין באַזוך אין זאַבלודאָווע האָב איך אָבער נישט גע־טראָפן קיין איין ייד. דאָך האָב איך אויפן מאַרק־פּלאַץ געפונען „יידישע שפּורן" — טראַגישע שפּורן. דאָס איז געווען אַ קופּע צעבראָכענע מצבות ביים סאַמע עק פון מאַרק־פּלאַץ.

עס האָט מיר לאַנג נישט גענומען אויסצוגעפינען, אַז דער מאַרק־פּלאַץ איז דער אַמאָליקער אַלטער יידישער בית־עלמין פון זאַבלודאָווע. עס זענען נאָך אַפילו פאַרבליבן די אַמאָליקע געמויערטע מתים־שטיבלעך, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שפּייכלערס פאַר די זאַבלודאָווער שפּייז־קאָאָפּעראַטיוו. פון די מייסטע מצבות האָט דער ווינט און רעגן שוין געהאַט אָפּגעמעקט די אותיות מיט די אָרנאַמענטן. דאָך האָב איך פון אייניקע מצבות נאָך געקענט אָראָפּלייענען דאַטעס, וואָס האָבן געגרייכט מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

פאַרן קריג האָבן אין זאַבלודאָווע געלעבט העכער 6.000 יידן. דאָס שטעטל האָט געשמט מיט אירע גרויסע גאַרבערייען, וואָס האָבן זיך געפונען אויסשליסלעך אין יידישע הענט. אין פרילינג פון יאָר 1942 האָבן די נאַציס אַרויסגעטריבן די יידן פון זייערע היימען און זיי אָפּגעשלאָסן אין די גאַרבערייען, ווו זיי האָבן געוווינט און פּראָדוצירט לעדער פאַר דער אַרמיי. שפּעטער זענען די יידן אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און אָשוויענטשים. בלויז געציילטע זאַבלודאָווער יידן האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין די שכנותדיקע דערפער און געבליבן לעבן. קיינער פון זיי האָט זיך אָבער מער נישט אומגעקערט אין זייער שטעטל.

אויף די בלאָטיקע גאַסן מיט די איינגעשרומפּענע הילצערנע הייזקעס האָט זיך קוים באַמערקט עפּעס אַ סימן פון לעבן. כ'האָב געהאַט דעם איינ־דרוק, אַז איך בין פאַרפאַרן אין אַ דאָרף, צו וועלכן עס איז נאָך נישט דערגאַנגען קיין שפּור פון אונדזער ציוויליזאַציע. בלויז די רעשטלעך פון דער געמויערטער שול זענען געווען די עדות פון דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט פון אָט דער אָפּגעשטאָרבענער יידישער שטאָט, ווו עס איז געבוירן געוואָרן דער פילזייטיקער גאון, חיים זעליק סלאָנימסקי, דער שפּעטערדיקער גרינדער פון דער ערשטער העברעיִשער טאָג־צייטונג „הצפירה". אין יאָר 1844 האָט חיים זעליק סלאָנימסקי באַקומען דעם דעמידאָף־פּרייז פון 250 רובל פאַר זיין צושטייער צו דער דערפינדונג פון דער רעכן־מאַשין, טראַנסקאָנטינענטאַלן טעלעגראַף און דאַמף־לאָקאָ־מאָטיוו.

די דערפינדונג פון דער רעכן־מאַשין איז אייגנטלעך געווען דאָס

ווערק פון סלאָנימסקיס שווער, דעם געניאַלן מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָם און העברעיִשן שרייבער, אברהם יעקב שטערן, פון שטעטל ראַבישויוו — דער ערשטער יידישער מיטגליד פון דער פוילישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט אין וואַרשע. דאָס האָט שטערן דערמוטיקט דעם יונגן גאון פון זאַבלודאָווע, אים גענומען פאַר אַן איידעם און אים צוגעצויגן צו זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

פון די צוויי משפחות — שטערן און סלאָנימסקי — זענען אַרויסגעקומען צוויי באַרימטע פוילישע פּאָעטן, די וואָרטזאָגער פון צוויי שאַרף קעגנגעזעצטע ריכטונגען אין דער פוילישער ליטעראַטור. דאָס איז דער נעאָקלאַסישער פּאָעט און בייסיקער פּאַלעמיסט, אַנטאָני סלאָנימסקי, און דער מיטשעפער פון פוילישן פוטוריזם און פילם־טעאָרעטיקער, אַנאַטאָל שטערן.

די וויסנשאַפטלעכע גאונות פון חיים זעליק סלאָנימסקי איז אויף אַ מערקווירדיקן אופן אַנטפּלעקט געוואָרן טאַקע אין זאַבלודאָווע גופא. דאָס איז געווען אין די צוואַנציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט, ווען קיין זאַבלודאָווע איז געקומען אַן עקספּעדיציע פון רוסישע און דייטשע אַסטראָנאָמען, בכדי דאָרט צו אָבסערווירן אַ לקוי־חמה. אַפּנים, אַז דאָס שטעטל איז דאַן באַטראַכט געוואָרן, ווי דער גינסטיקסטער פּונקט פאַר דער פאָרשונג פון דעם נאַטור־פענאָמען.

דער יונגער ישיבה־בחור, חיים זעליק סלאָנימסקי, וועלכער האָט שוין דאַן געשמט אין זאַבלודאָווע ווי אַן עילוי, איז אויף שריט און טריט נאָכגעגאַנגען די וויסנשאַפטלער און מיט גרויס נייגיר באַטראַכט דעם טעלעסקאָפּ, וואָס זיי האָבן אויפגעשטעלט אויפן מאַרק. סלאָנימסקי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט די אַסטראָנאָמען, וועלכע זענען געוועזן איבערראַשט פון זיין גרויסער וויסנשאַפטלעכער בקיאות — בפרט נאָך, ווען זיי האָבן געהערט, אַז ער האָט קיינמאָל פריִער אַפילו נישט געהאַט געזען קיין טעלעסקאָפּ פאַר די אויגן. ווען זיי האָבן געפרעגט דעם יונגן בחור אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, פון וואַנען ער ווייסט דאָס אַלץ, זאָל סלאָנימסקי האָבן געענטפערט: „דאָס ווייסט יעדער ייד איז זאַבלודאָווע...“

אַזוי איז דער דאָזיקער עפּיזאָד געשילדערט געוואָרן אין אַ בערלינער

צייטונג דורך איינעם פון די דייטשע אַסטראָנאָמען, וואָס האָט זיך באַ־טייליקט אין דער עקספּעדיציע קיין זאַבלודאָווע. דאָס אַרטיקל האָט גע־טראָגן דעם נאָמען: „דאָס מיסטעריעזע וויסן פון די ליטווישע רביים״.

*

אַ פאַרווירטער בין איך געשטאַנען אויפן מאַרק־פּלאַץ פון זאַבלודאָווע, ווו מיט קנאַפּע אַנדערהאַלבן יאָרהונדערט צוריק האָט זיך אָפּגעשפּילט די סצענע צווישן דעם שטעטלדיקן אַסטראָנאָם, חיים זעליק סלאָנימסקי, און די באַרימטע אַסטראָנאָמען פון אויסלאַנד. אויף די שוועלן פון די צעקרימטע הילצערנע הייזקעס זענען געזעסן אָפּגעשליסענע קינדער פון די נייע איינוווינער, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דעם לעבנס־שטייגער, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דעם שטעטל במשך פון יאָרהונדערטער.

זאַבלודאָווע האָט פון קריג ווייניק געליטן, אָבער דאָס שטעטל איז געוועזן כמעט ליידיק. בעת מיין באַזוך האָבן זיך דאָרט געפונען קוים צוויי טויזנט נפשות. די אַמאָליקע יידישע גאַרבערייען זענען געוועזן אין אַ מצב פון צעפאַלונג. דאָס זעלבע פּנים האָבן אויך געהאַט די הונדערטער הילצערנע הייזקעס אין די קרומע געסלעך, ווו עס האָט אַמאָל געברויזט אַ פאַרביק יידיש לעבן מיט צאָלרייכע בתי־תפילה און קולטור־אינסטי־ציעס. פון דער אַלטער, 700־יאָריקער זאַבלודאָווער שול זענען פאַרבליבן בלויז שטיקלעך ווענט מיט אָפּגעמעקטע פּסוקים און אָרנאַמענטן.

ביעלסק־פּאָדלאַסק

דער שאָסיי, וואָס פירט פון זאַבלודאָווע צו דער פּאָוויאַט־שטאָט ביעלסק־פּאָדלאַסק, איז געפּלאַסטערט מיט גרויע ציגל. דער דאָזיקער שאָסיי, וואָס ציט זיך אויף צענדליקער מייל, לענגאויס די אָרעמע פּאָד־ליאַסער דערפלעך מיט די שטרוי־געדעקטע הייזקעס, ווינטמילן און היל־צערנע ברונעמס, איז דורכגעווייקט מיטן בלוט פון די יידישע שקלאַפן־

אַרבעטער. דעם שאָסיי האָבן געבויט די יידן פון זאַבלודאָווע, ביעלסק־פּאָדלאַסק, אָרלע, גראַיעווע, וואַסילאָווקע, זאַמבראָווע און אַנדערע שטעט־לעך פון דער ביאַליסטאָקער געגנט.

ווי אין די צייטן פון פּרעה מלך מצרים האָבן די יידן בעת דער נאַצי־שער אָקופּאַציע פון דער געגנט אַליין געמוזט צושטעלן דעם ליים, אויס־ברענען די ציגל און זיי אויספלאַסטערן איבער די בלאָטיקע, דאָרפישע וועגן. פאַר דער דאָזיקער אַרבעט פון שנעל אויסבויען דעם שאָסיי האָבן די נאַציס געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דעם אָרלער רב, הרב אברהם האַל־פּערן, און דעם פאָרזיצער פון דער קהלה אין ביעלסק־פּאָדלאַסק, שמואל וויינשטיין, וועלכער איז געווען דער אייגנטימער פון דריי ציגל־פאַבריקן אין דער געגנט. ביידע זענען זיי געפאַלן אויפן שאָסיי אונטער די קלעפּ פון די נאַציס, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוטרייבן די יידן צו אַרבעטן שנעלער.

ביעלסק־פּאָדלאַסק איז געווען אַ גרויסער יידישער צענטער אין דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ. פּונקט ווי אַלע אַנדערע שטעטלעך אין דער געגנט פון פּאָדליאַסיע איז אויך די פּאָוויאַט־שטאָט ביעלסק אַ מין גרויס דאָרף מיט נידעריקע, הילצערנע הייזקעס. בלויז אויפן מאַרק געפינען זיך געמויערטע הייזקעס און אין צענטער — אַ בנין מיט אַ הויכן רויט־ציגל־דיקן טורעם. דאָס איז דער שטאָטראַט, וווּ עס געפינט זיך אויך די תּפיסה, די פייערלעשער און אַנדערע שטאָטישע אַנשטאַלטן.

ביים אויסברוך פון קריג האָבן אין ביעלסק־פּאָדלאַסק געוווינט העכער 12.000 יידן. עס איז געווען אַ כמעט הונדערט־פּראָצענטיקע יידישע שטאָט. עס האָט זיך דאָרט געפונען אַ יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק, אַ זיבן־קלאַ־סיקע פאָלקסשול פון ציש"אָ, אַ העברעיִשע תּרבות־שול, ספּאָרט־קלובן, ביבליאָטעקן און צענדליקער קלויזן. אַלע קרעמלעך אין שטאָט האָבן געהערט צו יידן.

צווישן די יאָרן 1939—1941, ווען די דאָזיקע געגנט איז עטלעכע מאָל אַריבער פון די נאַציס צו די סאָוויעטן, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין ביעלסק־פּאָדלאַסק נאָך עטלעכע טויזנט יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. ערשט אין מאַי פון יאָר 1942 האָבן די נאַציס אַרויסגעגעבן די פאַראָרדע־

נונג וועגן איינשטעלן אַ געטאָ מיט אַ הילצערנעם פּלויט. בישט נאָר האָבן די ביעלסקער יידן אַליין געמוזט בויען דעם פּלויט, נאָר זיי האָבן אויך געמוזט צושטעלן די ברעטער. היות עס האָבן אויסגעפעלט ברעטער, האָבן זיי געמוזט נוצן זייער מעבל. ביים סוף פון יאָר 1943 זענען די לעבן־גע־בליבענע עטלעכע טויזנט יידן אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ און מאַידאַנעק.

בלויז אַ קליין הייפל יידן האָט זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן ביי פריינד־לעכע פויערים אין די אַרומיקע דערפער. די דאָזיקע געציילטע יידן זענען טאַקע נאָך דער באַפרייונג צוריקגעקומען קיין ביעלסק. די מערהייט האָט אָבער באַלד אויסגעוואַנדערט, און אין האַרבסט 1959 האָב איך דאָרט געטראָפן קוים אַ קנאַפּן מנין יידן. דאָס זענען געווען די משפחות פון ישראל קאַפּלאַנסקי, ישראל בענקאָווסקי, יוסף איזביצקי און די פיר ברידער גרודי פון דראָהיטשין, וועלכע האָבן נאָך דער באַפרייונג זיך באַ־זעצט אין ביעלסק־פּאָדלאַסק.

עס זענען געהאַט פאַרביי קוים געציילטע מינוטן, ווי אונדזער אויטאָמאָביל איז אָנגעקומען אין שטאָט און אַלע יידן פון ביעלסק־פּאָדלאַסק זענען זיך צונויפגעקומען אויפן מאַרק און אונדז איינגעלאַדן אין הויז פון ישראל קאַפּלאַנסקי. דער בעל־הבית און זיין פרוי, טויבע, האָבן גלייך גענומען גרייטן דעם טיש, וואָס זיי האָבן איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעך און אָנגעשטעלט פון כל טוב — מאַרינירטן הערינג, שטרודל, בראָנפן און אַפילו פּסחדיקן ווישניאַק, וואָס זיי האָבן אָפּגעגאָסן פון אַ גרויסן סלאָי.

ישראל און טויבע קאַפּלאַנסקי האָבן געוווינט אין אַ הייזקע פון פיר צימערן, באַקוועם און מאָדערן איינגעאָרדנט. ווען זיי האָבן באַמערקט מיין שטוינונג צוליב דער פיינער הייזקע, האָבן זיי מיר דערציילט, אַז דאָס הויז האָט זיך אייגנטלעך געפונען אין שכנותדיקן אָרלע, ווו זייער משפחה האָט געלעבט במשך פון דורות. נאָך דער באַפרייונג, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון דער באַהעלטעניש אין אַ דערבייִיקן דאָרף, האָבן זיי דאָס הויז פון אָרלע אַריבערגעטראָגן קיין ביעלסק־פּאָדלאַסק, ווייל זיי זענען

געוועזן די איינציקע יידישע משפחה, וואָס איז געהאַט צוריקגעקומען קיין אָרלע.

דאָס הילצערנע הויז איז געוואָרן פונאַנדערגענומען און שטיקלעכווייז אַריבערגעפירט מיט פויערישע וועגענער. אַ חודש צייט האָט געדויערט דאָס אַריבערפירן און צוריק אויפשטעלן די הייזקע. די גאַס, ווו דאָס הויז פון ישראל קאַפּלאַנסקי איז געוואָרן אויפגעשטעלט, האָט פאַרן קריג גע־הייסן „אוליצאַ בוזשניטשנאַ" — בית־מדרש־גאַס. עס האָט זיך דאָרט געפונען דאָס גרויסע בית־המדרש. דער הקדיש, מרחץ און די אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס פון ביעלסק־פּאָדלאַסק. פון דעם אַלעם איז נישט פאַרבליבן קיין זכר. אויך דער נאָמען פון דער גאַס איז געענדערט געוואָרן אויף: קאַזשימיעזשאָווסקאַ.

אין די גראָמע צימערן פון קאַפּלאַנסקיס הויז זענען געשטאַנען דריי ריזיקע קאַסטנס געמאַכט פון פרישע סאָסנע־ברעטער, וואָס האָבן אין דער שטוב פאַרשפּרייט דעם ריח פון וואַלד. די קאַסטנס זענען געווען פאַרזען מיט שלעסלעך. דאָס איז געווען דער באַגאַזש, וואָס די משפחה קאַפּלאַנסקי האָט געהאַט פאַרטיק געמאַכט פאַר זייער אָפּפאָר קיין מדינת ישראל.

קאַפּלאַנסקי האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז ער האָט די גאַנצע צייט גאַנץ פיין פאַרדינט און אַז נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, וואָס האָט געבראַכט מער פרייהייט פאַרן פּריוואַטן האַנדל, קען ער מאַכן נאָך מער געלט. ער האָט אָבער באַשלאָסן אויסצוואַנדערן קיין ישראל, ווייל אין ביעלסק און אַפילו אין ביאַליסטאָק לעשט זיך אויס דאָס יידישע לעבן און עס ווילט זיך די לעצטע יאָרן זיין אין אַ יידישער סביבה.

ווען קאַפּלאַנסקי האָט אָנגעגעבן אויף אַ פּאַספּאָרט אויסצוואַנדערן קיין ישראל, איז ער גערופן געוואָרן אין פּרעזידיום פון ביעלסקער נאַציאָנאַל־ראַט, ווו דער פאַרזיצער און די אַנדערע באַאַמטע האָבן מיט אים פּרובירט איינטענהן, אַז ער זאָל נישט אַוועקפאָרן פון שטאָט.

„איך האָב קלאָר געפילט — האָט קאַפּלאַנסקי געזאָגט — אַז די גויים מיינען עס ערנסט. זיי האָבן מיך געפרעגט, צי איך לייד פון אַנטיסעמיטיזם, צי איך האָב וועלכע עס איז שוועריקייטן און האָבן פּרובירט ווירקן אויף

מיר, אַז איך זאָל אין לעצטן מאָמענט ענדערן מיין באַשלוס און בלייבן אין ביעלסק״.

קאַפּלאַנסקי האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער פּאַרזיצער פון נאַציאָ־נאַל־ראַט האָט מיט טיפער אויפריכטיקייט געזאָגט: „עס וועט זיין אומעטיק אין שטעטל אָן אייך. פאָרט נישט אַוועק. איר האָט זיך פאַר גאָרנישט וואָס צו שרעקן. די אַמאָליקע צייטן זענען פאַרביי״.

אויך די דריי ברידער גרודי האָבן שוין געהאַט זייערע פּאַספּאָרטן, גרייט אָפּצופאָרן קיין ישראל, ווּהין זיי האָבן פאַרויסגעשיקט זייער עלטסטן ברודער, לייזער, צוזאַמען מיט זיין 17־יאָריקן זון. די פרוי פון לייזער גרודי איז נאָך פאַרבליבן אין ביעלסק, כדי צו העלפן אַרויסשיקן דעם איבעריקן באַגאַזש. לייזער גרודי מיט זיין זון זענען געפאָרן מיט אַ טראַנספּאָרט פון 22 יידישע פאַרמער פון נידערשלעזיע. דאָס איז געווען אַ ספּעציעלער צוג פון 36 וואַגאָנען מיט בהמות, פערד, שעפּסן און אַגריקולטור־מאַשינען. די ברידער גרודי האָבן אין דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט מיטגעשיקט זעקס בהמות, 19 שעפּסן און אַ טראַקטאָר.

די ברידער גרודי האָבן אָבער טייער באַצאָלט פאַר דער קורצער פּראָספּעריטי, וואָס זיי האָבן גענאָסן אין די ערשטע יאָרן פון קאָמוניסטישן פוילן. אין יאָר 1950, ווען דער פּאָליציי־רעזשים איז געוואָרן פאַרשטאַרקט און מען האָט גענומען אונטערדריקן יעדע פּריוואַטע איניציאַטיוו, איז פישל גרודי געוואָרן אַרעסטירט. נאָך לאַנגע לאָדענישן אין געריכט האָט ער באַ־קומען ניין חדשים תפיסה. ביז צום משפט איז ער אָבער שרעקלעך געפּיי־ניקט געוואָרן.

צוויי יאָר נאָך דער באַפרייונג, אין ווינטער 1953, ממש עטלעכע טעג נאָך דעם דאָקטוירים־בלבול אין מאָסקווע, איז פישל גרודי ווידער אַמאָל געוואָרן אַרעסטירט. דאָס מאָל איז ער געוואָרן אָנגעקלאָגט, אַז ער האַלט אָן פאַרבינדונגען מיט דער נאַציאָנאַליסטישער אונטערערדישער באַוועגונג. צוועלף פּאָליציאַנטן זענען געקומען אין הויז פון די ברידער גרודי און צוגענומען ממש אַלץ, וואָס זיי האָבן געהאַט אין הויז. קורץ נאָך סטאַ־לינס טויט איז גרודי, פּונקט ווי די דאָקטוירים, אָן שום משפט באַפרייט געוואָרן און זיין אָרט אין תפיסה האָבן פאַרנומען דער ביעלסקער פּראָ־

קוראָר און דער אויספאָרשונגס־ריכטער. עס האָט זיך, נעמלעך, אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן צוגעגנבעט דאָס זילבערוואַרג און דאָס צירונג פון די ברידער גרודי.

דער פּראָצעס קעגן פּראָקוראָר און אויספאָרשונגס־ריכטער איז פאָרגעקומען הינטער געשלאָסענע טירן און יעדער איינער פון זיי האָט באַקומען צו אַכט יאָר תפיסה.

נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש זענען זיי געוואָרן באַפרייט אויפן סמך פון דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע פון גאָמולקאַ־רעזשים. דער באַפרייטער אויספאָרשונגס־ריכטער איז דאַן געקומען צו די ברידער גרודי און זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט זיי געלאָזט אַרעסטירן אויפן באַפעל פון אַרטיקן פאַרטיי־סעקרעטאַר, וועלכער האָט אים אויך פאַראָרדנט צו פאַרמשפטן פישל גרודי אויף פינף יאָר תפיסה.

פּונקט ווי ביי ישראל קאַפּלאַנסקי, איז אויך די וווינונג פון די ברידער גרודי פול געווען מיט וואַליזעס און קאַסטנס. זיי האָבן בלויז געוואַרט אויף אַ מיטטיילונג פון דאַנציק וועגן דער שיף, וואָס האָט זיי באַדאַרפט ברענגען קיין ישראל, ווו זייער ברודער, לייזער גרודי, האָט שוין גענומען איינאָרדענען אַ ווירטשאַפט הינטער חיפה.

אָרלע

איבער די צעקרומטע הילצערנע הייזקעס פון אָרלע האָט זיך שטאָלץ געטורעמט די פעסטונגאַרטיקע, האַלב־חרובע שול, וואָס איז נאָך פול געווען מיט סימנים פון איר אַמאָליקער פּראַכט. צווישן די קאָלירפולע אָרנאַמענטן, חיות, פייגל און קאַפּיטלעך תהילים אין אַ זעלטן אָריגינעלער שריפט, וואָס זענען געהאַט פאַרבליבן אויף די ווענט פון דער אויסגעברענטער שול, האָב איך אָבער נישט געקענט געפונען די דאַטע, ווען די שול איז געבויט געוואָרן.

דאָך איז נישט שווער געווען פעסטצושטעלן, אַז אָט־די שול האָט געשטאַמט פון 16טן יאָרהונדערט. אַן עדות דערויף איז געווען דער רענע־

סאַנס־סטיל פון דער אַרכיטעקטור. דער סקעלעט פון דעם בנין איז אויך געוועזן אַ באַוויז, אַז אין אָט דעם שטעטל, ווו ביים אויסברוך פון קריג האָבן געוווינט סך־הכל דריי טויזנט יידן, האָט אַמאָל געבליט אַ גרויסער יידי־שער ישוב, וואָס איז בכוח געווען אויפצובויען אַזאַ מאָנומענטאַלע שול.

פאַרן פאַרלאָזן דאָס שטעטל, אין יאָר 1944, האָבן די נאַציס אונטער־געצונדן די שול. דער הילצערנער דאַך און דער סופיט, וואָס איז געווען אַ מייסטערווערק פון זעלטענע שניצערייען און פאַרביקע באַצירונגען, איז פאַרברענט געוואָרן. עס זענען אָבער וויניק באַשעדיקט געוואָרן די ווענט. די עטלעכע אָרלער יידן, וועלכע זענען נאָך דער באַפרייונג אַרויסגעקומען פון זייערע באַהעלטענישן, האָבן זיך פאַרמאָסטן צוריק צו רעסטאַווירן זייער שול. דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און באַשטימט אַ סומע, וואָס האָט אָבער געסטאַיעט אויף צו מאַכן בלויז אַ דאַך און טרעפּ צו דער וויבערישער שול. ווי נאָר אָבער די עטלעכע אָרלער יידן זענען אין יאָר 1955 אַוועק פון שטעטל, האָבן די פאַרוואַלטער פון לאָקאַלן אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו פאַרוואַנדלט די שול אין אַ שפּייכלער פאַר כעמישער באַמיסטיקונג.

עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט, ביז איך האָב אויפגעזוכט דעם פאַרוואַלטער פון אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו אין אָרלע, וועלכער איז גע־קומען מיט אַ בינט שליסלען אין האַנט, בכדי צו עפענען די שול. דער באַאַמטער, וועלכער האָט באַמערקט מיין אויפרעגונג, האָט פּרובירט אויפ־קלערן, אַז אין גיכן וועט דער שול־בנין ווערן אויסגעליידיקט און מען וועט פאַרענדיקן דאָס רעסטאַווירן די שול.

ווי איך האָב זיך דערוווסט, איז די שענדלעכע האַנדלונג פון לאָקאַלן אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו געווען אין סתירה צו די אינסטרוקציעס פון דער קאָנסערוואַציע־אָפּטיילונג ביים ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדישן קאָמי־טעט. דאָס איז נישט געווען דער איינציקער פאַל פון איגנאָרירן די אינ־סטרוקציעס פון קולטור־מיניסטעריום וועגן קאָנסערווירן און אָפּהיטן שולן פון אַ היסטאָרישן ווערט.

ווען דער לייטער פונעם קאָאָפּעראַטיוו האָט געעפנט די סקריפּענדיקע שווערע אייזערנע טיר פון דער שול, האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים

דער זויערער ריח פון די כעמישע שטאָפן, וואָס זענען קופּעסוויז געלעגן אין די ווינקלען פון דער שול. אין סאַמע צענטער, ווו עס האָט זיך אַמאָל געפונען דער באַלעמער, איז געשטאַנען אַ וואָג צום וועגן די באַמיסטיקונג פאַר די פויערים פון דער געגנט. אין דעם געמויערטן אָרון־קודש פון דער אומגעווייגלעך־דיקער מזרח־וואַנט זענען געלעגן די בוכהאַלטעריע־העפטן פון אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו.

איך האָב אַרויפגעקלעטערט אויפן שול־בוידעם, געניִשטערט אין די ווינקלען, אָבער נישט געפונען קיין שום איבערבלייבעניש פון די שול־הייליקייטן. בלויז הינטערן שול־בנין האָב איך באַמערקט עטלעכע מצבות פון אַלטן בית־עלמין. פונקט ווי אין זאַבלודאָווע איז אויך דער בית־עלמין אין אָרלע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַרק־פּלאַץ.

די יידן, וועלכע האָבן מיט הונדערטער יאָר צוריק געבויט די שול, האָבן פאַר דעם צוועק אויסגעקליבן דעם העכסטן פונקט פון ישוב. זינט דעמאָלט האָט זיך די געגנט דאָ ווייניק געענדערט. צופוסנס דער שול שפּרייטן זיך אומענדלעכע פעלדער, מיט קופּעס צונויפגעטוליעטע, שטרויע־נע הייזקעס און ווינטמילן.

מיט געלאַסענע טריט האָב איך זיך דערווייטערט פון דעם געשענדעטן, פאַרוואַרלאָזטן בית־עלמין און פון דער איינזאַמער שול, איבער וועמענס בלויער פראַנט־וואַנט עס האָט זיך נאָך קלאָר געזען דער ראַזעווער אויפ־שריפט: „מה נורא המקום הזה״.

זאַמאָשטש

די יידישע שטעטלעך אין דער לובלינער וואָיעוואָדשאַפט זענען ווי מאָן געדיכט אָנגעשיט אויף דער מאַפּע פון פּוילן. יעדע עטלעכע מייל געפינט זיך אַ שטעטל, וואָס האָט אַמאָל געברויזט מיט יידיש לעבן. אין פיל פון די שטעטלעך האָב איך אָבער נישט געטראָפן אַפילו קיין איינציקן ייד און אויך נישט קיין שפּור פון די אַלטע שולן און בית־עלמינס. די געציילטע יידן פון די דאָזיקע שטעטלעך, וועלכע האָבן איבערגעלעבט דעם היטלער־מבול,

זענען מער נישט צוריקגעקומען אין זייערע היימען, אין שאָטן פון די גאַז־קאַמערן אין מאַידאַנעק.

אין לעווערטאָוו, וולאָדאַווע, איזביצע, קראַשניק און לענטשנע האָב איך געטראָפן צו איינצלנע, אָדער העכסטנס דריי יידן. דעם ערשטן מנין יידן האָב איך געפונען ערשט אין כעלם, אָבער אַ העלפט פון זיי האָבן זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין. אין דער געבורט־שטאָט פון י. ל. פרץ, אין זאַמאָשטש, האָב איך געטראָפן דריי יידן, שמען בייטשמאַן, אברהם זילבערינג און נ. גורפינקעל, אָנגעשטעלטע אין קאָאָפּעראַטיוו פון הייל־קרייטעכצער, וועלכע האָבן געפירט אַ קאַמף פאַר צוריקשטעלן דעם נאָמען אויף דער פרץ־גאַס.

די גאַס אויפן נאָמען פון י. ל. פרץ, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן נאָך אין די דרייסיקער יאָרן, אונטערן סאַנאַציע־רעזשים, איז נישט געענדערט געוואָרן דורך דער גאַנצער צייט פון דער נאַצי־אָקופּאַציע און אויך עטלעכע יאָר נאָך דער באַפרייונג. ערשט אין יאָר 1952 האָט דער זאַמאָשטשער נאַציאָנאַל־ראַט באַשלאָסן צו ענדערן דעם נאָמען פון דער גאַס און זי אָנגערופן אויפן נאָמען פון אַ לאָקאַלן העלד, אַ געוויסן נאַמיסלאָווסקי. די פּראָטעסטן פון די עטלעכע פאַרבליבענע יידן אין זאַמאָשטש זענען געוואָרן פולשטענדיק איגנאָרירט. ערשט, ווען דאָס קולטור־מיניסטעריום האָט אינטערוועגירט, האָבן די זאַמאָשטשער שטאָט־באַלעבאַטים אַראָפּגענומען דאָס בלעכל מיטן נאָמען נאַמיסלאָווסקי, אָבער דעם נאָמען י. ל. פרץ נישט צוריקגעשטעלט.

אין זאַמאָשטש איז פאַרבליבן די אַלטע שול, וואָס לויט דער לעגענדע זאָל זי האָבן געבויט געוואָרן דורך דעם קאַנצלער יאַן זאַמאָיסקי. דער דאָזיקער רענעסאַנס־בנין פון סוף 16טן יאָרהונדערט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין רייכער אויסשטאַטונג — פאַליכראָמירטע ווענט, האָלץ־שניצערייען און מעטאַל־אָרנאַמענטן. די נאַציס האָבן די שול אויסגעפּליגדערט און דאָרט איינגעאָרדנט די סטאָליער־וואַרשטאַטן פון דער דייטשער פירמע „ציפּסער".

בעת מיין באַזוך אין זאַמאָשטש, אין יאָר 1957, איז גראָד געהאַט פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אַריבערטראָגן די שטאָטישע ביבליאָטעק אין

רעסטאַווירטן שול־בנין. איך האָב געזען ווי אַ שטאָב מענטשן האָט גע־אַרבעט ביים איינשטעלן די ביכער. ווען איך האָב פאַרלאַנגט צו זען דעם קאַטאַלאָג, האָט די פאַרוואַלטערין מיך אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן צימער, וואָס האָט מיר אויסגעזען צו האָבן געווען דער פּאָליש פון דער שול. צווישן די קרוב דרייסיק טויזנט בענדער האָב איך אָבער נישט געפונען קיין בוך פון דעם זאַמאָשטשער בן־עיר, דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור, י. ל. פּרץ, וועלכער איז נאָך פאַרן קריג איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּויליש.

*

די פּוילישע קולטור־היסטאָריקערין, אַננאַ קוביאַק, האָט אַדורכגעפירט אַ גענויע אויספאָרשונג וועגן דעם צושטאַנד פון די פאַרבליבענע שולן און בתי־מדרשים אין פּוילן, נאָך דער באַפרייונג. אויך אַנדערע פּוילישע קונסט־היסטאָריקער האָבן אויסגעפאָרשט דעם ענין און פאַרעפנטלעכט גרעסערע אַרבעטן, אין וועלכע עס איז איינשטימיק אַרויסגעהויבן געוואָרן דער פאַקט, אַז „די אַרכיטעקטור פון די אַלטע יידישע שולן איז אַ נאַטירלעכער טייל פון דער פּוילישער פאָלקס־קונסט". אין די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען איז אָבער אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער טרויעריקער פאַקט, אַז די מער־הייט יידישע היסטאָרישע בנינים איז געוואָרן אָפּגעווישט. פיל אַלטע שול־בנינים אין די גאָר קליינע שטעטלעך, וואָס האָבן געהאַט איבערגעלעבט די נאַצי־אָקופּאַציע, זענען ערשט נאָך דער באַפרייונג פאַרניכטעט געוואָרן דורך פּוילישע וואַנדאַלן.

עס זענען אָבער נאָטירט געוואָרן פאַלן, ווען בעת דער מלחמה האָבן פאַלאַקן באַשיצט יידישע היסטאָרישע דענקמעלער און נאָך דער באַפרייונג האָבן פּוילישע אַרכיטעקטן געפירט מלחמות מיט די נייע מאַכטהאָבער אין די שטעטלעך וועגן ראַטעווען פון פאַרניכטונג שול־בנינים, וואָס זענען רעסטאַווירט געוואָרן מיט גרויס פּיעטעט.

אַזוי, למשל, איז געראַטעוועט געוואָרן דער מאָנומענט פון בערעק יאָסעלעוויטש, דער יידישער פּולקאָווניק אין אויפשטאַנד פון טאַדעוש

קאָשטשושקאָ און שפּעטער אין דער אַרמיי פון וואַרשעווער פירשטנטום. דאָס קבר פון בערעק יאָסעלעוויטש געפינט זיך פיר קילאָמעטער הינטער קאָצק אויפן אָרט, וווּ בערעק יאָסעלעוויטש איז דעם 5טן מאַי 1809 געפאַלן אין אַ שלאַכט מיט עסטרייכישע רעגימענטן.

דער קאָצקער בית־עלמין, צוזאַמען מיטן קבר פון קאָצקער רבין, ר׳ מענדעלע, איז דורך די נאַציס געוואָרן פאַרניכטעט, אָבער דער גרויסער מאַרמאָרענער מאָנומענט פון בערעק יאָסעלעוויטש, וועמענס אויפשריפט דערציילט וועגן דער העלדישקייט פון דעם יידישן פּאַטריאָט, איז געוואָרן געראַטעוועט. דאָס איז צו פאַרדאַנקען אַ גרופּע געוויסנהאַפטע פּאָלאַקן, וועלכע האָבן ביים אַריינמאַרש פון די נאַציס פאַרדעקט דעם מאָנומענט מיט ערד און שטיינער. נאָך דער באַפרייונג איז דער מאָנומענט צוריק געוואָרן אויסגעגראָבן און איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

דער אויפשריפט אויף דעם נישט־געטעסעטן גראַניט־פעלז לויטעט: „בערעק יאָסעלעוויטש, געבוירן — 1760, געפאַלן — 1809. דאָ באַגראָבן״.

נעבן דעם גראַניט איז אָבער אויך פאַראַן אַ שטיינערנע פּליטע, וואָס איז במשך פון איבער הונדערט יאָר געווען פאַרשיט און פאַרוואַקסן מיט געדיכטן גראָז. דער אויפשריפט אויף דער דאָזיקער פּליטע לויטעט:

„דאָ ליגט פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, וועלכער איז דעם 5טן מאַי 1809 געפאַלן אין קאַמף פאַר פּוילן. דיין רום האָסטו פאַרדינט נישט דורך שאַכער־מאַכער, נאָר דורך פאַרגיסן דיין בלוט פאַרן פאַטערלאַנד (ניע שאַכערקאַן, ניע מאַכערקאַן, זדאָבילעש סאָביע סלאַווען...)״.

דער דאָזיקער אויפשריפט אין אַ העסלעכן אַנטיסעמיטישן זשאַרגאָן איז געוואָרן פאַרדעקט אויף דער פאַראָרדענונג פון דעם ליבעראַלן גראַף זשולטאָווסקי, דעם אַמאָליקן אייגנטימער פון קאָצק, וועלכער האָט אַוועקגעשטעלט דעם גראַניטענעם מאָנומענט.

די נייע סאָציאַליסטישע באַלעבאַטים פון קאָצק, וועלכע האָבן אָפּגעמעקט די לעצטע שפּורן פון דעם גרויסן חסידישן צענטער, האָבן אָבער אויסגעגראָבן די פּליטע מיט דעם שענדלעכן אויפשריפט.

XVIII

„זיי און מיר"

ביז צום חורבן האָט די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון די שטעטלעך על־פי־רוב געוווינט אין די הינטערגאַסן און אויף די וועגן, נענטער צו די דערפער. בלויז די קירכע, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געפונען אין האַרץ פון יידישן תחום־המושב, האָט מיט אירע צלמים און פלאַמיק־רויטן דאַך געוועלטיקט איבער די נידעריק־הילצערנע יידישע הייזקעס מיט די מאָכיק־גרינע שינדלדעכער, און דערמאָנט די יידן, אַז זיי זענען נישט אין גאַנצן ביי זיך אין דער היים.

דאָך האָבן די יידן אומדערשראָקן און שטאָלץ געפירט זייער אייגנאַרטיק שטייגער־לעבן — אין פרייד און אין טרויער. זיי האָבן געפראַוועט חתונות אונטערן אָפענעם הימל פון שולהויף און די לוויות געפירט דורכן מאַרק. פרייטיק פאַרנאַכט האָט דער שמש „געקלאַפּט שבת" גראָד אין די גבירישע געוועלבער, וואָס פלעגן זיך נישט איילן צו שליסן די טירן, הגם די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן אויף מערב־זייט.

ביים אַריינפאָר אין שטעטל, נעבן די געקרייציקטע נאַקעטע קריסטוס־פיגורן, איז ערב שבת אויסגעבירט געוואָרן דער ערוב־תחומין, די סימבאָלישע צוים, וואָס האָט געצייכנט די גרענעצן פון דער הייליקער קהלה. אין די שבתים און יום־טובים האָט דאָס פנים פון די שטעטלעך זיך לגמרי געביטן. די קראָמען געשלאָסן און די וואַרשטאַטן צוגעדעקט, האָט דער יידישער יום־טוב געהויערט אין יעדן ווינקל.

בלויז די שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די שליאַכן פון קריג און אינוואַזיעס, האָבן געהאַט פעסטונגאַרטיקע, געמויערטע שולן. די איבערוויגנדיקע מערהייט פון די בתי־תפילה איז באַשטאַנען פון הילצערנע

בנינים. אין הילצערנע הייזקעס האָבן זיך אויך געפונען די ישיבות און חדרים ,און אין דער נייער צייט — די קולטור־קלובן און ביבליאָטעקן, די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּאַרטיי־לאָקאַלן.

די נעמען פון די דאָזיקע שטעטלעך זענען געוואָרן אַזוי פאַריידישט, אַז זיי האָבן מיט זיך בלויז פאַרגעשטעלט אַ וויטן אָפּקלאַנג פון די נעמען, אונטער וועלכע זיי פיגורירן אויף דער מאַפּע פון פּוילן. פּשיסכע, ראַבישוויו, גער, גריצע, קוזמיר, צוויזמיר, ריישע, רייוויץ, פּאַרצעוו, פּילעוו, מעזריטש און אַמשינאָוו, האָב איך שוין געטראָפן פּאָלשטענדיק „יידן־ריין". זייערע פאַריידישטע נעמען האָבן אָבער אויפגעלעבט טרויעריקע און אויך פריידיקע געשעענישן און אַרויסגערופן אין געדעכעניש קאָלירפולע יידישע געשטאַלטן פון דער נאָענטער און ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

אויף די חורבות פון פאַרברענטע געטאָס זענען אויסגעוואַקסן נייע גאַסן, נייע קוואַרטאַלן, וועמענס איינוווינער זענען אַנגעטראָגן געוואָרן פון דער פרעמד דורכן שטורעם פון דער צייט. דאָ און דאָרט איז פאַרבליבן אַן עלנטער איינזאַמער ייד, וועלכער האָט געוואַכט ביי דער חרובער שול, אָדער ביים פאַרוואָרלאָזטן בית־עלמין, וווּ די פאַרבליבענע מצבות האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם שטיינערנעם פּנקס פון דער אָפּגעמעקטער קהלה.

אויף די מויערן פון די שטעט און שטעטלעך האָבן פּלאַקאַטן אָנגעזאָגט די מילעניום־פייערונגען פון פּוילישן שטאַט אויף אַ שטח פון זעקס יאָר פון 1960 ביז 1966 — לכבוד דעם טויזנטיאָריקן יובל פון דער קרוינונג פון קעניג מיעשקאָ דעם Iטן. באַזונדערע פייערונגען אויף דעם זעלבן פּעריאָד זענען אָנגעזאָגט געוואָרן דורך דער קאַטוילישער קירך, ווייל דאָס יאָר 960 איז אויך די דאַטע, ווען דער קעניג מיעשקאָ דער ערשטער האָט אָנגע־נומען די קריסטלעכע אמונה, צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק.

עס איז אָבער פאַרשוויגן געוואָרן דער מילעניום פון יידישן ישוב, הגם דער ערשטער געשריבענער דאָקומענט וועגן מלך מיעשקאָ איז אין העברעיִש און זיין מחבר איז געווען דער באַרימטער יידישער רייזנדער, אברהם בן יעקב, אָדער איבראַהים איבן יאַקאָב הישראלי, ווי ער איז באַקאַנט געווען אין דער אַראַבישער וועלט. ווען אברהם בן יעקב האָט אין

יאָר 966 באַזוכט דעם הויף פון מלך מיעשקאָ האָבן אין גניעזנאָ, קראָקע און צוויזמיר זיך שוין געפונען יידישע סוחרים און בעלי־מלאכות.

אין יאָר 1958, ווען דער גאָמולקאַ־רעזשים האָט לכבוד דעם מילעניום פּראָקלאַמירט דעם אויפבוי פון טויזנט נייע בנינים פאַר פאָלקס־שולן, זענען הונדערטער יידישע בתי־תפילה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קלובן אָדער מאַגאַזינען פאַר די אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוון אין די „יידן־ריינע" שטעטלעך.

אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון יידישן ישוב אין פוילן, האָט שוין נישט איין מאָל פּאַסירט, אַז גרויזאַמע מושלים, וועלכע האָבן פאַר־טריבן די יידן פון די גרעסערע שטעט אָדער אַפילו פון גאַנצע פּראָווינצן, האָבן זיי שפּעטער צוריקגערופן. באַזונדערס איז דאָס נאָטירט געוואָרן אין טיפן מיטלאַלטער, ווען די יידן זענען תמיד געווען דער שעיר־לעזאזל אין דעם מאַכט־קאַמף צווישן דער אַנטיסעמיטיש־קאַטוילישער קירכע און דער מלוכה.

דער דאָזיקער מאָטיוו האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער אויפ־גייענדיקער יידישער ליטעראַטור אין פוילן. דער יונגער שלום אַש, צו וועמען די ווייסל האָט גערעדט יידיש, האָט וועגן דעם מרמז געווען אין אַ שילדערונג פון אַלטן יידישן קוואַרטאַל אין קראָקע, אונטערן נאָמען „זיי און מיר", וואָס איז אין יאָר 1906 דערשינען אין זיינס אַ זאַמלונג פון קורצע דערציילונגען.

די רמזדיקע שילדערונג פון שלום אַש וועגן דעם יידישן יציאת־פוילן און דאָס צוריקרופן די „מה־יפית־יידן" איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם גירוש־פוילן נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה פון מדינת ישראל, אין יאָר 1967, ווען נאָך אַן אויסברוך פון אַנטיסעמיטישע בלבולים און ראַסיסטישן יאָגד אויף יידן, וועלכע זענען באַזייטיקט געוואָרן פון עפנטלעכן לעבן, האָט דער אויס־געניכטערטער גאָמולקאַ־רעזשים פּרובירט צוריקרופן די אַמאָל אייפערדיקע זינגער פון „רויטן מה־יפית". אָט זענען די וויזיאָנערישע ווערטער פון שלום אַש:

„אַז משיח וועט קומען און די יידן קיין ארץ־ישראל פירן, וועט אַ פוילישער פריץ מיט טויזנטער וועגן און אומוועגן זוכן אַ ייד, כדי ער זאָל

זיך אין זיין דאָרף באַזעצן. אַ פּויליש דאָרף, אָן אַ יידישן אַרענדאַר, אָן אַ יידישער קרעטשמע, איז ווי אַ הויז אָן אַ בלימל. גויים דאַרפן דעם ייד, אויב נישט צו צופּן זיין בערדל, איז כאָטש מה־יפית צו זינגען. אַ גוי גייט אויס פאַרן יידישן מה־יפית. מיצקעוויטש האָט דעם שענסטן מה־יפית אַריינגעלייגט אין מויל פון יאַנקל מוזיקאַנט".

אָט דער מאָטיוו וועגן צוריקרופן די פאַרטריבענע יידן איז אין אומ־אָפּהענגיקן פּוילן אויפגעפרישט געוואָרן דורך דעם פאַרביסענעם אַנטי־סעמיטישן שריפטשטעלער אַדאָלף נאָוואַטשינסקי.

אין אַ סאַרקאַסטישן זעלבסט־אינטערוויו, וואָס נאָוואַטשינסקי האָט אין יאָר 1927 פאַרעפנטלעכט אין „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע", האָט ער אָפּנהאַרציק פאַנטאַזירט וועגן דעם, וויאַזוי אַ יידן־ריין פּוילן וועט אויסזען.

דאָס איז געווען דער חלום פון דער אַנטיסעמיטישער ענדעציע און איר „נביא" ראָמאַן דמאָווסקי, וועמענס יורשים, בראש מיט דעם ראַסיסט און פּאָגראָמשטשיק באָלעסלאַוו פּיאַסעצקי, זענען געוואָרן די סאַמע ענטו־זיאַסטישע שטיצער פון גאָמולקאַ־רעזשים, באַזונדערס נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער גירוש פּוילן.

דער זעלבסט־אינטערוויו פון אַדאָלף נאָוואַטשינסקי, אַגב אַ מוסטער פון פאַלעמישן שאַרפזין, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ פייערלעכער „פאַר־זיכערונג", אַז ער איז אַ קעגנער פון „זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם", אַז ער איז קעגן פּאָגראָמען און בכלל קעגן פיזישע גוואַלד־אַקטן. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט קעגן דעם אַזוי גערופענעם „פּאַן־סעמיטיזם", קעגן דער אַחדות פון יידישן פאָלק, ווי אויך קעגן יעדער פאָרם פון „קולטור־אַסימילאַציע", אָדער קולטור־שותפות מיט יידן. דערביי האָט נאָוואַטשינסקי דערקלערט, אַז צום בעסטן זענען אים ליב די אָרטאָדאָקסיש־פרומע יידן, וועלכע ווילן זיך נישט אויסמישן מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג. ער האָט פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון „נומערוס קלאַוזוס" לגבי יידן אויף אַלע געביטן פון פּוילישן עפנטלעכן לעבן — אין דער פּרעסע, ליטעראַטור, אַדוואָקאַטור, די אַרמיי, און קודם כל אין די אוניווערסיטעטן. צום סוף אָבער האָט ער מעשה־בלעם געשילדערט, ווי אַזוי פּוילן וואָלט אויסגעזען אָן יידן:

„אויפריכטיק גערעדט, אויב עס וואָלטן ביי אונדז אויסגעפעלט אָט די הייס־בלוטיקע הייוון, וואָלט מען זיי באַדאַרפט אימפּאָרטירן, ווייל אין קעגנפאַל וואָלטן אייניקע פון אונדז איינגעשלאָפן, געוואָרן פאַרשימלט, פאַרשטונקען, אָפּגעדאַרט און פאַרזשאַווערט; אַנדערע ווידער וואָלטן גע־וואָרן פאַרפוילט פון זייער אייגענעם לאַקריץ. עס באַפאַלט אַ פּחד, ווען מען טראַכט ווי עס וואָלט אויסגעזען די אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג פון די סלאַווישע שבטים, אָן די פּערמענטירנדיקע, אָדער פוילנדיקע שוועמלעך. מען וואָלט די סעמיטן געדאַרפט אימפּאָרטירן, ווי אַ מין סופער־פּאָספאַט. גאָר עפּעס אַנדערש איז אָבער דער פאַקט, וואָס אין איצטיקן מאָמענט האָט די השגחה מיט גאָר אַ ברייטער האַנט אונדז באַשענקט מיט דעם דאָזיקן סופער־פאָספאָט".

נאָך פיל פריער האָט דער זעלבער נאָוואַטשינסקי געבראַכט צום אויס־דרוק אָט די „פילאָזאָפיע" וועגן די יידיש־פוילישע באַציִונגען אין אַ צוויי־שורותדיקן עפּיגראַם: „ז' נימי טרודנאָ — בעז ניך נודנאָ". אויף יידיש וואָלט מען עס געקענט איבערזעצן בערך אַזוי: „מיט זיי איז שווער — אָבער אָן זיי איז לער".

זינט שלום אַש, און להבדיל נאָוואַטשינסקי, האָבן — פון צוויי עקס־טרעם־קעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן — געשילדערט דעם טראַגישן פּאַראַ־דאָקס פון די יידיש־פוילישע באַציִונגען איז אָבער פאָרגעקומען אַ פונ־דאַמענטאַלע ענדערונג: דער ווידערגעבורט פון מדינת ישראל. די אַנט־שטייונג פון דער יידישער מדינה האָט איבערגעריסן דעם ציקלישן גאַנג פון די יידישע וואַנדערונגען, ווען פאַראַמירטע, באַרויבטע און פאַרטריי־בענע יידן האָבן נישט איין מאָל זיך אומגעקערט אין די לענדער, פון וואַנען זיי זענען פאַרטריבן געוואָרן — דער עיקר טאַקע קיין פוילן.

XIX

אַ גוטע נאַכט, מיין שטעטל

דאָס לעצטע מאָל האָב איך באַזוכט קוזמיר אין זומער 1959, ביים סוף פון „פוילנס אייגענעם וועג צום סאָציאַליזם", ווי מען האָט באַצייכנט דעם קורץ־דויערנדיקן ליבעראַלן פּעריאָד פון גאָמולקאַ־רעזשים. איך בין בכיוון געפאָרן אין אַ דינסטיק, אין טראַדיציאָנעלן וועכנטלעכן יריד־טאָג, ווייל עס איז מיר נאָך אַלץ אַזוי לעבעדיק געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס אַמאָליקע פאַרביקע בילד פון די פויערישע וועגענער מיט גרינוואַרג און עופות, צונויפגעמישט מיט די סחורות אויף די שטעלעכלעך פון די יידישע הענדלער.

אין אַ יריד־טאָג האָט מען אַלע שטעטלשע יידן געזען אויפן מאַרק־פּלאַץ, איינגעשלאָסן די דיינים, מלמדים און די שעמעוודיק־בטלנישע עילויים, וועלכע האָבן די וואָכעדיקע מסחרים איבערגעלאָזט פאַר זייערע ווייבער. דינסטיק האָבן זיי אָבער געהאָלפן אויסלייגן אויף די סטראַגאַנעס די געוואַנטן, מלבושים, שיך, געשיר, שטוב־כלים, געבעקס און אַנדערע סחורות.

אין די יריד־טעג פלעגט מען אויפן קוזמירער מאַרק זען די אויסטערלישע געשטאַלט פון דעם הויכוווקסיקן, באָרדלאָזן מקובל, וועמען מען האָט גערופן שמחהלע נקבה, צוליב זיין אויסזען און קוויטשעדיק־ווייבערישן קול. ער איז געשטאַנען פאַר זיין מוטערס קראָם פון קאַלך און פאַרב, אַכטונג געגעבן אויף דער וואָג און פאַרשריבן די פּדיונות.

שמחהלע איז געווען דער מיוחסדיקער גמרא־מלמד אין קוזמיר און צו זיינע תלמידים האָבן באַלאַנגט די וויל־לערנער פון מרחקים, מיינסטנס גבירישע זין, וועלכע האָבן געצאָלט גאָר אַ הויכן שכר־לימוד. אין שבתים

און יום־טובים האָט שמחהלע געטראָגן טייערע זיידענע זשופּיצעס, גימזענע שטיבלעטן און אַ ריזיקן, סויבלענעם שטריימל, וואָס האָט נאָך געמאַכט אויסטערלישער זיין מאָגערע, הויכע פיגור מיטן צעפּלאָמטן, ווייבערישן פּנים. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן גאָלדענעם טאַשנזייגער, וואָס האָט אויסגעקלונגען יעדע פערטל שעה און צוויי מאָל אין מעת־לעת, ווען די ווייזערס האָבן זיך באַהאָפטן אויף דעם רוימישן צוועלף, האָט דער זייגער אויסגעשפּילט אַ ווונדערלעכע מעלאָדיע. אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז דעם זייגער האָט ער באַקומען פון אַ יונגן גראַף פּאָטאָצקי, וועלכער האָט ביי אים געלערנט קבלה.

צו אַכצן יאָר האָט שמחהלע חתונה געהאַט ערגעץ אין אַ ווייט שטעטל, אָבער גלייך נאָך שבע־ברכות אָפּגעגט דאָס ווייב. די כוונה פון דער חתונה איז געווען: צו קענען קומען צו קבר־ישראל אין אַ טלית.

מען האָט דערציילט אין שטעטל, אַז מען האָט שמחהלען אָנגעבאָטן צו ווערן אַ ראש־ישיבה, אָבער ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן די מוטער, וועלכע איז יונג געוואָרן אַן אַלמנה. זיין אַרויסהעלפן איר אין דער קראָם אין די יריד־טעג, איז געווען אַ באַוויז פון זיין כיבוד־אם, וואָס אַלע מאַמעס אין קוזמיר האָבן מקנא געווען.

אין די יריד־טעג האָט מען ביי אַ שטעלעכל פון פאַרשי־דענע מינים ערדענע טעפּ אויך געקענט זען דעם חלושדיקן אַלטן מורה־הוראה ר' מרדכי, וועמען מען האָט גערופן מרדכי טעפּער. נעבן שמחהלע נקבה האָט ער אויסגעזען, ווי אַן אתרוג נעבן אַ לולב. אויף אָט דער המצאה בין איך געפאַלן, ווען איך בין אַלט געווען סך־הכל זעקס יאָר. ווען מיין פאָטער האָט עס אין מיין אָנוועזנהייט דערציילט שמחהלען, האָט ער מיר געגעבן אַ שאַרפן קנופּ אין באַק און דערביי מיך געלאָזט הערן דעם קלאַנג פון זיין זייגער. ער האָט אַפילו ספּעציעל אָנגעדרייט די וויי־זערס אויף צוועלף, כדי איך זאָל הערן די מעלאָדיע, וואָס איז לאַנג מיר געבליבן אין זכרון.

ר' מרדכי טעפּער האָט געהאַט אַ שפּיציק ווייס בערדל און רויטע אויגן, אָן ברעמען. דער גרויסער סאַמעטענער הוט מיט דער יאַרמולקע פון אונטן, האָבן נאָך קלענער געמאַכט זיין ביינערדיק בלאַס פּנים, ממש

הויט און ביין — אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו זיין פלוניתטע, חנהלע די טעפערין, אַ ברייטע, געזונטע יידענע מיט אַ פול פנים, רויט פון ווינט.

דינסטיק איז געווען אַ נישט־געשריבענער יומא דפגרא פאַר די חדר־יינגלעך, וועלכע האָבן אַרויסגעהאָלפן אין מסחר די עלטערן, אָדער די אשת־חיילדיקע ווייבער פון זייערע מלמדים. דער יריד מיט זיינע גראָשנדיקע פדיונות איז געווען אַ טייל פון פאַרביקן לעבנס־שטייגער אין דעם פרידלעך־אידילישן צוזאַמענלעבן צווישן שטעטלדיקע יידן און די פויערים פון די אַרומיקע דערפער.

די פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַטן פון די אַנטיסעמיטישע רעזשימען האָבן די באַדייטונג פון די דאָזיקע סטראַגאַנעס פונאַנדערגעבלאָזן צום פאַרנעם פון „יידישע עקאָנאָמישע פעסטונגען", וואָס זענען געשטורעמט געוואָרן דורך אויפגעהעצטע כוליגאַנעס. די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע אַקציעס" זענען אָפט באַגלייט געוואָרן דורך פּאָגראָמען, וואָס האָבן זייער הויכפּונקט דער־גרייכט ערב דעם נאַצישן איבערפאַל אויף פּוילן. קוזמיר איז געווען אַן אויסנאַם און די אידיליע פון שטעטלדיקן יריד איז ביז צום חורבן נישט געשטערט געוואָרן.

דער יריד, וואָס איך האָב אָבער אָנגעטראָפן אין קוזמיר, פופצן יאָר נאָכן חורבן, איז געווען נישט מער ווי אַ בלאַסער שאָטן פון אַמאָליקן מאַרק־טאָג — קוים עטלעכע שטעלעכלעך און וועגענער, צווישן וועלכע עס האָבן זיך פויל באַוועגט געציילטע קויפערס. עס איז געווען אַ „יידן־ריינער" יריד.

איך האָב אויך נישט געפונען קיין איינציקן ייד צווישן די זומער־געסט אין דעם קאָאָפּעראַטיוון רעסטאָראַן „עסטערקאַ" אויפן מאַרק־פּלאַץ און נישט אין די פול־געפּאַקטע גאַסטהייזער, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין די רעסטאַווּרירטע גאָטישע שפּייכלערס, לענגויס דעם ווייסל־ברעג.

דער געפילדער און דאָס זינגען פון דעם זאַרגלאָזן פּוילישן יונגוואַרג האָט קוים אַריינגעדרונגען אין מיין באַוווסטזיין. איך האָב כסדר צוריקגע־בליקט צום קוזמיר פון אַמאָל. די סעדער, די טאָלן און די פעלדער, די באַרג־שיפּועים, ווו איך האָב געקענט יעדע סטעזשקע, האָבן אַן אויפהער ביי מיר אַרויסגערופן רעמיניסצענצן וועגן מענטשן און געשעע־

Chaim Goldberg

נישן פון פאַרשווונדענעם יידישן קוזמיר. דאָס פריש־רעסטאַווּרירטע שטעטל האָט מיר אויסגעזען צו זיין מאָדנע אומרעאַל.

ביים סוף פון מיינע וואַנדערונגען, בין איך אין שפּעטן נאָכמיטאָג דערגאַנגען צום פּאָלינישן קלויסטער, וואָס טורעמט זיך הויך איבערן שטעטל. שוין בעת מיין ערשטן באַזוך אין קוזמיר, האָט מען מיר געהאַט דערציילט, אַז דער קלויסטער־הויף איז געוואָרן אויסגעפלאַסטערט מיט מצבות פון די צוויי אָפּגעמעקטע יידישע בית־עלמינס אין שטעטל. דע־מאָלט איז אָבער דער קלויסטער געווען פאַרוועבט מיט רושטאָוואַניעס און געשלאָסן צוליב דעם רעמאָנט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דעם אַלטן בנין.

מיט אַ געפיל פון טיפן אומרו האָב איך גענומען קלעטערן איבער די הויכע טרעפּ אונטערן דאַך, וואָס האָבן געפירט צום קלויסטער. די ווענט אויףביידע זייטן פון לאַנגן קאָרידאָר זענען געווען באַדעקט מיט פּרימיטיווע פרעסקן, וואָס איך האָב גוט געדענקט פון מיינע פריִע קינ־דער־יאָרן. זיי האָבן פאַרגעשטעלט סצענעס פון די „פּערצן סטאַנציעס" אויף קריסטוסעס וועג צו דער קרייציקונג.

ביים סוף פון די טרעפּ האָבן אין אָפענעם הויף זיך פאַר מיר אַנט־פּלעקט די איבערבלייבענישן פון דער „גאַלגאָטע" פון די קוזמירער יידן. דאָס זענען געווען האַלב־רונדע מצבה־שטיינער פון פאַרשידענער גרויס, וואָס זענען אונטערן דרוק פון פּראָטעסטן געוואָרן אויסגעגראָבן פון באָדן אויפן הויף און אַוועקגעשטעלט לענגויס דער קלויסטער־מויער — מיט די אויפשריפטן צו דער וואַנט.

ווען איך האָב פּרובירט אָנבייגן אַ מצבה, כדי צו זען דעם אויפ־שריפט, האָט מיט אַ סקריפּ זיך געעפנט די געקאָוועטע קלויסטער־טיר און עס האָט זיך אַרויסגעבויגן דער נאַקעטער קאָפּ פון אַ מאָנאַך אין אַ ברוינער סוטאַנע. בעת אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, בין איך פלוצים דורכגענומען געוואָרן מיט אַ באַגער צו זאָגן קדיש אויפן קול. אָבער די ווערטער „יתגדל ויתקדש" זענען מיר פאַרגליווערט געוואָרן אויף די ליפּן און עס האָט מיך גענומען קלעמען אין האַלדז. איך האָב אָבער נישט אַראָפּגענומען מיינע בליקן פון דעם מיטליאָריקן מאָנאַך מיט דעם פולן פּנים, וועלכער האָט מיט אַ מאָל צוריק געצויגן דעם קאָפּ און

האַסטיק פאַרמאַכט די שווערע קלויסטער־טיר. מיט צוגעאײַלטע טריט בין איך אַראָפּ פון די טרעפּ.

פון דער פײַנלעכער איבערלעבונג אויפן קלויסטער־הויף בין איך אַרײַנגעפאַלן אין דער זאַרגלאָזער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דעם רעסטאָראַן פון „אַרכיטעקטן־הויז". די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ציגאַרעטן־רויך און בראָנפן. ביים הויפּט־טיש האָב איך דערקענט פּראָפ. סטאַניסלאַוו סקושעשעווסקי מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן לייבן־קאָפּ און צעשויבערטע גרויע האָר. לעבן אים איז געזעסן זײַן יידישע פרוי פון דער באַוווסטער אַרטאָדאָקסישער מאַנדלבוים־משפּחה אין קראָקע — אַ שלאַנקע, מיט גלאַט־אָנגעצויגענע שוואַרצע האָר, אַליוו־טונקל פּנים און טרויעריקע אויגן.

פּראָפ. סקושעשעווסקי, אַ קאָמוניסטישער וועטעראַן פון פאַר דער מלחמה, האָט פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס אין דעם נייעם רעזשים אין פּוילן. ער איז געווען דער ערשטער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין פּאַריז, דאַן בילדונגס־מיניסטער און אויסערן־מיניסטער. נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, האָט ער זיך צוריקגעצויגן צו זײַן אַקאַדעמישער פּאָזיציע, אָבער זײַן פרוי איז ווייטער פאַרבליבן די לייטערין פון פּאַרטיי־אַרכיוו.

אין מאָמענט, ווען סקושעשעווסקי און זײַן פרוי האָבן מיך אײַנגעלאַדן צו זייער טיש, האָט עמיץ הויך אויסגערופן מײַן נאָמען, און ביי אַ זײַטיק טישל האָב איך דערזען דעם באַוווסטן פּוילישן רעוואָלוציאָנערן פּאָעט, וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי, וועלכער איז געזעסן מיט זײַן פרוי. בראָניעווסקי, וועלכער האָט זײַן אַנטוישונג אין קאָמוניזם אָפּט פאַרגאָסן מיט בראָנפן, איז שנעל צוגעקומען צו מיר און אַרומנעמענדיק מיך אויסגעשריִען: „לאָמיר זינגען אַ יידיש לידל!" — און דאַן מיט אַ הייזעריקער שטימע אינטאָנירט אין יידיש: „אַז דער רבי אלימלך..."

ווען אַ צעטומלטער פון דעם אינצידענט האָב איך אַזוי שנעל נישט געענטפערט אויף זײַן אַרויספאָדערונג, האָט בראָניעווסקי אויסגעשריִען: „זינג, זינג, שרעק זיך נישט פאַר די אַנטיסעמיטן!..."

אין דעם אויגנבליק האָט דער געוועזענער מיניסטער זיך אויפגעריסן פון טיש און האַסטיק גענומען אַרויסשפּאַנען פון זאַל. זײַן פרוי איז

אים גלייך נאָכגעגאַנגען. מיט אַן אויסדרוק פון גרויס פאַרלעגנהייט האָט פרוי בראַניעווסקי זיך אַנטשולדיקט פאַרן עולם און נעמענדיק איר מאַן אונטערן אָרעם אים אַרויסגעפירט פון זאַל.

אַ געפּלעפּטער בין איך אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך געשטאַנען אין זאַל, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט פון די בליקן פון די עטלעכע צענדליק געסט, פאַר וועמען עס איז געווען אַ רעטעניש אָט דער פרעמדער באַזוכער, וועלכער האָט זיי געשטערט דעם מאָלצייט, און איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט, אַז עס איז נישטאָ מער פאַר מיר קיין „איבערנעכטיקן" אין מיין היימשטעטל.

ווען איך בין אַרויס אויפן מאַרק־פּלאַץ, האָט אויפן נידעריקן נאָך ליכטיקן הימל זיך באַוועגט אַ גרויסע געלע לבנה, וואָס האָט מיך דער־מאָנט וועגן בראַניעווסקיס פּאָעמע „די לבנה פון פּאַוויע־גאַס". עס איז אַ באַלאַדע וועגן אַ יידישן רעוואָלוציאָנער אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, וועגן דעם „קליינעם שניידער איציק גוטקינד", מיט וועמען דער פּאָעט האָט געטיילט די „צעלע 21" אין דער פּאַוויאַק־תּפיסה. די לבנה איבערן פּאַ־וויאַק און בכלל איבער די הייף פון דער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, האָט דער פּאָעט געזען ווי אַ יידישע לבנה: „ווי אַן אייער־חלה אַזוי געל..." אָדער „אַ גאָלדן קנעפּל", וואָס דאָס פאַרחלומטע שניידער־יינגל וויל צונייען צו אַ מלבוש. פון אָט דער באַלאַדע, וואָס איך האָב איבערגע־זעצט אויף יידיש, האָט זיך דאַטירט דער אָנהייב פון מיין פריינדשאַפט מיט דעם גרויסן פּוילישן פּאָעט.

אַ געוועזענער אָפיציר אין פּילסודסקיס לעגיאָנען, איז בראַניעווסקי געווען דער ערשטער פּוילישער פּאָעט, וועלכער האָט אין זיינע לידער געבראַכט צום אויסדרוק די ביטערניש און אַנטוישונג אין אומאָפּהענגיקן פּוילן. פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט איז בראַניעווסקי אָפּט לאַנגע חדשים אָפּגעזעסן אין פּאַוויאַק, צוזאַמען מיט יידישע רעוואָלוציאָנערן, פון וועלכע ער האָט זיך טאַקע אויסגעלערנט יידיש.

בראַניעווסקיס וועג צום „פּאָלקס־פּוילן" האָט געפירט דורך פּוילישע תּפיסות און סאָוויעטישע שקלאַפן־לאַגערן. ווי אַ צושפּיל פון דער בי־טערסטער איראָניע איז דער פאַקט, וואָס אָט דער פירנדיקער פּוילישער רעוואָלוציאָנערער דיכטער איז פון די סאָוויעטישע שקלאַפן־לאַגערן גע־

ראַטעווועט געוואָרן דורך דער נאַציאָנאַליסטישער פּוילישער אַרמיי פון גענעראַל אַנדערס, מיט וועמענס אַפּטיילונגען בראַניעווסקי איז אין יאָר 1942 אָנגעקומען אין נאָענטן מזרח.

במשך פון דריי יאָר צייט, ביז דער באַפרייונג פון פוילן, האָט בראַ־ניעווסקי געלעבט אין ארץ־ישראל. די לידער, וואָס ער האָט דאָרט געשריבן, שפּיגלען אָפּ דאָס צעבראָכענע געמיט פון דעם פּאָעט, וועלכער געפינט אַ טרייסט אין דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט, ווו שיכטנווייז זענען געוואָרן פאַרשטיינערט די שפּורן פון געפאַלענע טיראַנען.

די אומדערוואַרטע באַגעגעניש מיט וולאַדיסלאַוו בראַניעווסקי אין קוזמיר האָט מיך אַרויסגעשלאָגן פון דער פאַרחלומטקייט, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען בעת מיינע וואַנדערונגען איבער די פּלעצער און געסלעך פון שטעטל — סאָמנאַבולישע וואַנדערונגען אין מיטן העלן טאָג, אויפן ראַנד פון צוויי וועלטן.

דעם זעלבן אָוונט האָב איך פאַרלאָזט קוזמיר. ווען דער האַלב־ליידי־קער אויטאָבוס האָט גערירט פון אָרט, האָב איך דערזען, ווי עס האָט זיך פּלוצים אָנגעצונדן דאָס ליכט אין פענצטער פון „דאַנציקער הויז", ווו עס האָט זיך געפונען די דירה פון מיינע עלטערן. בייטאָג האָט דאָרט קיינער נישט געענטפערט אויף מיין קלאַפּן אין טיר. אַ ווײַלע האָב איך זיך געוואַקלט, צי איך זאָל צוריק אַראָפּגיין, כדי צו זען די יורשים פון מיין היים. איך בין אָבער געבליבן זיצן אין אויטאָבוס, וואָס האָט פון מאַרק־פּלאַץ לאַנגזאַם זיך פאַרקערעוועט צו דער ווייסל און שנעל זיך אַ טראָג געטאָן איבערן שאָסיי. ווי אין אַ טראַנס האָב איך פּלוצים גענו־מען מורמלען: אַ גוטע נאַכט, מיין שטעטל!

עס איז געווען דער סוף פון מיין לעצטן באַזוך אין קוזמיר און פון דער לעצטער נסיעה קיין פוילן. עס איז אויך געווען די לעצטע באַגעגעניש מיט דעם פּאָעט וולאַדיסלאַוו בראַניעווסקי, וועלכער איז געשטאָרבן מיט דריי יאָר שפּעטער, ווען די „ריטער" פון אַ יידן־ריינעם פוילן האָבן אַלץ מער און מער גענומען אויפטויכן אין עפנטלעכן לעבן אין לאַנד. דאָס זענען די מיטגלידער פון נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמיטישן אונטערגרונט, וועלכע זענען אין דער „פּוילישער פאָלקס־רעפּובליק" אָפּגעזעסן לאַנגע

יאָרן אין תפיסה — פאַר זייער יאַגד אויף יידן און קאָמוניסטן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, און אַפילו שוין נאָך דער באַפרייונג.

נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש פון יאָר 1956, זענען אָט די פּאַרטיזאַנער געוואָרן באַפרייט און רעהאַביליטירט. זיי האָבן דאַן גענומען אָנפילן די רייען פון „זבאָוויד" (פאַרבאַנד פון געוו. קעמפער פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע), וואָס האָט איינגעשטעלט אָפּטיילונגען איבער אַלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן. אַ „זבאָוויד"־אָפּטיילונג איז אויך געגרינ־דעט געוואָרן אין קוזמיר.

בעת דער זעקסטאָגיקער מלחמה פון מדינת ישראל, אין יוני 1967, האָט „זבאָוויד" פאַרנומען דעם אויבנאָן אין דער העץ־קאַמפּאַניע קעגן די ציוניסטן און בכלל קעגן דער טראַגישער שארית־הפּליטה פון די יידן אין פוילן, וואָס איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ טאָטאַלן באַזייטיקן פון עפנטלעכן לעבן די לעצטע יידן, איינגעשלאָסן די פאַרבאָרגענע „מאַראַ־נען" מיט פאַרשטעלטע פּוילישע נעמען.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן דער יציאת־פּוילן פון די דאָזיקע אָפּגע־פרעמדטע יידן, וועלכע האָבן געגלייבט, אַז די כוואַליע פון שנאת־ישראל וועט צו זיי נישט דערגרייכן. צווישן אָט די גולי־פּוילן האָט זיך אויך געפונען דער לעצטער קוזמירער ייד בערל ציטרין, אָדער באָלעסלאַוו זיע־לינסקי, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן דורך זיין קריסטלעכער פרוי, וואָס האָט אים אויסבאַהאַלטן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, און זייערע צוויי טעכטער.

אין זומער 1968, ווען דער גירוש פון די יידן אין פוילן איז שוין געווען אין פולן גאַנג, איז אין דעם קאַטוילישן „פּאַקס"־וואָכנבלאַט „וואָרצ־לאַווסקי טיגאָדניק קאַטאָליקוווי", וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער העץ־קאַמפּאַניע קעגן מדינת ישראל, דערשינען אַ לענגערער באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון „זבאָוויד" אין קוזמיר און וועגן די העלדישקייטן פון די אָרטיקע פּאַרטיזאַנער בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. דער ספּע־ציעלער שליח פון דעם זשורנאַל, מג"ר באָגוסלאַוו גיידזשינסקי, האָט ציטירט דעם וויצע־פּאָרזיצער פון „זבאָוויד" אין קוזמיר, וויקטאָר בו־טשיאָר, וועלכער האָט דערקלערט אַז אין שטעטל און אין דער געגנט,

זענען נאָך פאַראַן העכער 150 געוועזענע פאַרטיזאַנער, וועלכע זענען באַרעכטיקט צו ווערן מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע.

ביים לייענען דעם דאָזיקן באַריכט, האָב איך געטראַכט, צי צווישן די דאָזיקע „פאַרטיזאַנער" געפינען זיך נישט אַמאָל די מערדער פון די צוויי קוזמירער יידישע בחורים, אַשכנזי און גאָלדפאַרב, וועלכע זענען געהאַט צוריק געקומען פון די נאַצישע לאַגערן, אָדער פון באַלטשע פאַנטש מיט אירע צוויי קינדער, וועלכע האָבן דורך דער גאַנצער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע זיך אויסבאַהאַלטן ביי אַ פּוילישער משפּחה אין קוזמיר. אַלע זענען זיי דערמאָרדעט געוואָרן אין טאָג, ווען אַן אָפּטיילונג פון דער רויטער אַרמיי האָט באַפרייט דאָס שטעטל.

„די מלחמה־זאַוויערוכע — שרייבט באָגוסלאַוו גיידזשינסקי — האָט חרוב געמאַכט דאָס שטעטל און גורם געווען דעם אומקום פון אַ באַדייטנ־דיקער צאָל פון דער באַפעלקערונג". דאַן דערציילט ער, אַז אין שטעטל־דיקן מוזיי איז פאַראַן אַ באַזונדערס רייכע זאַמלונג פון דאָקומענטן וועגן די אַקטיוויסטן פון די פאַרטיזאַנער, „איינגעשלאָסן אַ רשימה פון 382 קרבנות פון דער נאַצישער בעסטיאַלישקייט". עס ווערט אָבער גאָרנישט דערציילט וועגן די העכער 3.000 שטעטלדיקע יידן, וועלכע זענען אומגע־בראַכט געוואָרן דורך די נאַציס און עס ווערט בכלל מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט, אַז אין קוזמיר האָבן ווען עס איז געלעבט יידן.

אינעם באַריכט וועגן קוזמירער „זבאָוויד" זאָגט זיך, אַז דער פּער־מאַנענטער לאָקאַל פון דער פאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אין „קולטור־הויז", ווו עס איז אויך פאַראַן דאָס שטעטלדיקע קינאָ. עס ווערט אָבער נישט דערמאָנט, אַז דאָס „קולטור־הויז" איז איינגעשטעלט געוואָרן אין בנין פון דער אַלטער קוזמירער שול. דאָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ רעפלעקס וועגן דער פינקוס־סינאַגאָגע אין פּראָג, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאָנומענט פאַר די יידישע מאַרטירער. אויף די ווענט פון דער היסטאָרישער שול זענען פאַראייביקט געוואָרן די נעמען פון די העכער 79 טויזנט טשעכאָסלאָוואַקישע יידן, וועלכע זענען אומגעבראַכט געוואָרן בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

בעת מיין לעצטן באַזוך אין קוזמיר האָט דער קאָנסערוואַטאָר פון די

היסטאָרישע דענקמעלער אין קוזמיר, קאַראָל סיטשינסקי, זיך מתנצל־געווען פאַר מיר, אַז דאָס פאַרשווייגן דעם אורשפּרונג פון שטעטלדיקן קולטור־הויז איז גיכער אַן אויסדרוק פון בושה, ווי פון בייזוויליקייט.

די דאָזיקע „בושה" איז אָבער ביי די קוזמירער שטאָט־באַלעבאַטים פאַרשוווּנדן נאָך דעם שגעון פון שנאת־ישראל, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם גאָמולקאַ־רעזשים צוליב דער זעקסטאָגיקער מלחמה. דער מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקסשטימע", יאַנקל גוטקאָוויטש, וועלכער האָט באַזוכט קוזמיר אין אָקטאָבער 1967, האָט נאָטירט, אַז אין די מודעות וועגן די פילם־אויפפירונגען אין שטעטלדיקן קינאָ האָט זיך געזאָגט, אַז זיי קומען פאָר אין דער „געוועזענער סינאַגאָגע".

די פאַרצייכענונגען פון יאַנקל גוטקאָוויטש („פאָלקסשטימע", דעם 6טן יאַנואַר 1968) זענען פול מיט רמזים און הייבן זיך אָן מיט דער באַמערקונג, אַז אויף דער נסיעה קיין קוזמיר האָט ער מיטגענומען מיט זיך יהואָשס תנ"ך־איבערזעצונג. וואָס שייך „יידישע שפּורן" אין שטעטל האָט ער זיי געפונען אויפן נייעם בית־עלמין מיט די איינצלנע איינגעפאַלענע מצבות: „די שפּעטסטע מצבות זענען פון ניין־און־דרייסיקסטן יאָר. ווייטער איז מען שוין נישט געשטאָרבן, ווייטער איז מען שוין אומגעקומען".

דאַן קומט אַ שילדערונג וועגן באַזוך אין דער שול „מיט דעם געוועלבטן סופיט און דעם באַלקאָן, די אַמאָליקע ווייבערישע שול מיט די פענצטער־נישעס אַן שויבן" — און פון דעם „אסתרקע־רעסטאָראַן", ווו אין פריִען באַגינען „נעמט מען אין מויל דעם ביטערן טראָפּן..."

„אין אָוונט האָבן איך אַריינגעקוקט אין יהואָש, אין מגילת אסתר, אַן אַנדערע אסתר, אויך אַ קיניגין". דערפון איז גוטקאָוויטש אַריבער צו זיין שמועס מיט דעם שטעטלדיקן גלח, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז פון אַלע קוזמירער יידן האָט זיך געהאַט גערעטעוועט בלויז אַ קליין מיידעלע, „אסתרקע דעם קצבס", וועלכע האָט פאַרבלאָנדזשעט אין קלויסטער־גאָרטן, ווען די געסטאַפּאָ איז געקומען נאָך די יידן, אָבער סוף־כל־סוף איז זי אויך אומגעקומען.

„אסתרקע האָט געהאַט אַ גוטן אויסזען — האָט דער גלח דערציילט —

בלויע אויגן, גאָר נישט קיין ייִדישע, און האָר — ווי זאַנגען אין פעלד, בלאָנדע, פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּלעך. אָבער אלצאיינס האָבן מיר געהאַט צרות פון איר. זי פלעגט זיך פאַרגראָבן אין אַ ווינקל און קאָנען אָפּזיצן שעהנלאַנג פאַרקוקט אין איין פּונקט. זעלטן פלעגט זי אַרויסגיין פון איר באַהעלטעניש. צי האָט עמעץ געוווּסט פון איר עקזיסטענץ? די ווירטין מיינע, און מער, מסתמא, קיינער נישט. איר מוזט דאָך וויסן, וואָס פאַראַ צייטן ס'זענען דאַן געווען".

„איינמאָל האָב מיר איבערגעלעבט טויט־שרעק. אסתרקע איז פאַר־פאַלן געוואָרן. אַרויס אין גאָרטן און ווי אין וואַסער אַריין. זיך נאָכפרעגן איז נישט געווען ביי וועמען. צייטן אַזעלכע געווען. שפּעטער, ווען זי האָט זיך אָפּגעפונען, האָט מען פון איר אויך קיין טאָלק נישט געקענט דערגיין. נאָר שטעלט זיך פאָר, מען האָט זי אָפּגעפירט אַהער צו אונדז. ווער? דאָס ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג. וואָס שייך אונדז, זענען מיר געוואָרן נאָך מער פאָרזיכטיק. עטלעכע טעג האָבן מיר זי אויסבאַהאַלטן אין אַ גרוב פון קאַרטאָפל. דערנאָך האָבן מיר זי צוריק אַריינגענומען אין שטוב. דאָס מיידל איז געוואָרן נאָך מער איינגעשלאָסן אין זיך, פאַר־שווונדן דער שמייכל פון אירע בלויע אויגן. ווען זי איז צום צווייטן מאָל פאַרפאַלן געוואָרן האָבן מיר געמיינט, אַז זי וועט זיך ווידער אָפּזוכן. זי האָט זיך אָבער נישט אָפּגעפונען מער. עפּעס זענען יאָ אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אין שטעטל, אָבער נאָכפרעגן האָבן מיר נישט געוואַגט. מיר האָבן געהאָפט בלויז אויף אַ נס. קיין נס איז אָבער נישט געשען. זי איז אַוועק, די קליינע אסתרל, אויף איר וועג אַליין. אירע רעטער האָט זי אָבער נישט אַרויסגעגעבן. אַזוי איז עס געווען אין יענע יאָרן, מיין ליבער פריינד".

זיינע פאַרצייכענונגען האָט גוטקאָוויטש פאַרענדיקט מיט דעם מע־לאַנכאָלישן אויספיר:

„געקומען בין איך קיין קוזמיר זיך אָפּרוען, אָבער קיין רו האָב איך נישט געפונען".

*

אין האַרבסט 1969 האָט מאַריאַ קונצעוויטש, די באַזינגערין פון קוזמיר, מיר געבראַכט אַ לעבעדיקן גרוס פון מיין היימשטעטל, ווו זי האָט געהאַט פאַרבראַכט די זומער־חדשים, מיט טיפן ווייטיק האָט די מוטיקע שריפטשטעלערין גערעדט וועגן די געשעענישן אין פּוילן. ווי אין אַ פאַרזוך מיך צו טרייסטן, האָט זי מיר דערציילט, אַז אין פּאַולינישן קלויסטער אין קוזמיר ווערן הינטער גלאָז אויפגעהיטן אָפּגעראַטעוועטע כלי־קודש פון דער אַלטער שול — אַ ספר־תורה מיט אַ גאָלד־געשטיקטן מענטעלע, סידורים, צעדריוולטע זייטן פון גמרות און אַנדערע הייליקייטן, וואָס זי האָט נישט געקענט גענוי באַצייכענען. וועגן דער שול גופא האָט זי באַשטעטיקט, אַז עס געפינט זיך דאָרט אַ קולטור־קלוב.

דאָס האָט אין מיין זכרון אויפגעוועקט זכרונות פון שפּאַניע, ווו אין די קלויסטערס פון אַראַגאָן און קאַסטיליע האָב איך געזען די שפּורן פון די אַמאָליקע רומפולע יידישע קהילות, וואָס זענען איינגעזאַמלט געוואָרן דורך די ריטער פון דער הייליקער אינקוויזיציע.

אין באַרצעלאָנע, אין דער פּראַנט־זאַנט פון קאַטאַלאָנישן רעגירונגס־פּאַלאַץ, האָב איך געזען איינגעמויערט אַ פראַגמענט פון אַ מצבה מיט העב־רעישע אותיות — „הקדוש ר׳ שמואל הסרדו נ.ב.ה.״ — און דערלעבן אַן אָנדענק־טאָוול אין שפּאַניש, וואָס דערציילט, אַז די דאָזיקע מצבה פון יאָר 692 איז געפונען געוואָרן אין דער חורבה, אויף וועלכער דער רעגירונגס־פּאַלאַץ איז געוואָרן אויפגעבויט אין יאָר 1820.

אין בנין פון קולטור־הויז אין קוזמיר איז נישט איינגעמויערט געוואָרן קיין שום טאָוול, וואָס זאָל דערציילן, אַז אין די דאָזיקע פעסטונג־אַרטיקע מויערן האָט זיך געפונען די היסטאָרישע שול פון דער אָפּגעמעקטער 700־יאָריקער יידישער קהילה. .

דער גרוס וועגן די יעזואיטן פון קלויסטער אין קוזמיר, וועלכע האָבן גענומען אונטער זייערע פליגל די רעשטלעך פון די יידישע כלי־קודש, האָט ענדגילטיק אין מיר דורכגעבראָכן די פאַרגליווערונג, וואָס האָט געמאַכט מיך אָפּהענטיק יעדעס מאָל, ווען איך האָב זינט דעם חורבן גענומען שרייבן די כראָניק וועגן אויפשטייג און אונטערגאַנג פון מיין היימשטעטל.

יעדע דערינערונג וועגן קוזמיר איז געווען אַזוי פריש. יעדער נאָמען, יעדער עפּיזאָד האָט ווי געטאָן און האָט זיך נישט געלאָזט באַצווינגען מיט קיין ווערטער. ערשט דאָס בילד וועגן דער ספר־תורה און די צעדריוולטע ספרים, וואָס זענען אין יאָר פון גירוש־פּוילן מומיזירט געוואָרן אין דער גלעזערנער קלויסטער־גאַבלאָטקע — האָט געמאַכט אין מיר דעם דורכברוך.

עס איז געווען גלייך ווי די צייט וואָלט זיך פּלוצים צוריקגערוקט מיט אַ האַלבן יאָרטויזנט און די קוזמירער יידן וואָלטן אומגעקומען אויף די שייטערהויפנס פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, און נישט אין די נאַצישע גאַז־קאַמערן — אויף די אויגן פון אונדזער דור.